STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11452

EYNEMS YIDISHE MAHSHOVES IN TSVANTSIKSTN YORHUNDERT

Melech Ravitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

★

איינעמס
יידישע מחשבות
אין
צוואנציקסטן יאָרהונדערט

★

MELECH RAVITCH:
JEWISH THOUGHT IN THE TWENTIETH CENTURY

PUBLISHED BY DAVID LERMAN,
CORRIENTES 2211, BUENOS AIRES

PRINTED IN CANADA—MONTREAL 1949
BY THE NORTHERN PRINTING AND STATIONERY
27

מלך ראַוויטש

★

איינעמס
יידישע מחשבות
אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

עסייען

בעיקר אויף די טעמעס:

א. וועגן צונויפשטעלן און קאָנאַניזירן א צווייטן תנ״ך

ב. ליניע און קרייז, אָדער: ייד און וועלט.

★

פארלאַג פון — דוד לערמאַן — בוענאָס איירעס

1949

הויפּט־פאַרקויף: יידישער ביכער־צענטער

BOOK-CENTER ● 4629 PARK AVENUE

MONTREAL 8 — — — — — — — — — — CANADA

דער תוכן

ערשטער טייל

זייט

1944. והיה באחרית הימים, א ליד — — — — — — — — — — — 9

1947. וועגן איינשליסן אין א ספר הספרים די יידישע
מחשבה און מעשה פון די לעצטע 2000 יאָרן — 12

הדרגות

1939. כּאָטישע ווערטער וועגן דאָגמעס — — — — — — — — 39

1941. מכוח פאַרגענגלעכע ביכלעך און אייביקע ספרים — — 47

1942. דער תנ״ך — א בליק פון אן עם הארץ — — — — — — 53

1943. פארוואָס זאָל נישט צוזאַמענגעשטעלט און קאנאָניזירט
ווערן א צווייט יידיש ספר הספרים? — — — — 58

1943. מחשבות אויף דער טעמע: פארוואָס זאָל נישט צונויפגע־
שטעלט און קאנאניזירט ווערן פאר יידן און פאר דער
וועלט א צווייט ספר אזא ווי עס איז דער תנ״ך? — — — 66

1945. מחשבות וועגן נייע עיקרים — — — — — — — — — — 84

1945. ווידער א וואָרט וועגן נײַע יידישע דאָגמעס, א נייעם
תנ״ך, א נייער רעוויזיע — — — — 89

1946. בוך, ספר און ייד — — — — — — — — — — — — — — 94

1946. רופט עס: נאַציאָנאַלער חשבון־הנפש, רופט עס: נייער תנ״ך 99

צווייטער טייל

1. דערנערוואַרק

1917־1947. מעדיטאַציעס וועגן גאָט און וועגן יידישן גאָט — 104

1917־1947. מעדיטאַציעס וועגן יידישקייט און אנטי־יידישקייט 120

2. הדרגות

1941. זיבן קליינע געדאַנקען וועגן איין גרויסן געדאַנק — — 153

1942. מחשבות און מעדיטאַציעס פון א יידישן אנטיסעמיט — 159

1944. ווער טאַקע, ווער איז דער מנהיג, דער משורר, דער נביא,
דער פילאָזאָף פון אונדזער פאָלק אצינד? — — — 164

1944. א חשבון הנפש — — — — — — — — — — — — — 168

1945. וואָס איז א ייד? ווער איז א ייד? — — — — — — — — 173

1945. אויף די וועגן צו א געשלאָסענעם וועלט־באַנעם,
אין גייסט פון ספינאָזא — — — — 178

1946. וועגן אינטעגראַלער יידישקייט און וועגן דעם
דערציאונגס־פּראָבלעם ביי יידן — — — — 181

1946. די אבסטראַקטע וועלט־גערעכטיקייט און דאָס
קאָנקרעטע יידישע וועלט־פאָלק — — — — 185

3. סך הכל

1947. ליניע און קרייז — קרייז און ליניע, אָדער: ייד
און וועלט — וועלט און ייד — — — — 188

הקדמה

דאָס דרוקן פון דעם דאָזיקן בוך האָט זיך פאַרצויגן מער ווי א יאָר. אביסל איז שולדיק אין דעם א טעכנישער צופאל, נאָר נאָך מער די כוונה פון דעם מחבר. דער רייטוואָגן פון דער וועלט־געשיכטע בכלל און יידישער געשיכטע בפרט פליט איצט מיט ריזן־שפרונגען פאָרויס, נישט מיטן אויג צו דערכאַפּן און קוים מיטן שכל צו באַנעמען. און אזוי ווי אַלץ, וואָס אין דעם בוך איז דאָ, איז געשריבן געוואָרן נאָך פאַרן סוף פון יאָר 1947, האָט דער מחבר פשוט געוואָלט געווינען צייט און קריגן דיסטאַנץ צווישן זיך אַליין פון אָנהויב 1949 און זיין אייגן וואָרט פון סוף 1947. דאָצווישן ליגט דאָך דאָס גורלדיקע יידישע יאָר 1948.

אוודאי וועלן אסך זאַצן אין דעם בוך קלינגען אַנאַכראָניסטיש, דער עיקר יענע, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דעם, אז עס איז נישטאָ קיין יידישע מלוכה. דעריבער האָט טאַקע דער מחבר צו יעדער זאַך באַזונדער — חוץ צו די עטלעכע הונדערט אפאָריזמען, וו דאָס איז נישט מעגלעך געוועזן — צוגעגעבן דאָס יאָר, ווען זי איז געשריבן געוואָרן. נישט חלילה צוליב דער אייטלקייט פון זעלבסט־איינגלויבן, אז ער פאַרלייכטערט דערמיט די ארבעט זיינעם א קומענדיקן ביאָגראַף... און נאָר כדי נישט צו דערשיינען, פאַר אַן עווענטועלן אויפמערקזאַמען לעזער, ווי א מענטש, וואָס לעבט אויסער צייט.

דער לייטמאָטיוו פון דעם בוך איז יידישע אינטעגריטעט אלס וועלט־פאָלק אין צייט און שטח. אויף אָט די בלעטער זוכט א יידישער יחיד, א ייד, וואָס איז אויפריכטיק נישט רעליגיעז און באַלאַנגט נישט צו קיין איינער פון די יידישע פאַרטייען, און ממילא צו קיין שום פאַרטיי נישט, זיך אַליין דאָך צו אינטעגרירן אין דער יידישער וועלט־אינטעגריטעט אין שטח און אין צייט. ער האָט דערך ארץ פאַר אַלע אויפריכטיק פרומע, וואָס באַווייזן עס מיט מעשה, ער וויל אָבער אויך רעספעקטירט ווערן אין זיין נישט־פרומקייט. ער רעספעקטירט אויפריכטיק אלע און אַלערליי יידישע פאַרטיי־מענטשן פון דעם עקסטרעמען ציוניסט ביז דעם עקסטרעמען קאָמוניסט, אויף וויפיל זיי פאַרלייקענען נישט די יידישע וועלט־אינטעגריטעט. ערשט אָט די פאַרלייקענונג באַטייט אין דער אמתן דאָס אויסשליסן זיך פון יידישן כ ל ל.

דאָס בוך איז אריינגעקלאַמערט אין צוויי פאָלוסן. צווישן די צוויי באַוועגן זיך אַלע טראַכטענישן זיינע. דאָס זענען: דער ערשטער און דער לעצטער עסיי פון אָט די פאַרהונדערט בלעטער. אַלץ איבעריקע זענען דערנער און אויך הדרגות פון דעם וועג, אויף דעם וועג, צו דעם ציל, וואָס איז אוודאי נאָך נישט דערגרייכט און וועט אפשר קיינמאָל נישט דערגרייכט ווערן. זאָלן נישט חידושן די אָפטע איבערחזרונגען פון איין אין דעם זעלבן געדאַנק אין אַלערליי וואַריאַציעס. נישט צוליב נאָכלאָזיקייט, נייערט מיט א בפירושער כוונה ווערן אָט די אלע וואַריאַציעס געגעבן אין די בלעטער. אויסגעשפּראָכענע געדאַנקען זענען בדרך כלל דאָ ווייניק

אין דער וועלט, א פשיטא שוין ביים שרייבער פון די שורות, מעדיטאציעס ארום געדאַנקען זענען אָבער דאָ אסך, זיי העלפן ארויס צו פארשטיין א געדאַנק. און — אגב — א געדאנק, וואָס מען האלט פאר ריכטיק, דאַרף מען נישט מיד ווערן צו זאָגן נאָך אַמאָל און נאָך אמאָל. און וואָלט איך די אלע געדאַנקען, אויף וויפיל זיי זענען עס, נישט געהאלטן פאר ריכטיק, וואָלט איך זיי כלל נישט געזאָגט און זיך בעסער געהאלטן אָן דער קאַפּיטע פון א פּאָעט, ווי מיין גוטער פריינט יצחק באשעוויס האָט מיר דאָ אנומלט עפנטלעך געעצהט, נאָכן איבערלעזן מיינעם אַן עסיי, וואָס איז, אגב, דער ערשטער אין דעם בוך.

איך בלעטער אין דעם בוך, בשעת שרייבן די הקדמה, און איך זע לויטער פלעקן און איך שרעק מיך פאר זיי. אָבער ווי איך גיב א קוק אויף דעם גאנצן, איז עס ווי איך וואָלט געקוקט אויף אַן אימפּרעסיאָניסטיש בילד — זע איך אויך די געדאַנקלעכע גאנצקייט, בארויק איך מיך. און — אגב — האָב איך דען א ברירה? איך וועל דאָך סאַי ווי נישט קענען באַצווינגען דעם אינערלעכן צוואנג, וואָס ברענגט אָט דאָס בוך ארויס.

א פּאָר פון די עסייען אין דעם בוך האָבן געהאט ליידנשאפטלעכע אָפּרופן, ווען זיי זענען דערשינען אין צייטשריפטן. די אָפּרופן זענען לרוב געווען קעגנערישע. אָבער פּאָזיטיווע אָפּרופן זענען געווען נישט ווייניקער, דאָך נאָר אין פּריוואַטע בריוו. און דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש. מיר לעבן אין א צייט אַזאַ, ווען נישט יעדער איז גרייט אלץ, וואָס ער טראַכט, אויך צו זאָגן עפנטלעך. דער מחבר שטעלט זיך מיט אָט די ווערטער אליין נישט ארויס פאר א צדיק, מסתמא וואָלט אויך ער נישט אלץ, וואָס ער טראַכט, געזאָגט עפנטלעך, ווען אומשטאנדן ארום אים וואָלטן געווען אנדערע. איינס אָבער מוז ער זאָגן: ער האָט זיין לעבן לאנג מיט א כוונה געשאַפן ארום זיך אומשטאנדן, וואָס דערמעגלעכן אים איצט צו זאָגן אלץ, וואָס ער טראַכט.

עס וואָלט אפשר געווען רעכט צו געבן אין דער הקדמה, אדער בכלל ערגעץ־ווו אין דעם בוך, אויסצוגן פון די אלע נעגאַטיווע און אויך פּאָזיטיווע אָפּרופן אויף א טייל פון די עסייען. און איך ווייס אליין נישט מיט וואָס צו פאַרענטפערן — פּאַרוואָס איך טו עס נישט. אפשר פּשוט מיט מידקייט. א יידישער שרייבער מוז דאָך אלץ טון מיט די אייגענע הענט, יעדע טעכנישע ארבעט. און דאָס איז א טעכנישע ארבעט. און — אז מיר רעדן שוין וועגן טעכניק — זאָל מען מיר מוחל זיין די דרוקגרייזן און אויך די אָפּנויגן פון דער ייוואָ־אָרטאָגראַפיע, אַן וועלכער איך האָב מיך געוואָלט האַלטן און עס דאָך נישט אויסגעפירט בשלימות. אויך די אייגענע מעשה.

דאָס בוך רופט זיך „יידישע מחשבות אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט״. אָבער, אז איך האָב אַמאָל צווישן פריינט דערציילט וועגן דעם טיטל, האָט איינער פון זיי אויפמערקזאַם געמאַכט, אז אָט דער טיטל קען אויסגעטייטשט ווערן, אז דאָס איז א סטודיע אָדער א קווערשניט איבער אלערליי, אָדער אלע מחשבות יידישע אין דעם יאָרהונדערט און נישט בלויז — אייגענע מחשבות. און כדי אויסצומיידן מיספּאַרשטייענישן האָב איך — לכל הדעות — צוגעשריבן צום אָנהויב פון דעם נאָמען פון בוך נאָך א וואָרט „איינעמס״. איצט — האָף איך — וועט שוין קיין מיספּאַרשטייעניש נישט מעגלעך זיין.

און אז איך שרייב שוין וועגן דעם נאָמען פון בוך — וויל איך שוין דערמאנען, אז לכתחילה האָט עס געדארפט הייסן „אויף דער ליניע פון שווערן ווידערשטאנד”. וואָלט דאָס אָבער צו פּרעטענציעז געווען. זאָל שוין דערבלייבן דער ווייניקער פּרעטענציעזער נאָמען.

בשעת צונויפשטעלן דאָס בוך, בשעת שרייבן די לענגערע עסייען אין אים, האָט עפּיס א כוח מיך כסדר אונטערגעיאָגט און אן אינעווייניקסטע שטים האָט מיר כסדר אונטערגעזאָגט, אז צוליב דעם בין איך געבוירן געוואָרן און דאָס איז דער תמצית פון אלע מיינע טעג. אָבער אז דאָס בוך איז געלעגן פארטיק האָט מיך אן אנדערער כוח כסדר צוריקגעיאָגט און א שטים האָט מיר אונטערגעזאָגט: נישט דו, נישט דאָ, נישט איצט. און כאָטש עס איז נאָך ווייט פון דעם געפיל: דו, דאָ, איצט — לאָז איך אָבער דאָס בוך אָן אינערלעכער מורא ארויס. זאָל עס אים און זיין מחבר באווערט זיין וואָס עס איז זיי ביידן באשערט. און אויב דו — בוך — וועסט דאָ און איצט לחלוטין נישט באמערקט ווערן, ווערן דערמיט די געדאנקען, וואָס דו טראָגסט (אזוי שלעכט, אָדער אזוי גוט, ווי זיי זענען דורך דיינע בלעטער ארויסגעבראכט געוואָרן), נישט צעשטערט. זיי וויסן — בוך — (דער מחבר זאָגט עס דיר אויף דער שוועל אין דער וועלט אריין) אז אלץ, וואָס עס איז אין דיר ארייגעשריבן געוואָרן, איז געשריבן געוואָרן מיט דער פולער איבערצייגונג, אז דאָס איז דער וועג צום יידישן אמת. צום יידישן אמת אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

און די סתירות, מיט וועלכע די בלעטער זענען פול? דער עיקר אין די אפאָריזמען, וואָס דערשיינען אונטער דעם נאָמען „דערנערוואַרק” אויף די זייטן 104 ביז 152. יאָ — די סתירות. זיי זענען נאַטירלעך און אומפארמיידלעך אין אזא מין זאמלונג פון כתבים פון א וועלטלעכן ייד אין דעם יאָרהונדערט פון סתירות, אין א וועלט פון סתירות. אוודאי זענען זיי באמערקט געוואָרן דורך דעם מחבר און אויך איבערגעלאָזן מיט א כוונה. דער עיקר טאקע אין יענער אָפּטיילונג, וואָס האָט לכתחילה אינגאנצן געדארפט הייסן „סתירות”.

און אז איך בלעטער איצט די פּאָר בלעטער פון דער נאָר וואָס אָנגעשריבענער הקדמה גופא — טראכט איך: איז דען דאָס ג א נ צ ע ב ו ך עפּיס מער ווי א הקדמה? איז צו וואָזשע א הקדמה צו א הקדמה? אָבער אזוי איז שוין די טבע פון זאכן און דער עיקר מיין טבע: צו שרייבן הקדמות.

און ביים סוף וויל איך דאנקען מיין מערקווירדיקן פריינט ד ו ד ל ע ר מ א ן, וואָס דערמעגלעכט מיר אין א קאָמערציאליזירטער און פּארטייאיזירטער וועלט ארויסצוגעבן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס האָט נישט אין זיך קיין איין פּראָצענט אפילו פון קאָמערציעלן בוך־ווערט און עס שפּארט זיך אויך נישט אָן אָן קיין איינער פון די עקזיסטירנדיקע פּארטייען אויף דער יידישער גאס. דוד לערמאן איז דעם 28טן פעברואר 1949 אלט געוואָרן 60 יאָר — דאָס איז טאַקע היינט — זאָלזשע אָט דער דאנק זיין אויך גלייכצייטיק א ווונטש פון נאָך לאנגע געזונטע און ארבעטזאמע יאָרן אויפן געביט פון יידישער ביכער־ארויסגעבעריי.

מאָנטרעאל, דעם 28טן פעברואר 1949. מ. ר.

צו רחל אייזענבערג

פאר פריינטשאפט דערהויבנסטער, וואָס האָט נישט קיין נאָמען —
מיט דאנק טיפסטן, וואָס האָט נישט קיין ווערטער.

מ. ר.

ערשטער טייל

והיה באחרית הימים

א ליד פון גורל, פון שליחות און פון טרייסט

געשריבן אין די טעג פון באפרייאונג פון ווארשע.

אני מאמין — יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
פונקט ווי כ׳גלויב, אז כ׳בין א זון פון הינדע בת בלימע, מיין מאמען.
אני מאמין — כאָטש צעקריגט בין איך כמעט מיט אלע דרייצן
אני מאמינס פון דעם מוח, דעם אייזערנעם און שפיציקן פון רמב״מען.

יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
מעג איך מוזן שטיין און גיין דערפאר ווי א מצורע אָפּגעזונדערט
פון די פרומע, די ציונים, די יאהודים און אויך אפיקורסים.
איך גלויב, און גלויבן מוז איך, כאָטש איך בין אן עכטער זון פון
[20־טן יאָרהונדערט.

יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
מיט ציינער און מיט נעגל האלט איך אָן דעם גלויבן.
לאַך, לאַך — דו ציניקער, האלט דיך ביי די זייטן;
לאַכסט אריין אין אויגן פון א בלינדן, אויערן פון א טויבן.

ווייל בלינד און טויב איז מיין אמונה, יידיש פאָלק, אין דיין שליחות,
ווי בלינד און טויב עס איז געווען די אלוועלט־שנאה צו אונז יידן.
הויך און העכער האָט געהויבן — ביז צום הימל זיך מיין גלויבן,
וואָס נידריקער, שאול תחתיה־הייסער יידן־שנאה יוכעס פלעגן זידן.

קיין אויסוועג איז נישטאָ! אין דעם דאָזיקן געבענטשט־געשאָלטענעם גן־גיהנם
איז אונזער בוים פארפלאנצט. א בוים פון אייביק לעבן, אייביק גאָט־
[דערקענען.

זיינע וואָרצלען שטעקן טיף, זיינע ברייטע פירות־שווערע צווייגן שפאַנען
איבער אלע פעלקער זיך. אונזער גורל איז צו זיין און בלייבן וואָס מיר זענען.

נישטאָ פאר אונז, אין אלע פיר דימענזיעס, קיין אָרט, קיין צייט קיין אנדערע,
אונטער קיין לבנות און אונטער קיין שום זונען.

צווישן אלע פעלקער פון דער ערד במזיד האָט אונז גאָט א וואָרף געטון,
[פארלוירן;
צווישן אלע פעלקער פון דער ערד האָט בשוגג אונזער גורל אונז געפונען.

יידיש פאָלק, איך גלויב אין דיין שליחות,
כאָטש מיינע ציינער קריצן שאַרף פון ווי און צום הימל ביילן זיך די פויסטן.
קיין אויסוועג איז נישטאָ .ס׳איז מיטן ים. לאָמיר אָנכאַפּן דעם רודער
און פירן שטארקער אונזער שיף אין דעם וועלט־שטורעם צעברויזטן.

אָט איז דיין שליחות, יידיש פאָלק; אין א וועלט וואָס איז אין שיינקייט
[און אין זינד פארזונקען,
מיט אויגן: תאווהדיק הייס־בלויע אפלען איינגעטונקט אין בלוטיק־רויטע
[ווייסלען,
צו שרייען שמע אין איינעם פאָרט, אין איינעם פאָרט, אין איינעם פאָרט;
דיין שליחות, יידיש פאָלק, איז דער וועלטס געוויסן אויפצוטרייסלען.

פונקט ווי גאָט־וואָרט אייביק דיין שליחות — אייביק בלוט־באָד איז
[געווען דיין גורל.
נישט אַנדערש נאָר אזוי צום יובל פון די יובלען
גייט די וועלט. און כאָטש איינמאָל אין א יעדן וועלט־יאָרהונדערט
האָט זי זיך געמוזט אין שטראָם פון דיינע בלוטן — פאָלק מיינס — טובלען.

וואָזשע נוצט עס אָט דעם גורל ווי א שווערן שטיין אין הארץ צו טראָגן,
א שטיין פון טענה און ניט־גלויבן?
בעסער שוין אים ווי א פליגל־פּאָר אויף דער נשמה לאָזן וואקסן
און אויף זיי צו אלע העכסטע הייכן — פאָלק מיט זיך און זיך
[מיט פאָלק — דערהויבן.

און דער עיקר — אין דער העלפט פון איצטיקן יאָרהונדערט, קעגן וועלכן
ווי א קינדער־שפּיל עס זענען, ווי אונז, אלטע אינקוויזיציע־פּיינען;
די גזירות ת״ח ות״ט, די אכציקער פאָגראָמען, קישיניעוו,
און אויך די כוואליעס יידיש בלוט אין אכצן־ניינצן אין אוקראינע.

און דעריבער איז אן אויסוועג נאָר אן איינציקער פארבליבן:
אינעם גאָס פון בלוט, דעם גרעסטן, זאָט פון האָס, דעם הייסטן,
אויפצוהויבן ס׳הארץ צום הימל, דעם געדאנק צו אלדי שטערן
און מיט אָט דעם גלויבן זיך צו טרייסטן:

אז נאָך יאָרן אלע, אלע דריי־פיר טויזנט,
מיט א גוואלדריס מיט א שרעקלעכן און אומגעריכטן
האָט אין אכט־און־פופציקסטן יאָרהונדערט, אונזער יידישן, במזיד ווידער,
גאָט דערפילט די שליחות און צון א סוף דערפירט די יידישע געשיכטע.

צון א סוף א גוטן אין דעם ים פון בלוטן,
וואָס אונזער פאָלק האָט איצט פארלוירן —
און אז דאָס בלוט פארגיסן האָט געמוזט די וועלטן־מאַמע,
ווייל דעם מענטש דעם נייעם אנדערש האָט זי נישט געקענט געבוירן.

יידיש פאָלק, געענדיקט האָט דיין לייד זיך און אויך דיין שליחות!
מיינע אויגן זעען שוין ביים פעלקער־טיש דיין בלויע קרוין,
דאָס גאָלדן־בלויע בליצן — —]
און מיינע פויסטן עפענען זיך האָפנונגס־פולע,
און די ציינער הערן אויף צו קריצן.

נאָר נאָך נישט, ייד, טאָרסט נאָך נישט די פויסטן עפענען,
מוזט העלפן נאָך די גוטע פון דער וועלט צו פירן זייערע שארפע וואפן,
פארוווּנדעט איז דער אנטי־ייד, דער גרעסטער און דער לעצטער,
עפן נאָך די פויסטן נישט — ווייל פארוווּנדעט איז ער, נאָר זיין הארץ
נאָך נישט געטראָפן.]

אָבער ווען דאָס הארץ פון אנטי־ייד, דער לעצטער חיה אין א צלם־אדם,
וועט צעריסן זיין, און אין שאול צוריקגעפלאָסן זיינע בלוטן, זיינע סמען;
דעמאָלט וועל׳ מיר אלע, אלע אויספירן דעם נביאס ווערטער:
אַקערס קאָווען אויף קאָוואַדלעס, שווערדן שמעלצנדיק אין פלאמען.

און שטיל, ווי תפילה טיף אין הארץ, וועט אין אונז קלינגען: מיט יאָרן
טויזנטער צוריק]
האָט אונז גאָט געשיקט, און געוועזן זענען מיר געטרייער שליח;
געטון איז דאָס שליחות איצט — גאָטס שליח איז מגולגל
אין זיין לעצטן גילגול שוין — ער איז משיח.

* * *

קומט אייך צונויף מיינע חברים, אלע, אלע אינאיינעם,
קומט דיכטער יידישע, קומט לעבעדיקע, און פון שטויב און אש שטייט אויף,
איר טויטע,]
קומט אייך צונויף, מיינע חברים, און העלפט מיר אלע וויינען
טרערן לעצטע נאָך די אלע יאָרן וויסטע, טרערן בלוטיקע, רובינען רויטע.

קומט איך צונויף, מיינע חברים, פון אַלע וועלטן־עקן,
איר גרויסע און איר וועלט־באַרימטע און אויך איר, איר אומבאַקאַנטע;
לאָמיר אויסוויינען די טרערן בלוטיקע און רויטע קודם.
און לאָמיר שפּעטער וויינען טרערן ליכטיקע און קלאָרע, ווי פּערל און
[בריליאַנטן.

טרערן פול בטחון אין א שטוב — דרייפּערטל אויסגעשטאָרבן,
טרערן פול מיט שטאָלץ און פרייד פון דערגאַנגענער שליחות.
קומט דיכטערס יידישע — אַלע, אַלע אינאיינעם —
מיט אָט די טרערן וועל׳מיר אויסזעצן ווי מיט בריליאַנטן א פּאָר נייע לוחות.

און דאָס ערשטע וואָרט אין אָט די נייע לוחות — לעצטע לוחות,
אין בלוט אין יידישן געוואַשן און געלייטערט,
וועט אויך אנכי זיין. נאָר — נישט יהוה —
אדם — וועט דאָרט זיין דאָס וואָרט, דאָס צווייטע.

וועגן איינשליסן אין א ספר הספרים די יידישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע 2000 יאָרן

* * *

דער דאָזיקער רעפעראַט (קליינע הוספות און ענדערונגען זענען גע־מאַכט געוואָרן פאַרן דרוק) איז געלעזן געוואָרן אויף אַן עפנטלעכער זי־צונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, זונטיק, דעם 7טן דעצעמבער 1947. דעם פאָרזיץ האָט געפירט דער וויסנשאַפטלעכער דירעק־טאָר פון ייווא — דר. מאַקס ווייַנרייך. נאָכן רעפעראַט האָבן גענומען קורצע ווערטער, און זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די אָנגערירטע פּראָבלעמען, די פאָלגנ־דיקע יידישע שרייבער: (לויט דער רייע פון זייער אַרויסטרעטונג) אברהם רייזען, יוסף אפּאַטאָשו, משה שטאַרקמאַן, אהרן צייטלין, קלמן מרמר, ישראל גאָלדבערג (רופוס לעאַרסי), ה. לייוויק, חנן איאַלטי, וואָלף יונין, לעאָן קוסמאַן, דר. מאַקס ווייַנרייך.

* * *

דאָס שנירל, מיט וועלכן אייער קנעכט נעמט אַרום דאָס דאָזיקע בינטל — היפשלעך כאַאָטישע — געדאַנקען, וואָס ער טראָגט אייך — חשובע צו־הערער — איצט אונטער, רופט ער: וועגן איינשליסן אין א ספר הספרים די יידישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

אָבער שוין אין דעם קעפּל אליין זענען פאַרהאַנען נישט־פּינקטלעכקייטן. ראשית וואָלט דאָ גיכער געפּאַסט די ציפער דריטהאַלבן טויזנט יאָר — און נישט צוויי־טויזנט.

שנית רעדט זיך עס אין קעפּל, דעפיניטיוו וועגן יידישער מחשבה און מעשה און דאָס וואָלט מען געדאַרפט אויסטייטשן, אַז דאָס קענען זיין נאָר געדאַנקען און כתובים באַשאַפן דורך יידן און מעשים אַקטיווע און פּאַסיווע דורך יידן, אין דער אמתן גייט עס אָבער דעם זאָגער פון די רייד אין מחשבה און מעשה פון, פאַר און אפילו קעגן יידן — אויך פון נישט יידן.

אַזוי איז עס דאָך בפירוש געווען אין אַמאָליקע, אייביק געבליבענע ספרי הספרים ביי אונזער פאָלק.

נור נישט אין טיטל גייט עס. א טיטל איז א היטל. אונז אינטערעסירט דער מוח און דאָס האַרץ.

★

ווייל ווייס איך, אַז התנצלות איז נישט קיין שיינע מידה. און איך ווייס אפילו, אַז . . . נישט אַלעמאָל לאָזט זי זיך אויסמיידן — ווי שטאַרק מען זאָל נישט וועלן.

מוז איך מיך טאַקע לכתחילה אביסל מתנצל זיין:

דער כאַראַקטער און די נאַטור פון דער יידישער סביבה אין מיין גאַ־ליצישן געבוירן־שטעטל, און אין מיין משפחה, זענען געווען אַזעלכע, אַז קיין תלמיד חכם האָב איך זיכער נישט געקענט אויסוואַקסן. מען האָט מיך אפילו קיין איין טאָג אין חדר נישט געשיקט, אפילו קיין ריכטיקע מלמדים נישט געהאַלטן, נייערט דאַטשע, און אין בעסטן פאַל שוין דאַטשמערישע לעהרערס — און דעם פועל יוצא דערפון פיל איך ביטער דאָס גאַנצע יידי־שע לעבן מיינס. העלפן קען איך נישט מער.

אָפט טראַכט איך, אַז מיין אַמעראַצעס איז פשוט א קללה.

אָבער אין מידע שעהן איז זיך דאָס אַמעראַצעס אליין מתנצל פאַר מיר און עס זאָגט מיר אונטער, אַז אַמאָל קען עס אויך זיין א ברכה. און א ברכה דערפאַר, ווייל עס צווינגט איינעם צו מוזן זען דאָס גאַנצע און דעם גרויסן

כּלל — מחמת מען קען נישט אַריינקוקן אין די קליינע, שוואַרצע פּינטעלעך פון דעם אין אמתן אמת אַלע מאָל ווייניקער וויכטיקן פּרט.

אין דעם פאַל, אין מיין פאַל, אין איצטיקן פאַל — אפשר איז עס טאַקע א ברכה.

גרויסע בעלי זכרון קלאָגן זיך אָפּט, אַז צופיל געדענקען איז א לאַסט, וואָס לאָזט נישט זיך אויפהויבן און פליען. קליינע בעלי זכרון קלאָגן זיך, אַז צו ווייניק פון דעם מין איז א צרה, מחמת זכרון איז א פּאָר פליגלען, אָן זיי קען מען אינגאַנצן נישט פליען.

אָבער גענוג מיט דעם. די אַלע התנצלותן האָבן אייער קנעכט פּאַרט געגעבן דעם כּוח אויפצוהויבן פאַר אייך דעם קאָפּ, מיינע חשובֿע, און צו זאָגן גאַנץ פּראָסט און פּשוט דאָס צו וואָס ער האָט זיך דערטראַכט, אָדער עס דאַכט זיך אים אַז ער האָט זיך דערטראַכט, אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרן.

✱

דערטראַכט, דערפאַרשט און דערפילט מיט זיין גאַנצן מהות, אַז — עפּיס מאָנען פון אונז די גוטע פון דער וועלט. מאָנען שטומערהייט. זיי מאָנען פון אונז אונזער וואָרט, אונזער דין וחשבון כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. זיי מאָנען און זיי שרעקן זיך, ווייל זיי האָבן צוויטויזנט יאָרן לאַנג געזייעט שטורעם און זיי דערוואַרטן א הוראַגאַן.

און אויך מיר אַליין — לכּל הפּחות יענע צווישן אונז, וואָס זענען לויט זייער נאַטור באַרעכנטע, און אַזעלכע, וואָס קאָנטראָלירן זייערע אַפעקטן — מאָנען אָט דעם חשבון מיט זיך און דין מיט דער וועלט אין א פּרעציזירטער פאָרם. עס איז א שטום מאָנען, און די דאָזיקע ווערטער אָט אָ דאָ זענען נישט מער ווי אַן אָנרופן מיט א נאָמען א זאַך, וואָס איז דאָ און איז בולט, כאָטש מען האָט איר נאָך אַלץ קיין נאָמען נישט געגעבן. פאַרוואָס? איך וויל אין דעם גאָרנישט אַריינגיין.

עס גייט מיר נישט אין: פאַרוואָס נישט?

עס גייט מיר אין: פאַרוואָס יאָ?!

אין אַסך, אַסך מוחות ײדישע, און אין נאָך מער הערצער ײדישע, לעבט דער געדאַנק וועגן דער נאַציאָנאַלער פאָלקס־לעבנס־נויטווענדיקייט פון איינשליסן די ײדישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע ײדישע טויזנטער יאָרן אין א ספר הספרים — אָבער אויף ווייניק ליפּן איז ער דערווייל אויפגעקומען. די סיבה? אפשר וועט דער וויכּוח נאָך אָט די ווערטער אַביסל ליכטיקער מאַכן אין מוח מכּוח דעם.

און דאָך דרינגט דער געדאַנק אפילו אויף ליפּן אויך דורך. אַמאָל אין א רעדע, אַמאָל אין שריפט און אַמאָל אין ביידע צוזאַמען.

איך וועל ציטירן בלויז צוויי אזעלכע ארויסזאָגונגען לדוגמא:

אין „טאָג" פון 2טן נאָוועמבער 1947, אין א באריכט „ניו־יאָרקער יידישע שרייבער גיבן הארציקן קבלת פנים צו העברעאישע שרייבער פון ארץ ישראל" האָב איך געפונען אָט אזוי צ. א. ציטירט א רעדע פון דר. שמואל מארגאָשעס: — עס דארף אין יידישן שטאָט געשאפן ווערן עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל לויטן גייסט זיין א צווייטער תנ'ך.

אין „יידישן קעמפער" פון 12טן סעפּטעמבער 1947 פארענדיקט דער טיף־רעליגיעזער ייד און יידישער געלערנטער פּראָפעסאָר אברהם יהושע העשל זיין עסיי „דער זינען פון יידישן קיום" (אָן עסיי, וואָס האָט פריער געדינט אויך ווי א רעדע) אָט אזוי: — דאָס איז אפשר דער זינען פון אונזער עקזיסטענץ: מיר דארפן אזוי לעבן, אז פון אונזער געשיכטע זאָל ווערן א תורה.

און אז איך בלעטער צוריק אין רייד און אין שריפטן געפין איך אלער־ליי, וואָס האָט א שייכות. אָט זע איך אין באריכט־בוך פון ערשטן אלוועלט־לעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, פאריז 1937, זייט 307, אז יוסף אפּאטאשו האָט צ. א. אין א רעדע אָט אזוי געזאָגט: כ'וויל היינט אונט אויך ווארפן א וואָרט, ס'זאָל זיך אָננעמען. ס'זאָל זיך איינוואָרצלען צווישן אונז, א וואָרט, וואָס דארף ווערן א טאָט. איינע פון אונזערע מעשים דארף זיין צו שאפן א ניי בוך, דאָס יידישע בוך. אזוינע ביכער האָבן מיר פון עלטערע תקופות, מיר האָבן דעם אָפּשניט פון תנ'ך, פון משנה, פון תלמוד, ווו אסיפות, אויס־געקליבן פון פאָלק, האָבן פון הונדערטער ביכער אָפּגעקליבן אונזערע בעס־טע און אָריגינעלסטע שאפונגען, זיי איבערגעגעבן דעם פאָלק. מיר דארפן א ניי בוך אין יידיש, ווו ס'זאָל אריינגיין אן אָפּקלייב פון אונזערע בעסטע קולטור־שאפונגען פאר די לעצטע טויזנט יאָר.

און אז איך בלעטער נאָך ווייטער צוריק אין מיינע אייגענע רייד און שריפטן, געפין איך אין אן ענגלישן זשורנאל „מאָניטאָר" פון דער בני ברית לאָזשע אין שאנכאי (מאי 1935)אַן אָפּדרוק פון מיינעם א רעפעראַט א. נ. „אונזער מאָדערנער תנ'ך". די לעצטע ווערטער זענען דאָרט: און אויב מיר וועלן צוגעבן צו דער יידישער ליטעראטור די מאָדערנע העברעאישע ליטעראטור און די ווערק פון אלערליי שרייבער, וואָס שרייבן אין אלערליי לשונות און באטראכטן זיך פאר יידן, און אויב מיר וועלן פון אלע די ווערק אַרויסנעמען דעם תמצית, דעמאָלט וועלן מיר באשאפן א ווערק, וואָס מען קען עס אָנרופן „דער מאָדערנער תנ'ך", אָדער „דער תנ'ך פון 20טן יאָרהונ־דערט". עס וואָלט נישט באשאפן א נייע רעליגיע, עס וואָלט אָבער אנטהאלטן ווערטן, וואָס וואָלטן אין ווערטער אונזער דור פאַרייביקט פאר דורות פון

די קומענדיקע יאָרטויזנטער. און ווען מען וועט בלעטערן די זייטן פון דעם אויסגעחלומטן ספר פון 19טן און 20טן י.ה. וועט מען זען, אַז אונזערע ליידן האָבן געהאַט אַ זינען, זיי זענען געווען קרבנות, וואָס האָבן געהאָלפן פאַנאַנדערוויקלען די פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט.

אָבער גענוג מיט ציטאַטן.

אַוודאי זענען די אַלע מחשבות נישט אידענטיש מיט דעם, וואָס עס רעדט זיך דאָ. קיינער קען אָבער נישט לייקענען, אַז זיי זענען אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַלעל. אפשר אַביסל אין זיגזאַג, אָבער די הויפּט־ליניע כמעט פּאַראַלעל.

און געדרעכט איז געווען מיינער, זייער אַ געאַכפּערטער פריינט (וואָס, נישט האָבנדיק קיין רשות דערצו, רוף איך דאָ זיין נאָמען נישט אָן), ווען ער האָט מיר געשריבן, אַז ווען ער וואָלט געלעבט נאָך הונדערט יאָר, און די גאַנצע צייט זיך פאַרנומען בלויז מיט אויפקלערן דעם נס פון תנ״ך — וואָלט ער עס דאָך נישט באַוויזן. און איר רעדט וועגן נאָך אַ ספר־הספרים.

וויוויל עס איז מער ווי אמת, אַז דער תנ״ך איז אַ נס, שטייט אָבער אין ערגעץ נישט געשריבן, אפילו נישט אין תנ״ך, אַז אַ נס קען צווייטמאָל נישט געשען.

✱

אַוודאי רעדט זיך יעדער דור פון יעדן פאָלק איין, אַז ער איז דאָס אויבערשטע פון שטויסל פון זיין פאָלקס געשיכטע. אָבער — נישט קיין צו גרויסע דאָזע פון אָביעקטיוויטעט איז נויטיק, אין אונזער יידישן פאַל, און עס בלייבט קיין ברעקל ספק נישט, אַז מיר שטייען טאַקע אויף אפשר דעם גרעסטן פּרשת דרכים פון אונזער וועלט־געשיכטע. פּרשת דרכים — נישט נאָר אין פיגוראַטיוו־סימבאָלישן, נאָר אין פיזישן זינען ממש. אין טויזנטער יעריקע וויזיעס האָבן מיר פון דער רגע געחלומט אויף אַלערליי אופנים. און יעדע מינדסטע אויפוועקונג, אפילו פון אַ יחיד־מענטש נאָך איין נאַכט, ברענגט אויסניכטערונג, יעדע אויסניכטערונג — שפּאָגל־נייע זאָרגן.

און עפּיס איז דאָך אין אונז, מיט אונז און אַרום אונז געשען אין דער לאַנגער, מילעניאַלער נאַכט.

אַוודאי זעט אין חלומות דער מענטש אַלעמאָל דעם נעכטן, אָבער אין וויזיעס, אָבער אין חזיונות זעט מען דאָך אַלעמאָל דעם מאָרגן. און מיר האָבן חלומות און חזיונות אָן אַ צאָל געהאַט.

לאָמירזשע אויפשטעלן אויפן פּרשת־דרכים אַ לייכט־טורם, אַ סימן פון אַמאָל און גלייכצייטיק אַ לאַמטערן אין דער קומענדיקייט אַריין.

פארהאנען אן אורטאלט ווארט, מיין טאטע שוין פלעגט עס נאכדערציילן פון זיין זיידן, אז אלע יידן קענען זיך, מחמת ווען צוויי יידן טרעפן זיך דאס סאמע ערשטע מאל אין לעבן, האבן זיי צווישן זיך אלעמאל א דריטן, וואסביידע קענען, און צוליב וועלכן זיי ווערן פריינט און זייער אפט אפילו קרובים, און דערפאר זאגט מען, אז כל ישראל חברים.

מיר שטייען אויף אונזער גרעסטן שיידוועג — און ווער ווייסט? נישטא קיין פרעצעדענט אזא אין אונזער געשיכטע.

לאמירזשע באצייטן צוגרייטן דעם דאזיקן מיסטעריעזן דריטן, וואס מיר זאלן אים ביידע קענען און דורך וועלכן מיר זאלן זיך אלעמאל, און אין אלע אייביקייטן, דערקענען ווי פריינט, ווי קרובים, ווי ברידער.

דאס ספר הספרים, וואס זאל איינשליסן אונזער מחשבה און מעשה פון פארגאנגענעם און דורכגעגאנגענעם וועג פון דעם לעצטן גרויסן פרשת דרכים ביזן איצטיקן.

✶

מיר נעמען אלגעמיין אן, אז דער חומש און דער נ״ך, מיט אלץ וואס אין זיי, אין מעשה־פארם און אין געזעץ־פארם, זענען דאס געצווייג אויף א פעסטן, הימלגרייכנדיקן שטאם, א מין מאנאליט, וואס באווייזט דאס וואונדער פון צעצווייגונג, דער מאנאליט פון דער איין־גאט־אידעע.

מיר נעמען אלגעמיין אן דעם געדאנק, כאטש מיר אלע ווייסן, אז — באלויכטן מיט א רעפלעקטאר פון ביבל־קריטיק — קריגט דער מאנאליט גרויסע און געפערלעכע שפאלטן. נאר ווי גרויס די דאזיקע שפאלטן זאלן נישט זיין, דער תנ״ך גופא קען נישט מער ליידן דערפון. ער בלייבט מאנאליט. אזוי זינט די טעג פון די אנשי כנסת הגדולה ביז אייביק. וועגן די ספרים, וואס זענען שפעטער געחתמעט געווארן איז נישטא קיין חילוקי דעות וועגן דער איין־גאט־אידעע, וואס אין זיי.

נאר כאטש דער סייג לתורה שטייט אפילו היינט נאך פעסט — זענען איבער אים, טאקע שוין אפשר זינט דער צייט פון די אנשי כנסת הגדולה, כסדר אריבערגעשפרונגען דיכטער און דענקער און — פאראלעל צום מאנאליט פון דער איין־גאט־אידעע — געשאפן אן איין־מענטש־אידעע. און זי איז דער שטאם ארום וועלכן עס צווייגן זיך די — שוין עקזיסטירנדיקע, אבער נאך נישט איינגעזאמלטע אין איין שייער — אינטעגראלע טיילן פון דעם ספר הספרים, אין וועלכן עס וועט זיין אנטהאלטן די יידישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויי טויזנט, אדער מער יאר.

אין דער אומבאהאלפנקייט פון א מענשן, וואס איז בשום אופן, און אין קיין פרט, נישט קיין וויסנשאפטלער, פרעג איך מיך אפט: דאס ביסל מי־

נימאַלע קענטשאַפט, מינימאַלע און פולשטענדיק דילעטאַנטישע, פלוס דער גליענדיקער יידישער אינטואיציע, זאָגט דיר טאַקע אָן, אַז אַזאַ פּאַראַלעלע אידעע, אויסערן סייג לתורה (און אפשר אין אים — פאַרוואָס נישט?) איז טאַקע דאָ, אָבער לאָזט זיך עס באַווייזן? דו אוודאי נישט, אָבער קענען עס כאָטש אַנדערע באַווייזן?

איך האָב דאָ אַנומלט, גראַד אין אַ גלחישן ביבל־ווערטערבוך, באַמערקט אַ טשיקאַווען געדאַנק (וועמעס ער איז ווייס איך נישט, אפשר איז ער אפילו זייער פּאָפּולער), אַז די סתירות אין דער גאָט־און מענטש־באַהאַנדלונג אין תנ״ך זענען דאָ דערפאַר, מחמת דורך אים דערציט גאָט דער פאָטער זיין זון דאָס יידישע פאָלק. און מען קען דאָך נישט דערוואַרטן, אַז אַ פאָטער וועט לערנען זיין קינד באַלד פון צווייטן לעבנס־יאָר אָן אויפן זעלבן אופן. מיט דעם וווּקס פון דער אינטעליגענץ פון זון וואַקסט און ענדערט זיך לפנים נור די תורה פון דעם פאָטער. ער פּאַסט זיך כסדר צו צו זיין זון, אַזוי לאַנג ביז ער גלייכט אויס דעם זונס באַגריפן מיט זיינע.

דער געדאַנק לאָזט זיך אָנווענדן אויך אויף די צווייטע צוויטויזנט יאָר, אין וועלכע אונזער מחשבה און מעשה בנוגע דער איין־מענטש־אידעע האָט זיך פאַרמירט.

✶

נישט גאָטס קינד, גאָטס זון, זענען מיר געוועזן מער, אַזוי גיך מיר זענען אַרויס אין דער ברייטער וועלט — סאַי נאָך חורבן בית ראשון און סאַי, נאָך מער, נאָך חורבן בית שני — נייערט דאָס קינד אָדער שטיפקינד פון דער וועלט, פון דער מענשהייט. כאָטש די איינרעדעניש, אַז מיר זענען נישט נאָר גאָטס קינד, נאָר גאָטס אויסגעקליבענע קינד איז אונז כסדר נאָכגעגאַנגען און גייט אונז אויך היינטצוטאָג נאָך.

דורכמאַכנדיק אומצאָליקע גילגולים האָט זיך בכן אין אונז, און אַרום אונז, געמוזט פאַרמירן אונזער שטעלונג צו דער וועלט, אונזער שטעלונג צום מענטש, צו דער מענשהייט, די שטעלונג פון דער מענשהייט צו אונדז.

און מען טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דאָס סאַמע, סאַמע ערשטע פון אַלע אונזערע געבאָטן איז לעבן, פּרו ורבו ומלאו את הארץ.

און אַזוי איז עס געשען, אַז די דערהאַלטונג פון מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד, און ממילא אויך אונזער לעבן, האָט — באַוווּסט און אונטערבאַוווּסט — אויסגעפילט אונזער טון און טראַכטן. אַרויסגעשטעלט אויף גאָטס באַראַט, שווימענדיק אויף די כוואַליעס פון דער געשיכטע, האָבן מיר געמוזט טראַכטן כסדר וועגן דעם, צי עס איז בכלל דאָ אַ געזעצמעסיקייט אין זייער שטראָמען און צי קען מען זיי קאָנטראָלירן און רעגולירן.

און אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צו דער נויטווענדיקייט פון אַן עטישן געדאַנק, אויב לעבן זאָל פּראָדוצירן נישט נאָר גליקלעכע אָדער אומגליקלעכע צופעליקייטן, נייערט קאָנטראָלירטע לעבנס־פרייד — וואָס דאָס איז דער הויפּט־געדאַנק ספּינאָזאס.

אין דעם אומענדלעכן שפּיל פון די לעבנס־קרייזן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט זענען מיר געוועזן די אומענדלעכע ליניע, די אַקס אין אַלע די קרייזן, וואָס זוכט און גיט א זינען צו זייער זינלאָזן געדרייז.

די אידעע פון דער הייליקייט און אייביקער אומבאַרירלעכקייט פון איין גאָט האָט זיך מיט דער הילף פון אומצאָליקע גילגולים. רעאינקאַרנירט (דאָס וואָרט איז אפשר געפּערלעך און נישט אינגאַנצן אויפן פּלאַץ דאָ) אין דער אידעע פון דער הייליקער און אייביקער אומבאַרירלעכקייט פון איין מענטש.

און צוריקקומענדיק צו דער אידעע פון גאָטס קינד — מאַטעריעל זענען מיר טאַקע געבליבן אָפּהענגיק פון דער וועלט, גייסטיק האָבן מיר כסדר און כסדר געמוזט מאַנען ביי דעם שטרענגען באַלעבאָס־פאָטער אונזערן און סוף כל סוף אים געבן כסדר אָנווייזונגען ווי זיך אויפצופירן, ווי צו לעבן עטיש.

וואָס טיפער אונזערע ליידן — אַלץ העכער אונזערע אידעאַלן.

*

די צענטראַלע אידעע, די לייכטנדיקע אַקס פון דעם תנ״ך איז די איין גאָט־אידעע.

די צענטראַלע אידעע, די לייכטנדיקע אַקס פון דעם, שוין אויפגעשריבענעם און שוין דורכגעלעבטן ספר הספרים פון דער יידישער מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, איז די איין מענטש־אידעע. לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק, ווי א זון, גייט זי אויף אין די ערשטע יאָר־הונדערטער פאַר און נאָך דער אַלגעמיין אָנגענומענער צייטרעכענונג, כדי הויך און דאָמינירנדיק און איבער אַלץ און אַלעמען צו לייכטן אין זיבעצעטן יאָרהונדערט אין אַמסטערדאַם און אין וואַן דער האַג.

אפשר בלויז פּאַרזיכטיק אַזוי, און אפשר נאָך אומקלאָר און פאַרהוילן און מיסטיש אַזוי זענען געוועזן די אָנהויבן פון דער צווייטער אידעע שוין אין די ספרים פון די נביאים. דער חלום און די בענקשאַפט צום אויסלייזער מענטש. אַסך זענען געוועזן די גילגולים פון דער איין־גאָט־אידעע און אומצאָל, און דאָס איז נאַטירלעך, זענען געוועזן, און זענען נאָך, די גילגולים פון דער איין־מענטש־אידעע. אויך די אידעע פון דעם אויסלייזער־פאָלק, אין א

וועג, געהערט צו דעם. פּילאָס פאַלק־כּוהן און יהודה הלוים הארץ־פאַלק אין דעם אָרגאַניזם מענשהייט. און די אידעע פון משיח בן יוסף און משיח בן דוד. און די טויזנט און איינס פּארמענשלעכטע געשטאַלטן פון אליהו הנביא. און אפילו דער ליימענער גולם־גילגול פון דער זעלבער אידעע.

נישט איך וויל, און נאָך ווייניקער קען איך, דאָ די אַלע גילגולים אויס־רעכענען.

פון די קריסטלעכע אַפּאָסטאָלן ארום דעם מענש, וואָס איז גאָטס זון, דער צווייטער דירעקטער זון נאָך אדם הראשון, לויט קריסטלעכער מסורה, ביז די הייליקע רבי׳ס פון אכצעטן און נײַנצעטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן אויך גערעדט מיט גאָט כּדבר איש אל רעהו — איין ליניע פון בענקשאַפט צו פאַרגעטלעכן דעם מענש, נישט נאָר דעם געקליבענעם יחיד, נאָר יעדן איינציקן יחיד באַזונדער, און דאָס הייסט: דעם כּלל, די מענשהייט אין דער אמתן.

אָט די דאָזיקע מאַכטלאָזע בענקשאַפטן און געפילן, אויסגעדריקט אין וויזיעס און אין בילדער, האָבן געפונען זייער מחשבה־אינקאַרנאַציע (ווי שווער עס זאָל ווידעראַמאָל זיין צו געברויכן דאָ דאָס וואָרט) אין ספּינאָ־זאַס באַוויזענער טעזע, אַז יעדער מענש איז נישט נאָר די וועלט, נאָר ער קען אויך הערשן איבער איר און דאָס הייסט: יעדער מענש איז אין פּאָטענץ גאָט.

די צענטראַלע, די לייכטנדיקע אַקס־אידעע, פון דעם שוין אויפגעשרי־בענעם, שוין דורכגעלעבטן, נאָר נאָך נישט צוזאַמענגעקליבענעם ספר־הספרים, איז די איין מענש אידעע.

*

אויב מען וואָלט געקענט די גאַנצע טויזנטער־יעריקע געשיכטע פון דעם אַקצידענט, און מיר יידן באַלאַנגען צום אַקצידענט, צוזאַמענשליסן אין איין לאָגישן קאָמפּלעט, וואָלט פון אָט דער דיאַלעקטיק איבער יאָרטויזנטער אַריבער אַרויסגעקומען:

די טעזע פון דער אייביק־אַבסאָלוטער גערעכטיקייט פון גאָט, וואָס איז איינגעשלאָסן אין תּנ״ך.

די אַנטיטעזע פון דער אייביקער באַרעכטיקונג פון אַלע מעשים פון מענש, וואָס איז פאַרהאַנען אין דער העלענישער פילאָזאָפיע און איז אויך סוף כּל סוף איינגעשלאָסן אין די ביכער פון דעם נייעם טעסטאַמענט.

די סינטעזע פון ביידע די ספרי הספרים — וואָס איז דאָ אין ספּינאָ־זאַס עטיק. אָבער אָט די סינטעזע איז דערווייל נישט מער ווי אַ נאַקעטער געדאַנק און באַדאַרף די הלבשה פון מעשים און מעשיות. (כאָטש די ווער־

טער קליגגען אזוי ענלעך צו דעם בראסלאווערס רייד וועגן נאקעטע גע־דאנקען — האָבן זיי אָבער קיין שייכות נישט דערצו).

נישט טעזע — די טעזע איז דאָ אין די עשרים וארבע — די אנטיטעזע צוביסלאך און די סינטעזע בעיקר וועט אויספילן דעם ספר הספרים פון דער יידישער מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויטויזנט יאָר.

✶

דאָס מעשהלע פון דעם שעיר לעזאזל איז אין חומש א מדבר־מעשהלע, וואָס עכו״ם־גייסט שוועבט נאָך איבער איר.

די געשיכטע פון דעם שעיר לעזאזל פון דער וועלט וועט אין צווייטן ספר־הספרים אויסוואקסן צו וועלט־געשיכטלעכע דימענזיעס, זי וועט טורעמען הימל־הויך אין זיין אגדה־טייל, זי וועט דורכלייכטן זיין הלכה־טייל. זי וועט ווארענען, אז די געשיכטע לערנט, אז דער שעיר איז גאָר א פעניקס און פון דעם שאול פליט ער באלד ווידער אין זייער גלאָריע ארויף, אבער די ווארפערס זיינע, וואָס פאלן מיט אים, ווארפנדיק אים, בלייבן שוין ליגן טויט צווישן דעם פעלז־געשטיין.

✶

אויף נעמען אויף זיך חובות און אויף פאָדערן פאר זיך רעכט, אויף פליכטן און רעכטן איז געבויט די מענשלעכע געזעלשאפט. רעכט און פליכט זענען דער טרעף־פונקט פון מענש און גאָט, און מיר האָבן א הארבן גאָט אלע מאָל געהאט, און ער האָט געפאָדערט אלעמאָל אסך פליכטן און צוגע־זאָגט זייער ווייניק רעכט. דאָס געבן די רעכט, איז געמאָסטן געוואָרן מיט א קארגער האנט, דער חשבון פון די פליכטן איז צוגעשטעלט געוואָרן מיט א שטארקער האנט. איך ווייס נישט צי עמיץ האָט שוין צעמאָסטן און צעוויגן דעם סכום פון יידישע רעכטן און פליכטן לויטן תנ״ך, נאָר איך בין זיכער, אז טאָמער וואָלט עס עמיץ געטאָן, וואָלט די וואָג שטארק אריבערגעשווערט אויף דער זייט פון חוב און פון פליכט.

אויב עס איז דאָ ערגעץ אויך א מאָס און וואָג פון אונזערע רעכט און פליכטן לויטן נאָך נישט צוזאמענגעשטעלטן ווייטערדיקן ספר הספרים פון אונזער מחשבה און מעשה, געדאנקען־חלום און איבערלעבונג אויף דער וואך פון דערווירקלעכקייט, דעמאָלט האָבן מיר, דער עיקר לויט דער לעצ־טער מעשה פון אונזערע איבערלעבונגען, דאָס רעכט צו זאָגן בפני כל עם ועדה וועלט, אז דער מענש איז שלעכט. ולא יחרץ כלב לשונו — און וועל־כער פון די וועלט־הינט וועט נאָך קענען שארפן זיין צונג אויף אונז און בילן, אז מיר האָבן נישט דאָס רעכט?

אָבער נישט אויף אונזערע רעכטן איז באַזירט אונזער אַמאָל און איצט, נאָר אויף אונזערע פליכטן. זען פּאָרויס קען אפשר גאָט, אָבער קוקן פאָרויס מוז דער מענש, און מיר יידן האָבן אַלעמאָל געקוקט פאָרויס און אַלעמאָל געוווסט, און ווייסן אויך איצט, אַז אַפּזאָגן, אַז דער מענש איז שלעכט און וויטערלעבן איז טראַגיש־העלעניש, מיט איין וואָרט: אום־יידיש. און דע־ריבער מוזן מיר מיט פאַרביסענע ציינער פון ווי און מיט אש פון זעקס מי־ליאָנען אויף אונזער קאָפּ, און מיטן גאַנצן האַרץ פּראָקלאַמירן, אַז דער מענש איז גוט. אַזוי דיקטירט אונז די פליכט, די טיף פאַרשטאַנענע פליכט לגבי אונזער אייגענער קומענדיקייט, און דער עיקר די פליכט לגבי דעם עתיד פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס אַדער מיר זענען אַן אינטעגראַלער טייל אירער, אַדער מיר זענען גאָרנישט. וואָלטן מיר געהאַלטן אונזער בליק אין עבר אריין געווענדט, ווי די העלענער טוען, וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן, אַז דער מענש איז שלעכט, אָבער אונזערע אויגן זענען אַלעמאָל אריינגעעגבערט אין דער צוקונפט און דעריבער זאָגן מיר: דער מענש איז גוט — — אין דער פּאָטענץ, נאַטירלעך. איך מוז דאָ דערמאָנען אַ געוואָגטע זאַך פון אַ יידן, פון דעם משלים־שרייבער לייבל אַליצקי, וואָס האָט זיין, אויף פּוילישער ערד, באַדעקט אַן אייל די הויך מיט יידישן אש, דערשינענע בייע זאַמלונג אָנגע־רופן: דער מענש וועט גוט זיין. דאָס איז יידיש. דאָס וועט זיין דאָס אינער־לעכע קלינגוואָרט פון צווייטן ספר הספרים.

*

די באַרימטע ווערטער, וואָס זענען אַמאָל, אַמאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן ערב אַריבערגיין דעם ירדן, די ווערטער: כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על־כל־מוצא פּי־יהוה יחיה האדם — זענען היינט פּונקט אַזוי אַקטועל ווי אַמאָל, נאָר זיי וואָלטן געדאַרפט אַביסל פּאַראַפראַזירט ווערן: נישט אויף אַ מלוכה אַליין לעבט אַ פאָלק, נייערט אויך אויף אַ מיטאָס, וואָס איז און דאַרף זיין די נשמה פון יעדער מלוכה פון יעדן פאָלק.

איך וואָלט נישט וועלן, אַז מיינע ווערטער זאָלן צוזאַמענגעמישט ווערן מיט וועלכער נישט איז פּאָליטיק פון וועלכער נישט איז פּאַרטיי. צי אויפן שוועל פון אַ קלענערער אָדער גרעסערער מלוכה — אויפן שוועל פון אַריבער־גיין אין אַ נייער געשיכטלעכער פאַזע שטייען מיר געווייס.

האָט דען גאָט מיט אונז נישט גערעדט אין פאַרלויף פון די צווייטויזנט שווערע און אָנגעלאָדענערע יאָרן פון אונזער עקזיסטענץ — פּונקט ווי ער האָט גערעדט אין די ערשטע צווייטויזנט יאָר? פּאַרוואָזשע זאָלן מיר דאָס אַנדערע כל־מוצא פּי־יהוה נישט מיטנעמען מיט זיך ווי אַ נייעם מיטאָס?

בלויז א טרואיזם איז דאָך דער פאַקט פון מיטאָס אין יסוד פון דער מלוכה פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע און אויך פון סאָוועט־רוס־לאַנד. דער קאַנאָן איז אין ביידע די פאַלן, און נאָך אין אַסך אַנדערע ענלעכע פאַלן, דאָ — ער איז נאָר נישט אָפּגעשלאָסן, געחתמעט. און מיר האָבן אַלע־מאָל בפירוש געחתמעט און דאַרפן עס אויך איצט טון.

*

אויב מיר זאָלן אָננעמען אות באות דאָס גמרא־וואָרט, אַז אברהם אבינו — און ממילא אויך זיינע מיליאָנען אייניקלעך אין אַלע טויזנטער יאָרן — זענען עברים דערפאַר ווייל פון איין זייט שטייען זיי און פון דער אַנדערער זייט ברעג די גאַנצע וועלט — איז א בריק צווישן אָט די וועלטן, איבער אָט דעם אָפּגרונט א גרויסע, גרויסע זאַך.

דער תנ״ך — א בריק פון איין פאָלק צו אַלע פעלקער פון דער וועלט. אַ בריק צווישן דער יודעאישער און העלענישער וועלט. א בריק צווישן דער אַמאָליקער געצן־וועלט און דער איצטיקער גאָט־וועלט. א פאַרצווייגטע בריק צווישן די זיבעצן מאָל זיבעציק שפּראַכן פון דער וועלט. און נישט נאָר איז ער א בריק צווישן עבר און עבר מיט אַן עין, נאָר אויך א בריק צווישן אבר און אבר, מיט אַן אלף, צווישן די אָפּגעריסענע אברים פון אונזער פאָלק גופא. און זיין איז ער דאָס דער עיקר דערפאַר, ווייל ער איז דאָ אין אַלע זיבעצן מאָל זיבעציק לשונות.

אָט אַזא בריק וועט זיין דאָס ספר הספרים פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

און קען דען ווער צווייפלען, אַז מיר דאַרפן אַזא בריק, אַז דאָס דויערנ־דיקע פעלן פון אַזא בריק — דער עיקר איצט און א פּאָר צענדליק יאָרן נאָך איצט — קען האָבן קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן? אַן אָפּגרונט, איבער וועלכן עס איז נישטאָ קיין בריק, וואַקסט אפשר נישט פיזיש, אָבער ער וואַקסט גייסטיק. צוויי שטעט אויף צוויי זייטן ברעג־אָפּגרונט, איבער וועלכן עס איז קיין בריק נישטאָ, ווערן מיט דער צייט צוויי באַזונדערע וועלטן, כאָטש דער אָפּגרונט צווישן זיי ווערט נישט ברייטער.

און נישט נאָר א בריק —

נאָר אויך אַן אלכסנדר מוקדון־שווערד, וואָס וועט מיט איין שניט אויפ־וויקלען פאַר אונז דעם גאָרדישן קנופּ פון די פאַרפּלאָנטערטע יידישע דער־ציאונגס־פּראָבלעמען איבער גאָר דער וועלט און אויפשליסן אונז דעם וועג צום זיג איבערן גרעסטן שונא, וואָס לויערט אויף אונז אין די דזשונגלען פון דער קומענדיקייט: די אַסימילאַציע פון די נאָכגייענדיקע דורות. אַלע יידישע לערערס, וואָס נעמען זייער פאַך מיטן טיפסטן האַרצן ערנסט, וועלן פּלוצלונג א נייעם טאָג דערזען, א לאַנג געגאַרט ליכט, א זון פון א ניי לעבן.

✱

עס בלאָסט די קראַפט פון ייִדישן צערעמאָניאַל, וואָס האָט יאָרטויזנטער, יאָרהונדערטער, טאָג אויס און טאָג איין, איבער גאָר דער וועלט, אַרומגענומען דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק: פאַרצווייפלט קוקן זיך דענקענדיקע ייִדן אַרום נאָך אַ צווייטן צערעמאָניאַל, וואָס זאָל קענען זיך צופּאַסן און באַשטיין לאַנג, לאַנג — אפשר אייביק.

האָב איך אַמאָל געהערט, אין דער היץ פון אַ פּאַטעטישער רעדע, אויסרופן מנחם באָרײשאָן: לאָמיר אין יעדער ייִדישער שטוב אוועקשטעלן דאָס נייע ייִדישע בוך אין אַ געהייליקטן ווינקל און זאָל אַ האַלבע שעה אין יעדער ייִדישער שטוב, און יעדן טאָג, איבער גאָר דער וועלט געהייליקט זיין צו בלעטערן אין אָט דעם בוך.

אין פאַרלויף פון אַ וויכוח האָב איך אַמאָל ה. לייוויקן געהערט זאָגן: אוודאי אַ בוך, אַ געהייליקט בוך, אָבער איך קען מיר נישט פאָרשטעלן, אַז מען וועט אַמאָל יעדן טאָג דאַווענען אַ בלעטל שלום עליכם.

דערויף האָט יוסף אָפּאַטאָשו ספּאָנטאַן געענטפערט: אָבער אַ בלעטל פּרץ קען מען יאָ דאַווענען יעדן טאָג.

דאָס אַלץ זענען צופעליקע ווערטער געווען. צופעליקע — און ווידעראַמאָל — כאָטש נישט אידענטישע, זענען זיי אָבער שטאַרק פּאַראַלעל צו די מחשבות, אַרום וועלכע עס דרייען זיך אין ספּיראַלן, מיט אַן אָנגעשטרענגטן ווילן צו שטייגן שריט נאָך שריט כסדר אַביסל העכער, די ווערטער אויף אָט די בלעטער.

אויך די זוכער פון אַ צווייטן צערעמאָניאַל וועלן פלוצלונג אַ נייעם טאָג דערזען, אַ לאַנג געגאַרט ליכט, אַ זון פון אַ ניי לעבן, אַ באַנייטע הייליקע עבודה. בלויז באַנייט. דער טראָפּ איז אויף דעם וואָרט באַנייט.

✱

פון צוויי זייטן פון דעם גרויסן אינזל אויף אונזער פּלאַנעט, לויט די געאָפּאָליטישע באַגריפן, פון זיין מערב־פּונקט ארץ ישראל און זיין מזרח־פּונקט ביראָ־בידזשאַן, גייט אויף אונז דער אַלטער פּסוק: והיינו גם אנחנו ככל הגוים; ער גייט אויף פון אינעווייניק פון אונז אַליין אַרויס און ער גייט פון אויסנווייניק אויף אונז אַרויף. ער גייט אויף אונז אויך פון צוויי פּאָלוסן פון די וועלט־באַנעמונגען אין אונזער צייט, פון די גרויסע מערבדיקע פּאַראייניקטע שטאָטן מיט זייער אַנטשלאָסענעם ווילן אויפצובויען אַ זעלבשטענדיקע ייִדישע מלוכה, אויסער די גרעניצן פון זייערע טעריטאָריעס, און אויך פון דער גרויסער מזרח־מלוכה, מיט איר אַנטשלאָסענעם ווילן אויפצובויען אַ ייִדישע מלוכהשאַפט אין די גרעניצן פון אירע קאָלאָסאַלע לענדערייען, און

אויך מיט איר שטיצן דאָס בויען פון דער יידישער מלוכה אויסער אירע גרעניצן. דער באגריף „יידיש וועלטפאָלק״ גייט לעצטנס דורך זייערע גיכע און אומדערוואַרטע מעטאמאָרפאָזעס. וואָס שייך די צוויי מיליאָנען יידן אין ראטן־פארבאנד האָבן זיי שוין, זינט עטלעכע יאָר, אן אָפיציעלן נאָמען: דאָס סאָוועטישע יידישע פאָלק. דאָס אולטימאטיווע פנים פון דער מערב־מעטאר־מאָרפאָזע פון יידישן וועלטפאָלק וועט זיך גיך באווייזן נאָך דער באשאפונג פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל. און דער והיינו גם אנחנו ככל הגוים וועט זיין קאָמפלעט, אָבער שטארק, שטארק אנדערש ווי אין די צייטן פון שמואל הנביא.

נאָך זיינע וועלטרייזעס האָט דער זאָגער פון די ווערטער זיך געשטעלט די גורל־פראגע: איין יידיש פאָלק — אָדער 75 יידישע פעלקער? דעמאָלט, און געווען איז עס איינגאנצן מיט זיבן יאָר צוריק, האָט עס געקלונגען מער וואָרטשפּיל ווי ערנסט. היינט שטייען מיר פאר א דריי־טיילונג בלויז, דריי יידישע פעלקער, אָבער סאנקציאָנירט און ראטיפיצירט דורך דעם פּארלא־מענט פון דעם פּלאנעט.

קיין קראפט אין דער וועלט קען זיך נישט, און וועט זיך נישט קענען, אנטקעגנשטעלן דער לאָגיק פון אזא סיטואציע פון א צווייטויזנטיאָריק וועלט־פאָלק, אויף אָט דעם פרשת דרכים, איינצושליסן זיין מחשבה און מעשה — יענע, וואָס איז נאָך נישט אזוי איינגעשלאָסן — אין א ספר הספרים. עפּיס זענען מיר דאָך, חוץ אלעמען, זינט דעם זיבעטן יאָרהונדערט, אויך דאָס עם הספר.

✶

קלאָרע און פּרעציזירטע דאָגמעס, אָדער דברות, אָדער עיקרים, מוזן אין א ספר הספרים, איין, אָדער צוויימאָל, אָדער מערמאָל, אין א קריסטאליזיר־טער פאָרם זיין איינגעשלאָסן.

א ספר הספרים איז אליין אן אַקס, אָבער די דאָגמעס, דברות, עיקרים זענען די אַקס פון דער אַקס.

און אפילו דער גאנג דאָגמעס, דברות, עיקרים מוז האָבן איין עיקר, איין דאָגמע, וואָס דאָס איז דער, שיר נישט, אומזיכטבארער אימאנענטער כוח זיי־נער, די אַקס פון אלע אַקסן.

איך בין גאָט — — און עס האָט דעם מענטש דערהויבן און סוף כל סוף נישט בעסער געמאכט.

איך בין דער מענטש — און ער וועט טיף אין זיך זינקען און ער וועט בעסער ווערן.

✶

נישט נאָר א צווייטער אנכי אין א באַגייטן רעליגיעזן זינען, נייערט אויך א באַנייטער צוגאַנג צום אנכי פון א פאָלק, און דאָס הייסט צום נאַציאָנאַליזם, וועט זיין אין צווייטן ספר הספרים.

צוויי פעלקער פון דער וועלטס אלע פעלקער, און דאָס, וואָס עס האָט מיט זיי אין די לעצטע יאָרצענדלינקער געטראָפן, וועלן גורם זיין דערצו.

האָט איין פאָלק בשוגג — ווייל במזיד דאָס צו טון וואָלט געוועזן מענטשן־אוממעגלעך — גענומען אויף זיך די ראָלע, ריכטיקער באַקומען די ראָלע, פון דער וועלטס גרעסטן מאַרטירער און אויסגעפּירט זי אין א זעקסמיליאָניקן קאָלעקטיוון איך.

האָט אן אנדער פאָלק במזיד — ווייל צו שלעכטס קעגן יענעם איז לייכ־טער זיך פאַרצושטעלן פרייע בחירה — גענומען אויף זיך די ראָל פון א קאָ־לעקטיוון זעקסמיליאָניקן מערדער.

לאַנג, לאַנג וועלן זיי אזוי שטיין פּנים אל פּנים — אפשר א יאָרהונדערט לאַנג.

מאַרטירער־פאָלק אל מערדער־פאָלק.

און גורם זיין א פולע רעוויזיע פון נאַציאָנאַליזם, אויב מין מענטש זאָל נישט אראָפּ פון פּנים פון דער ערד און איבערלאָזן זיין אָרט דער מוראַשקע אָדער דעם טערמיט.

און דאָס וועט זיין, און איז שוין נאָך איינער פון די אויסקלאַנגען פון צווייטן ספר הספרים.

* * *

איז דער תנ״ך, איז א תנ״ך א בוך?

איז ער א בוך פון ביכער? איז ער א ספר הספרים?

האָט א תנ״ך אן אייגענעם סטיל?

איז דער תנ״ך אן ענציקלאָפּעדיע, א לעקסיקאָן, אן אנטאָלאָגיע? אפשר גאָר א ליטעראַרישער תוהו ובוהו, א כאַאָס?

זענען די מעשהלעך אין אים מעשהלעך, די אלעגאָריעס און משלים — אלעגאָריעס און משלים, און אזוי די לידער, די שטיקער געשיכטע, די כראָ־ניקעס, די נאָוועלן, די ראָמאַנען, די דראַמעס, די געזעצן, די חשבונות און רשימות, די רעגולאַמינען, די גלייכווערטלעך, די רעדעס, די וויזיעס, די גענע־אַלאָגיעס און, און?

און דאָס גאַנצע צוזאַמען — גאַנץ פּשוט תנ״ך, ספר הספרים? אָבער נאָך אלץ ספר?

ניין — נישט ספר, נאָר אידעאל פון ספר, אידעאל פון בוך. אור־בוך, אור־ספר. אידעאל און אידעע פון ספר אין ריינסטן פּלאַטאָנישן זינען.

איך שטעל מיר אפילו פאָר, אז די צונויפשטעלער, אָדער איינער פון די צונויפשטעלער פון תנ״ך האָט שטילערהייט געהאט די אידעע דורך דעם תנ״ך צו קרעירן אין דער ווירקלעכקייט דאָס וואָס איז אזיסט אוממעגלעך — די אור־אידעע, דעם אידעאל פון בוך, און טאקע לויט דער פלאטאָנישער קאָנ־צעפציע פון אידעאלן. כראָנאָלאָגיש איז דאָס זיכער נישט קיין נאָנסענס.

✶

און — אגב— דארף מען דען ערשט איבערחזרן דעם טרויזם, אז סך הכל פון פראגמענטן איז נישט אלעמאָל א מאָטעמאטישער ענין. סך הכל פון פראגמענטן איז אמאָל מער און אן אנדערש מאָל ווייניקער זוי די מאָטעמאָ־טיק ווייזט.

ווען אונזער תנ״ך וואָלט אפילו געווען דאָס אויסשליסלעכע אייגנטום פון אונזער פאָלק, נאָר ער וואָלט נישט געווען סך הכל, און דער סך הכל וואָלט נישט געווען קאָנאָניזירט — וואָלט ער געווען אסך, אסך ווייניקער.

מחמת באוווסטזיניקע זאמלונג איז אלעמאָל אויך קאָנדענסירונג. זאמלונג צווינגט ארויף צימצום. און צימצום איז זייער אָפט קרעאטיווע, נייע שאפונג.

אז מיר ווענלן ווידער זאמלען, באוווסטזיניק זאמלען, וועלן מיר אין דער זעלבער צייט אויך קאָנדענסירן. מיר וועלן אין די זעלבע אוצרות, וואָס מיר פאַרמאָגן היינט אין א פראגמענטירטער פאָרם, ניי ליכט דערזען, וואָס איז דאָ אין זיי, אָבער וואָס שיינט נישט מחמת גייסטיקן גלות אין וועלכן די אוצרות געפינען זיך.

א פעלד מיט זאנגען פולע מיט קערנער איז עפּיס אַנדערש — ווי עס שטייט אין פעלד.

און עפּיס אנדערש ווי עס איז געבונדן אין סנאָפּעס.

און עפּיס אנדערש אין שייער איינגעזאמלט.

און עפּיס אנדערש אין קאָרן־זעק אין שפּייכלער.

און עפּיס אַנדערש אין מעל־זעק אין דער מיל.

און גאָר עפּיס אַנדערש אָלס ברויט אויפן טיש. כאָטש דאָס ברויט איז שוין אין די פולע זאַנגען אויפן פעלד געווען — איז עס אָבער דאָך ערשט אמת געוואָרן, דאָס הייסט ניי־באשאפן געוואָרן, אלס ברויט אויפן טיש.

✶

א פּאָר מחשבות וועגן די עלעמענטן פון א ספר הספרים:

זיין סובסטאנץ איז וואָרט.

די אטריבוטן פון דעם וואָרט אין תנ״ך זענען אמת און יושר.

די מאָדוסן פון דעם וואָרט אין תנ״ך זענען אלע, אין דער צייט פון זיין חתימה, באקאנטע ליטעראַרישע פאָרמען: ליד, משל, דערציילונג, דראמע, באַ־ריכט, כראָניק, סטאטיסטיק, רעגיסטער, געזעץ, באפעל, דראמע, ווידוי, זינג־

ליד, דיטיראַמב, געשיכטע, פּאַנעגיריק, פאַרשריפט, דאָקומענטאַציע, סטאַ־טוט, רעטעניש, בויפּלאַן, בריוו, שליחות, כישוף־שפּרוך, נבואה.

די מאָדוסן פון דעם וואָרט אין א ספר הספרים ביי יידן פון די לעצטע צוויי־טויזנט יאָר וועלן, נאַטירלעך, באַשטיין פון די אַלע אויבן אויסגערעכנטע ליטעראַרישע פאָרמען מיט א צוגאָב פון די ניי־אַנטשטאַנענע פאָרמען זינט דעם תנך. און עס וועלן צוקומען נאָך עלעמענטן, וואָס זענען אין די יאָרן פון דער חתימה פון תנ״ך טעכניש נישט מעגלעך געווען. די עלעמענטן הייסן: בילד און מוזיק־שריפט. די סובסטאַנץ איז וואָרט.

די אַטריבוטן זענען אמת און יושר.

די מאָדוסן — אַלע ליטעראַרישע פאָרמען, און דערצו אַלע גראַפישע מעגלעכקייטן צו פאַרפיקסירן פאַר איצטיקייט און קומנדיקייט, סטאַטיק און דינאַמיק פון מענשלעכער מחשבה און מענשלעכער מעשה.

✶

איך האָב באַקומען א בריוו פון א פריינט אין איראָפּע, א ייד א תלמיד חכם. אָבער נישט קיין רעליגיעזער מענטש. ער האָט מיר געשריבן: איך האָב געהערט, אז דו האָסט געמאַכט אן ארבעט וועגן קאַנאָניזירן אן אויסקלויב פון דער יידישער ליטעראַטור . . . א.א.וו. — — איך האָב מיך טיף געוווּנדערט, איך האָב פשוט נישט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי אין געדאַנק פון מיין פריינט האָט זיך געקענט אריינפלאָנטערן אַזאַ אידעע, וויאַזוי האָט ער — נישט נאָר מיין ווייניקייט — נאָר ווער עס איז געקענט צושרייבן אַזאַ מין נישט דער־טראָגענע האַלב־אידעע?

איך האָב מיט א צייט צוריק באַקומען אן אנדערן בריוו פון א פריינט. ער האָט מיר געשריבן: איך האָב — דאַכט זיך, געלייענט — אָדער האָט מיר עמיץ דערציילט, אז דו האָסט אויסגעאַרבעט א פּראָיעקט וועגן א נייעם קאַנאָן ביי יידן און אויך א פּלאַן, וואָס צו קאַנאָניזירן אין דעם נייעם ספר. — אז איך האָב דעם בריוו געלעזן האָבן מיינע הענט געציטערט, אַזוי ווי עמיץ וואָלט אויף מיר א בילבול געמאַכט, ווי עמיץ וואָלט מיך באַשולדיקט אין עפּיס א שווערן פאַרברעך. ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך באַלד אין יענער רגע געפלויגן צו יענעם פריינט און אים געבעטן: חלילה דיר צו רעדן וועגן מיר אַזעלכע רייד . . .

נישט אויפן שפּיץ פון מיין צונג, און אודאי נישט אויפן שפּיץ פון מיין פּעדער וואָלטן אַזעלכע דעטאַלע פּראָיעקטן געקענט אויפקומען. ווער און וואָס בין איך דען?

אויף צו טון דאָס דאַרף מען פאַרמאָגן אַטריבוטן, וואָס איך פאַרמאָג אפילו נישט א שאָטן פון זיי.

פאַר אונזערע אויגן ליגט זינט מער ווי צוויטויזנט יאָר אויסגעשפּרייט א מוסטער פון א ספר־הספרים אין א פּערפעקטער פאָרם און מיט א פּערפעקטן אינהאַלט. אויף דעם וועג פון יענעם ספר דאַרף מען גיין — צוזאַמענשטעלנדיק א צווייטן ספר אַזאַ.

✶

איך האָב דאָ פריער געזאָגט: נישט אויפן שפּיץ פון מיין צונג און אוודאי נישט אויפן שפּיץ פון מיין פּעדער, אָבער איך בין פּאַרזיכטיק גענוג געוועזן נישט צו זאָגן אויך: נישט אויפן שפּיץ פון מיינע מחשבות און חלומות.

ווייל ווי איך זאָל די געדאַנקען פון זיך נישט טרייבן — קומען אויף כסדר און כסדר,ביים לעזן אין דער טיף פון יידישן אמאָל, און אין דער ברייט און לענג פון יידישן היינט, אין געשיכטע, ליטעראַטור אין אלע פאָרמען, אין דאָ־קומענטאַציע — געדאַנקען, שאַרפע ווי א ווייזפינגער אין א זילבערנעם יד, און וויזן אָן, און ווייזן אָן: אָט דאָס וועט מען דאַרפן קאָנאָניזירן, אָט דאָס וועט מען דאַרפן איינשליסן, אָט דאָס וועט מען דאַרפן אריינחתמענען, אָט דאָס וועט מען דאַרפן אויפנעמען.

און דאָך וויל און וועל איך אויסהיטן דעם שפּיץ פון מיין פּען — כאָטש דער נאַר אין מיר שטופּט זי מיט אלע כוחות — צו דערמאָנען נעמען פון ווערק און פון מעשים. אפילו נישט ווערק פון קדושים און מעשים פון קדושים וועל איך דאָ דערמאָנען.

ווייל איך מיין עס אויף אַן אמת און מיטן גאַנצן האַרצן ערנסט.

און דאָס אָנרופן דוגמאות, און דער עיקר דאָס ערשטע מאָל אָנרופן דוג־מאות, איז אין דעם צוזאַמענהאַנג געפערלעך ביז גאָר. עס איז ווי דער ערש־טער שריט איבער א נאַר וואָס געפּרווירענעם טייך. אלץ שטייט ביי אָט דעם ערשטן שריט אין קאָן. דער קאַלטער אָפּגרונט פון פאַרגעסן אונטערן איז גע־ניצט ברייט, מען דאַרף נאָך וואַרטן. און דער עיקר — נישט איך קען זיין דער טוער פון דעם דאָזיקן געפערלעכסטן ערשטן שריט.

✶

קאַנאָן איז דאָס גוישע וואָרט דערפאַר; כאָטש דאָס וואָרט איז גריכיש, איז דער באַגריף אליין, דער באַגריף פון גלייכן געטלעכן אָדער רעליגיעזן וועג, צי גלייכער ווירע, אָדער ליניע אסך, אסך עלטער און ווייטער אויפן מזרח צו זוכן, אפשר טאַקע אויפ׳ן ווייטן מזרח, אפשר מיט גאַנצע טויזנט יאָר און מער פאַרן סוף פון פערטן יאָרהונדערט, ווען דער ערשטער קריסטלעכער קאַנאָן איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן נאָענטן מזרח.

חתימה איז דאָס יידישע וואָרט דערפאַר. און עס איז אויך שוין נישט יונג.

פּונקט ווי קאַנאָן איז אַ גלייכער וועג, אָדער גלייכע ווירע, איז ער אויך זייער אַ לאַנגער וועג, לאַנגע ווירע. אויך חתימה איז נישט קיין איינמאַליקער און מאָמענטאַנער אַקט. עס איז דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגען פּראָצעס, אַ קייט, אַ שנור פון אַקטן, וואָס צייליען זיך אָן, קייטלען זיך איינס אין איינס, גיכער עוואָלוציע ווי רעוואָלוציע. אָבער יעדע קייט מוז זיך דאָך ערגעץ אָנהויבן, יעדע שנור פּערל מוז ערגעץ ווו, ערגעץ ווען אויפציען די ערשטע פּערל.

די יידישע געשיכטע לערנט אונז, אַז מיר יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט געשראָקן פאַר אַן אַלץ נייעם און נייעם קאַנאָן, כאָטש — דער אמת איז — אַז דער נייער קאַנאָן האָט קיינמאָל נישט אומגעוואָרפן דעם פריערדיקן, ער האָט אַלעמאָל נאָר מוסיף געווען.

פיר חתימות זענען דאָך זיכער געווען, דאָס זאָגט דאָך יעדע געשיכטע פון יידן. ריכטיקער וואָלט אפשר געווען צו רעדן וועגן פינף חתימות. און איך האָב אפילו אַמאָל געהערט פון מויל פון אַ גרויסן יידישן געלערנטן רעדן וועגן זעקס חתימות.

קען זיין, אַז חתימה איז אין דער צייט פון קאָפּיסטן מיט גריפלען און גענזענע פעדערס און בערשטעלעך, פון ריין טעכנישן שטאַנדפּונקט, געווען אַ פיל וויכטיקערע זאַך אויף אויסצומיידן פאַרגרייזונגען, ווי אין דער צייט פון אפסעט־דרוקערייען, וואָס שליסן אויס פאַרגרייזונגען מחמת דער פּאַטאַ־דרוק גרייזט נישט ווי דער מענטש־קאָפּיסט.

אָבער חתימה, קאַנאָן — נישט אין זייער מילדסטער און נישט אין זייער שטרענגסטער פאָרם — זענען נישט נאָר אַ טעכנישער ענין. חתימה גייט אַריין און אַריבער אויפן געביט פון אינערלעכער קאָלעקטיווער דיסציפּלין — און נישט נאָר פון אַ יחיד, נייערט פון אַ כלל.

קאַנאָן איז אַ לאַנגער וועג, חתימה אַ לאַנגער פּראָצעס, אַ גאָלדענע קייט, אַ שנור פּערל, אָבער ערגעץ ווו און ווען דאַרף און מוז מען מאַכן דעם ערשטן שריט, אויסשמידן דעם ערשטן רינג, אָנציליען די ערשטע פּערל.

*

ביכער, ספרים אפילו, דאַרף מען ערשט אויפשרייבן כדי זיי זאָלן זיין. אָבער ספרי הספרים דאַרף מען ערשט נישט אויפשרייבן, אַז זיי זאָלן זיין — מחמת זיי זענען דאָך שוין דאָ. זיי זענען דאָ אין אַן עלעמענטאַרער, און פאַרן אויג דערוויל, אומזעבאַרער פאָרם. דער אמת איז אפילו, אַז ספרי הספרים זענען שוין געווען אפילו פאַר די ספרים, אָדער ביכער אַליין, פון וועלכע זיי ווערן טיילווייז צוזאַמענגעשטעלט, צוזאַמענגעזאַמלט, ווי מען זאַמלט די פּרוכט פון אַלערליי מינים און אַלערליי פעלדער אין איין שייער אַריין. דער

אמת איז, אז עס איז בלויז אן אָפּטישע פֿאַרבלענדעניש, אז א ספר הספרים איז א מין עקסטראַקט פֿון ספרים — מחמת טעכניש שטעלט עס זיך לרוב צו־זאַמען פֿון טיילן פֿון ספרים אָדער גאַנצע ספרים. דאָס איז נאָר אן אויג־אָפּנאַ־רעניש. א ספר הספרים גייט אין דער אמתן צוריק צום עלעמענטאַרן געדאַנק און דער עלעמענטאַרער מעשה. עס גייט אפשר צוריק צו יענער אורצייט, ווו וואָרט און מעשה זענען נאָך איינס, איידער דער צעשפּאַלטונג און צעצווייגונג אין א דעלטאַ, כדי סוף כל סוף זיך ווידער צו פֿאַרייניקן אין איין ים.

זענען דאָס אַלץ דאָ פֿריִער מיסטיש־אומקלאָרע הירהורים, חלומערייען וועגן אומווירקלעכקייטן? אזוי וואָלט עס געווען — ווען פֿאַר אונז וואָלט נישט געלעבט שוין טויזנטער יאָרן דאָס ספר הספרים, וואָס מיר רופֿן תנ״ך.

און לאָמיר דאָ אביסל פּאַראַפראַזירן דאָס וואָרט פֿון מיינעם א הויך גע־אכפּערטן פֿריינט. וואָס איך האָב דאָ פֿריִער ציטירט נישט אָנרופֿנדיק זיין נאָ־מען: מען דאַרף נישט קיין הונדערט יאָר לעבן כדי צו פֿאַרשטיין דעם נס פֿון תנ״ך, און דער נס באַשטייט נישט אין זיין עקזיסטענץ. איז דען א נס דער ריינער ציגל גאָלד, וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן כעמיש פֿון א פֿעלזיקער גרו־דע, אמאָל אזוי גרויס ווי א הויז? א נס איז די איינשטעלעניש פֿון מענשן צו־צולייגן די האַנט דערצו, צו האָבן דעם איינפֿאַל דאָס צו טון. אָט דעם טייל פֿון נס פֿון אונזער תנ״ך וואָלט א י ך אפֿילו אין הונדערט יאָר נישט גע־קענט פֿאַרשטיין. און עס דאַכט זיך מיר, אז שוין די אַנדערע הונדערט יאָר קלער איך און קען נישט באַנעמען פֿאַרוואָס, אויב אזא נס איז שוין געשען, ווערט ער נישט איצט ווידער איבערגעחזרט. עס שטייט דאָך אין ערגעץ נישט געשריבן, אז צווייִמאָל דערזעלבער נס איז לאו דווקא.

✶

די גרעסטע און מערקווירדיקסטע קראַפֿט פֿון דעם תנ״ך באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז נישט קיין אָפּאָלאָגעטיש ספר בנוגע די, וואָס האָבן אים כמעט וואָרט אין וואָרט געשאַפֿן, אויסגעטראָגן און דערטראָגן ביזן היינטיקן טאָג. א דיאַלעקטיש ספר איז ער אין ברייטסטן און אין העכסטן און אין טיפֿסטן זינען פֿון דעם וואָרט.

אין אים גייט אָן א כסדרדיקער טיטאַנישער קאַמף, אין כמעט אות־באותיקן זינען פֿון דעם וואָרט, מחמת עס איז אַ קאַמף פֿון א פֿאָלק קעגן זיין גאָט; און א קאַמף פֿון א גאָט קעגן זיין פֿאָלק. און נישט א קאַמף פֿון פֿאַר־ניכטונג איז עס, נאָר אַ קאַמף פֿון דערהויבונג. גאָט וויל כסדר אויפֿהויבן דאָס פֿאָלק צו זיך און דאָס פֿאָלק וויל זיך כסדר אויפֿהויבן צו אים, אָבער כסדר שטייען גיגאַנטישע אבני נגף אין וועג.

און נאָר דאָסדאָזיקע דיאַלעקטישע זיך שלײַדערן אַהין און אַהער פון צוויי טיטאַנען, וואָס איינער פון זיי איז גאָט און דער צווייטער וויל זײַן מער ווי מענטש, דאָס איז די קראַפט, וואָס האָט דאָס בוך פאַרוואַנדלט אין אַן אייביקן סמבטיון, וואָס האָט נישט קיין שבת אפילו קיינמאָל און איז דערפאַר לעבן געבליבן אייביק. וואָלט עס געווען אַן אַפּאָלאָגעטיש ספר פון אָנהויב ביזן סוף און נישט קיין דיאַלעקטישס, וואָלט עס שוין לאַנג געדרימלט דעם שטיינער־נעם שלאָף פון נעכטיקער אייביקייט. אַזוי אָבער וואַכט עס אין אַן אייביקן הײַנט.

און אַזוי וועט זײַן דאָס ספר הספרים, וואָס וועט אײַנשליסן די ייִדישע מחשבה און מעשה פון די לעצטע טויזנטער יאָרן. אַן אַנדערער טיטאַנישער קאַמף וועט כסדר אָנגיין אין אים, דער קאַמף פון אַ פאָלק מיט דער מענטש־הייט. אַמאָל די מענטשהייט קעגן דעם פאָלק און אַמאָל דאָס פאָלק קעגן דער מענטשהייט, און אַלעמאָל ביידע אין טיפן תוך אַרײַנגעטוענע, אין דעם ווילן צו דערהויבן און צו דערנענטערן זיך צו גאָט, וואָס דאָס איז מענטש, אָדער צו מענטש, וואָס דאָס איז גאָט.

און אַזוי וועלן ביידע די ספרים זײַן ווי די צוויי אויפגעהויבענע הענט צום הימל — הענט, וואָס וועלן טאַקע דעם הימל דערגרייכן.

דערפון איז נאַטירלעך שטאַרק קלאָר, אַז דאָ גייט עס נישט אין אַן אַפּאָ־לאָגעטישער אַנטאָלאָגיע, עס גייט בכלל נישט אין קיין שום אַנטאָלאָגיע, אויך נישט אין אַ גײַסטיק־געשיכטלעכער דאָקומענטן־זאַמלונג. עס גייט אין אַ ספר וואָס זאָל — נישט האָבנדיק קיין שום שייכות מיט טעאַטער — דראַמאַטיזירן דעם קאַמף פון אַ פאָלק מיט אַ מענטשהייט אַזוי מעכטיק, אַזוי אייביק, אַזוי ווי דער תנ״ך האָט דראַמאַטיזירט דעם קאַמף פון אַ פאָלק מיט גאָט, זײַן גאָט.

*

איך לייען און לייען דאָס בוך, וואָס איז גאָר קיין בוך נישט, און האָט גאָר קיין נאָמען נישט, און מיר קענען עס ווי דעם תנ״ך, און איך טראַכט מיר: ווי אַזוי ביסטו געוואָרן?

און אויפן געדאַנק קומט אַ בוים — אַ בוים, וואָס וואַקסט פון אינעווייניק אויס, פון האַרץ אַרויס. ער שטעלט זיך אַליין צוזאַמען פון די עלעמענטן, וואָס זענען דאָ אין דער פּאָטענץ אין אים זינט זײַן זאָמען אָן.

אָט אַזוי ווי אַ בוים אַנטשטייט אַ תנך.

און דאָך איז עס נישט אַזוי, וואָרום הענט פון מענטשן שטעלן דאָך אַ תנ״ך צוזאַמען, קנעטן אַרום מיט רינגען פון מענשלעכן וואָרט די לכתחילהדיקע, פון אייביק־אַניקע אידעע.

עס וואַקסט נישט ווי א בוים — א ספר הספרים, אָבער אז עס איז דאָ, איז עס ווי א בוים און מען קען מער בשום אופן נישט גלויבן, אז נישט ווי א בוים איז עס פון אינעווייניק אויס אליין געוואַקסן, נאָר מען האָט עס דאָך פון דרויסן, רינג ביי רינג, צוזאַמענגעשטעלט און געשאַפן זיין שטאַמיקייט.

אָבער אין ביידע פאַלן איז דער זוימען דער עיקר. די אידעע פון אי־דעען.

*

אין זיין אומפּאַרגלייכלעכער ליבע צום וואָרט ביי יידן האָט חיים נחמן ביאַליק געהופּן צו א גרויסן כנוס פון אַט דעם וואָרט. ער האָט געחלומט חזיונות וועגן לאַנגע, לאַנגע שורות פון ספרים. ער האָט געחלומט פון א שייער, אין וועלכן אַלץ ווערטפולע זאָל אריינגעטראָגן ווערן נאָכדעם ווי עס איז דורכ־געגאַנגען דורך דער לייטערונג פון אָפּקלייב, אויב העברעאיש, און אויב נישט, איז פון אָפּקלויב און איבערזעצונג אויף לשון קודש. ער האָט געחלומט מסתמא פון קומענדיקע דורות תלמידי חכמים, וואָס וועלן זייער לעבן לאַנג נישט עפּיס אַנדערש טון ווי לערנען, אפשר דאָס גאַנצע פאָלק, אפשר די גאַנצע וועלט.

א ספר הספרים איז אָבער א ספר און נישט קיין ביבליאָטעק. טויזנט זייטן און ניט טויזנט ביכער. עס מוז קענען באַגלייטן א מענטשן אָן שווע־ריקייטן אומעטום, ווי זיין העמד אויפן לייב — דאָס העמד פון זיין נשמה. אומעטום און יעדן מענטש, וואָס וויל עס נאָר, און ווען ער וויל עס נאָר.

אוודאי איז די מענטשלעכע בארעדעוודיקייט אין די לעצטע יאָרהונדער־טער שטאַרק געוואַקסן. איין גרויסע צופלוס־כוואַליע איז געקומען נאָך דעם 15טן יאָרהונדערט. דעם יאָרהונדערט פון דער דרוק־דערפינדונג, די צווייטע — נאָך דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ווען די שרייבמאַ־שין איז איינגעפירט געוואָרן. אָבער אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ איז גע־וואַקסן די פאַרשטענדניש פאַר צימצום און דער פּאָטענציעלער כוח צו באַ־הערשן אים.

און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל; א ספר הספרים איז נישט קיין אַנטאָלאָגיע, נישט קיין אָפּקלייב פון פּערל, נישט קיין בלומענקראַנץ, און אפילו נישט קיין דערנערקראַנץ, נאָר א סאָליד ווערק, אינטעגרירט, אין יעדן חלק באַזונדער — גאַנץ, און אין אַלע חלקים צוזאַמען — ווידער גאַנץ.

די טויזנט אָדער צוועלפהונדערט זייטן זענען א תנאי. מחמת א ספר הספרים, איז אַזוי אײנערלעך געבויט, אז עס זאָל קענען אין א נויטפאַל זיין דאָס איינציקע ספר פון א יחיד־מענטש נאָך וועלכן ער שטרעקט אויס די האַנט, אויב מען זאָגט אים: — איין ספר איז דיר דערלויבט אין דער דאָזי־

קער איינזאַמקייט פון א מדבר־רייזע, א תפיסה, א שפּיטאָל, א קראַנקנבעט, א טויטנבעט אַפילו.

און פאַר א פאָלק איז א ספר־הספרים אַן עמוד־האש ביינאַכט און עמוד־הענן בייטאָג. און די ראָלע קען נישט נעמען אויף זיך אַן אַלמער מיט ספרים, נייערט אַן איינציק ספר.

✶

איך חלום וואַכנדיק און אין חלום חלומענדיק פרעג איך:

— ווען עס האָט, ווען עס הענט וועלן עס זיין, וואָס וועלן א צווייט ספר הספרים פאַר יידן צוזאַמענשטעלן?

— וועט עס זיין איין פאַר הענט פון א יחיד, וואָס איז ערגעץ דאָ אין דער יידישער וועלט, וואָס מיר קענען זיין נאָמען נישט, און וועלן קיינמאָל זיין נאָמען נישט קענען, מחמת ער איז אזוי נאָענט צו גאָט, ווי דער צוזאַמענשטעלער פון תהילים; און נישט זיין נאָמען, נאָר זיין ווערק וועלן מיר קענען? וועלן עס זיין דריי פאַר הענט פון א מזומן, צען פאַר הענט פון א מנין, דריי און צוואַנציק פאַר הענט פון א קליינעם, אָדער איין און זיבעציק פאַר הענט פון א גרויסן סנהדרין?

און מיין וואַך ענפערט מיין חלום: פּלוצלונג וועט דאָס ספר זיין. עס וועט זיין, און א טראַגישע וויזיע זאָגט: נאָר דאָס ערשטע וועט נישט באַשטיין. עס וועט זיין ווי דער משיח בן יוסף אין וואָרט. עס וועט אונטערגיין, און נאָך אים וועט קומען דער משיח בן דוד אין וואָרט — און דאָס צווייטע ספר הספרים וועט באַשטיין אזוי אייביק ווי דער תנ״ך.

✶

נישט אנענדיק קיין סך און נישט וויסנדיק גאָרנישט וועגן דעם יחיד, דעם מזומן אָדער דעם מנין, וואָס וועט זיך א נעם טון צום צונויפשטעלן דאָס ספר הספרים פון דער יידישער מחשבה און מעשה פון די לעצטע טויזנטער יאָרן — אנט מיך אָבער אסך, און איך ווייס אפילו אביסל, וועגן דעם, וואָס פאַר א יחיד, אָדער חברותא, עס טאָר נישט, און וועט אויך זיך נישט נעמען דערצו.

דורך דעם נעגאַטיוון דאָס פּאָזיטיווע צו דערקענען איז אַן אַלטער יידישער נוסח.

עס קען נישט זיין קיין וויסנשאַפטלער, וואָס דערזעט אָפט הונדערט קלייניע פּרטים בעסער, ווי דעם איינעם גרויסן כלל. און דאָ גייט עס נישט אין קיין פּרטים. דאָ מוז מען קענען, ווי אליהו הנביא מיט פיר פליגל־שלעג, די גאַנצע וועלט ארומנעמען.

עס קען נישט זיין קיין טעאָלאָג, ווייל, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, אפילו דער תנ״ך איז נישט קיין דורכאויס רעליגיעז ספר, נייערט א טיף־נאַציאָנאַל ספר אין איידלסטן זינען פון דעם וואָרט — מכל שכן דאָס ספר הספרים פון די צוויטע צוויטעוויזנט יידישע יאָר.

עס קען נישט זיין אזא ייד, וואָס האָט וועלכן נישט איז פּאַרטייאיש־פּאָלי־טישן צוגאַנג צום יידישן אמאָל, איצט אָדער דעם וואָס קומט. א ספר הספרים פון א פאָלק קען א פאָלק נאָר ווי א גאַנצקייט, וואָס איז גאַנץ אין אלע זיינע חלקים, גאַנץ און אינטעגרירט. דער פּאַרטיימאַן אָבער קען א פאָלק, אָדער די מענשהייט, נאָר אין דעם חלק, וווּ זיין פּאַרטיי איז.

עס קען נישט זיין א בעלעטריסט, א שיינגייסט — ווארום א ספר הספרים איז פּונקט אזוי הלכה ווי אגדה.

עס קען נישט זיין א געזעץ־שרייבער, א שטראַפער, א שטרענג־גייסט — ווארום א ספר הספרים איז פּונקט אזוי אגדה ווי הלכה.

און איך וואָלט געקענט נאָך ווייטערגיין מיט אָט דעם צעטל, אָבער גענוג מיט דעם.

✱

א פריינט מיינער, א מענש פון גרויסן יידישן וויסן, קענען און פאַרשטיין, וועמען מיינע רייד וועגן א צוויטן ספר הספרים האָבן איבערצייגט, האָט צום סוף פון אונזערן א שמועס א פרעג געטון אי זיך אליין און אי מיך:

— יאָ אָבער וואָס וועט זיין דאָס לשון?

— יידיש — האָט מיין הארץ מאָמענטאַן געענטפערט און דאָס מויל באַלד ארויסגעבערענגט אויף די ליפּן. און דער מוח האָט שפּעטער רעזאָנירט אין דער הייך: אונזערע דריי גרויס־לשונות זענען ווי די שלשה אבות. אברהם אבינו איז לשון קודש, יצחק, דער שוואַגער פון לבן הארמי, איז אראַמעאיש, און יעקב אבינו מיט זיין גאַנצן בארעדעוודיקן בני בית איז לשון־יידיש, מאַמע לשון.

אונזערע ביז איצטיקע חתימות האָבן נישט נאָר געחתמעט די גרויסע אינהאַלטן אויף אַלע אייביקייטן, נאָר זיי האָבן אויך אויף אלע אייביקייטן גע־חתמעט די פאָרמעס, אין וועלכע זיי זענען אריינגעגאָסן און איינגעשלאָסן גע־וואָרן — די לשונות. און אזוי וועט עס זיין איצט. דורך דעם איינשליסן פון די אינהאַלטן וועט אויך די פאָרם, וואָס דאָס איז יידיש לשון, איינגעשלאָסן און געחתמעט ווערן. די ארומנעמענדיקע אָרעמס זועלן זיין מאַמע־לשון, אָבער אינעווייניק וועלן מיר, דאָרט ווו עס וועט נויטיק זיין, אריינגעמען פראַג־מענטן אין אנדערע לשונות. מיר האָבן דאָך גרויסע טראַדיציע אין דעם זינען.

און — אגב — וועגן קיין שבעים לשונות רעדט זיך עס דאָ נישט. העכסטנס קען זיך עס רעדן וועגן פראַגמענטן אין זעקס לשונות, חוץ דעם הויפּט־לשון: לשון קודש, אַראַמעאיש, גריכיש, לאַטיין, אַראַביש און דייטש.

די חתימה אין א לעבעדיק פאָלקס־לשון איז נאָך צוליב א סיבה נויטיק. א ספר הספרים איז ווי א בוים, וואָס ווערט ביי־געפּלאַנצט, אָן אבער, וואָס ווערט טראַנספּלאַנטירט — לעבן מוז באַלד ווידער פליסן אין זיי, אריינוואַקסן אין נייעם באָדן, אריינלעבן אין נייעם אָרגאַניזם.

✶

עס איז שוין די טבע פון מענטש בכלל און ייד בפרט, אז גראַד אויפן געביט פון לשון ווערט מען זייער ליידנשאַפטלעך, א דונאַם צי א דלת על דלת לשון, און דער עיקר מאַמע לשון, פאַרטיידיקט מען אמאָל מיט מער בלוטיקער ליידנשאַפט, ווי אַזויפיל מאַמע־ערד.

איך וויל דעריבער גראַד אויף דעם געביט אפילו א קוצה של יוד נישט מיספאַרשטאַנען ווערן.

עס גייט דאָ נישט אין קיין יידישיסטישן שאָוויניזם.

איך האָב שוין פריער באַמערקט, און איך וויל נאָך מאריך זיין מיט א וואָרט וועגן דעם, אז נאָר דער שטאַם פון דעם צווייטן ספר הספרים דאַרף זיין, לויט זיין לשון נאָך, יידיש. דער תנ״ך, א ספר, וואָס האָט געאָגראַפיש ראַטירט אַרום א קליינעם ווינקל וועלט, האָט זיך געקענט דערלויבן שפּראַכלעך צו זיין מאָנאָליט, ער איז אָבער נאָר כמעט מאָנאָליט, ער האָט צוגעלאָזן קליינע פרעמדע צווייגעלעך אויף זיך. דער צווייטער ספר הספרים וועט ראַטירן גע־אָגראַפיש, און אויך געשיכטלעך, אַרום דער גאַנצער וועלט ממש — וועט שוין דער מאָנאָליט שפּראַכלעך מוזן אַסך, אַסך מער נאָכגעבן פון זיינע פּרינציפּן.

אין טויזנטער וואַריאַציעס — און שוין נאָך דריי אָדער פיר יאָר נאָך דעם גרעסטן אויטאָ־דאַ־פע פון אונזער פאָלק, וואָס איז דער גרעסטער אין דער וועלטס געשיכטע בכלל — הערט מען פון טויזנטער מיילער פּיעטעטפולע רייד וועגן דעם לשון, וואָס מיט אים אין מויל זענען מיליאָנען פון אונזערע פאָלקס־ברידער און־שוועסטערן געגאַנגען אויף קידוש השם. עס וואָלט גע־ווען לייכטזין, ווען איך וואָלט געגלויבט, אז דאָס רעדט מען נאָר אַזוי זיך, צוליב שיינקייט ווענן. עפּיס איז מען שולדיק אָט דעם לשון פון יענע מיליאָנען לעצטע ווערטער פון קדושים. און דאָס, וואָס דאָס לשון האָט אַזויפיל גער־מאַנישע ווערטער, גראַד דאָס קלינגט דווקא אָן ערגעץ טיף, טיף אין מיס־טישע אָפּגרונטן, אורהיילן פון מענטש־געשיכטע און אונזער יידישער גע־שיכטע . . .

דעם ערשטן גרויסן, נאַציאָנאַלן, אָפּיציעלן הספד אויף׳ן אויסגעהרגעטן דריטל פון אונזער פאָלק האָט חיים ווייצמאַן געמאַכט אין מאַמע־לשון.

עס לאָזט זיך נאָך רעדן און רעדן אויף דעם געביט פון לשון, אָבער זאָל זיין גענוג.

✶

שוין זינט יאָרן פאַרש איך דיסקרעט צווישן יונג און אַלט, אויף דער און אויף יענער זייט ים געבוירן, געלערנט און פּראָסט — אָבער ייד — און איך בין געקומען צו דער טרויעריקער מסקנא, אַז נאָר אַ פאַרשווינדנדיקער טייל פון אונזער פאָלק האָט זיך אָנגעטון דעם אומענדלעכן נחת דורכצולעזן בלעטל ביי בלעטל, וואָרט ביי וואָרט, אין וועלכן נישט איז לשון דעם גאַנ־צעטשקן תנ״ך; פון דעם באַרימטן ערשטן פסוק פון בראשית ביז צום, ווייני־קער באַרימטן, פסוק פון כורש מלך פרס, אויפן לעצטן בלעטל פון דברי הימים.

איז מה דאָך דער קאַנאַניזירטער תנ״ך איז אַזוי ווייניק פּאָפּולער — וואָ־זשע דאַרף מען נאָך ספרי הספרים?

דער תירוץ איז, אַז אַזוי איז פאָלק און אַזוי איז אויך אונזער פאָלק.

פאָלק איז — און איך זאָג עס מיטן ריינסטן דעמאָקראַטישן געוויסן — דער חלום פון אַ פּאָר, אָדער פאַרהונדערט זין און טעכטער פון דעם פאָלק וועגן דעם פאָלק.

ערגעץ ווו קלאַפּט אַ האַרץ אין אונזער גוף. אונזער גאַנץ לעבן דרייט זיך אַרום אונזער האַרץ, טויזנט מאָל יעדן טאָג רופן מיר עס אָן ביים נאָמען — האַרץ. אָבער נאָר יעדער טויזנטסטער פון אונז אינטערעסירט זיך מיט דער מיסטעריעזער, פולסירנדיקער, פויסטפאַרמיקער באַשעפעניש אין דער מיט פון די אַנדערע רמ״ז אברים. און געשען געשעט עס, כאָטש יעדער פון אונז ווייסט פון זיין פריסטער קינדהייט אָן, אַז האַרץ — איין קליינינקייט : האַרץ — נייך, די אומקענטשאַפט פון דעם תנ״ך ביי די מאַסן פון אונזער פאָלק איז קיין שום באַווייז נישט, קיין שום אַרגומענט נישט קעגן אַ ספר הספרים, אַ האַרץ, וואָס זאָל פולסירן מיט דער יידישער מחשבה און מעשה פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

✶

און אַט בין איך שוין ביים סוף פון מיינע רייד.

און סאַי מיינע רייד, און סאַי זייער מחבר קוקן איצט אַרויף צו אייך, פרויען און מענער פון יידישן פילן און טראַכטן, פון יידישן וויסן און לערנען, און מיינע רייד ציטערן איצט אַביסל, ווייל זיי פילן, אַז זיי וועלן באַלד געפּאַל־מעסט ווערן מיט שאַרפע סקאַלפּעלן, און ווער ווייסט וויפיל פון זיי וועלן קענען באַשטיין.

איך וויל אייך בעטן נאָר איינס — סקאַלפּירט מיינע רייד מיט וואָס איר ווילט, אָבער נישט מיט סקאַלפּעלן פון פסוקים.

און בשעת מיינע רייד און איך בעטן דאָס ביי אייך, קוקן מיר אַרויף מן המיצר פון דער באַדרענגעניש פון די פסוקים־לאַזע, אָדער פסוקים־בלאָנדזשלינגען, צו די הייליקע פּאַטראָנען אונזערע. ווייל אויך מיר האָבן פּאַט־ראָנען. אינגאַנצן שוצלאָז זענען מיר נישט. דער לעצטער פון די לעצטע, קלענסטער פון די קלענסטע, וואָס שטעלט זיך אין זייער שאָטן, ווענדט זיך איצט צו זיי מן המיצר: פילאָן דער אַלכסנדרוני, טעאָדאָר הערצל, יצחק שי־פּער — אום נאָר עטלעכע נעמען פון זיי אָנצורופן.

נאָכוואָרט

נאָכ׳ן אויסהערן די אַרויסזאָגונגען פון די עלף חשובע יידישע שריפט־שטעלער, וואָס האָבן גענומען אַ וואָרט וועגן די אין רעפעראַט אָנגערירטע פּראָבלעמען, האָט דער רעפערענט באַקומען דאָס לעצטע וואָרט — צום ענ־פערן.

ער האָט אָבער בלויז געדאַנקט פאַר די אַרויסגעזאָגטע מחשבות אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פאַרלעזונג, מחשבות, וואָס ער וועט שטאַרק נעמען אין אַכט; געענטפערט אין תוך האָט ער אָבער נישט. ער האָט געזאָגט אַן ערך: (דאָס נישט דערזאָגטע אין דער אימתא דציבורא ווערט דאָ דערשריבן).

עס גייט נישט אין דער דיאַלעקטיק אַרום דעם באַרירטן פּראָבלעם, עס גייט נישט אין אַ וויכוח. עס גייט נישט אין וועלן עפּיס אויספירן אינדיווידועל. עס איז כלל נישט קיין אינדיווידועלער פּראָבלעם. עס גייט אין טיפסטן תוך. עס גייט אויף אַן אמת וועגן אַ צווייט ספר הספרים ביי יידן, וואָס זאָל זיין אַ בפירושער המשך — נישט אָנרירנדיק אַפילו קיין שאָטן פון אַ פּאַסיקל פון תגין פון אַן אות פון אונזער יצירה און דער גאַנצער וועלטס ירושה דעם תנ׳ך. מחמת: געפינען איך ערגעץ בלויז אַ שאָטן פון אַ געדאַנק, אָדער — ווער שמועסט — אַ גאַנצן געדאַנק, וואָס באַשטעטיקט מיינע גריבלענישן און הרהו־רים, איז ווי מען וואָלט מיר אַ נייע נשמה אַריינגעזעצט. נישט אין זיין אָרי־גינעל, ניי, דערפינדעריש גייט עס דאָ, נייערט אין באַווייזן פונקט דאָס פאַר־קערטע, ווייל עס גייט אין טיפסטן תוך, עס גייט טאַקע אויף אַן אמת אין דער מעשה און נישט אין ווערטער אַרום איר.

עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער ערשטער שריט איז דאָס צונויפשטעלן און פאַרלעזן פאַר דער אוידיטאָריע פון ייוואָ אָט די ווערטער. דער ערשטער שריט איז אַריבער. אָבער שוין ביים צווייטן שריט (און שריט דאַרפן זיין אַסך. אַפילו ביזן אָנהויב פון אָנהויב) שטיי איך דערווייל ווי פאַר אַ וואַנט. איך שטיי אָבער מיט טיפן גלויבן — נישט פאַרצווייפלט און אַפילו נישט פאַרלוירן. און הלוואי, הלוואי זאָל שוין דעם צווייטן שריט מאַכן אַ צווייטער, וואָס וועט אומענדלעך מאָל מער ווערט זיין ווי אני הקטן.

הדרגות

כאָטישע ווערטער וועגן דאָגמעס

(איינער פון די זעכצן מיליאָנען באמיט זיך דאָ ארויסצוברענגען זיינע געדאנקען וועגן יידישקייט)

1.

אויף מיין טיש איז געלעגן א בריוו — דער בריוו פון זשורנאל „אויפן שיידוועג" מיט אן אויפפאָדערונג צו באטייליקן זיך אין דער אויסגאבע. איך האָב געשמייכלט, אז איך האָב דעם בריוו באקומען: וואָס האָב איך דאָ צו זאָגן? קיין וויסנשאפטסמענש בין איך נישט, נישט אקטיוו און אפילו נישט פאסיוו. יידישע בילדונג האָב איך אזויפיל וויפיל מיין גאליציש־משכילישע היים מיט א בליק אויף א ווינער באנק־קאריערע פאר מיר האָט מיר געגעבן. און וויפיל איך האָב מיר אליין געקענט נעמען ארבעטנדיק זינט דעם זעכצנטן לעבנס־יאָר אויף פרנסה.

דער בעלעטריסטישער און דער זשורנאליסטישער סטאזש? מילא — די פאַרהונדערט לידער צי ארטיקלען — ווער קען דאָס נישט היינטצוטאָג באַווייזן?

האָב איך געשמייכלט א פאָר וואָכן צייט צו דעם בריוו, צו דער איינלאדונג.

ביז איך האָב איבערגעלעזן דעם זשורנאל און צום גרעסטן טייל פון די זאכן, וואָס זענען דאָרט געדרוקט אידעאיש נישט מסכים געווען.

אָבער מסכים געוועזן —

מסכים געוועזן —

און איך שטרייך עס אונטער מיט דעם גרעסטן ענטוזיאזם: מסכים גע־וועזן צו דער אבסאָלוטער פרייהייט פון וואָרט, וואָס קומט אויף די בלעטער צום אויסדרוק.

אלעמאָל פרייהייט פון וואָרט — אָבער קיינמאָל נישט הפקר פון וואָרט, אין וועלכער איבערגעטריבענע פרייהייט פון וואָרט פאלט אָפטמאָל אריין.

און אויב פרייהייט פון וואָרט — האָב איך מיר געטראכט און טראכט איך מיר נאָך, וויל איך מיר, מיט דעם גאנצן דרך ארץ צו די חשובע און גרויסע קאָלעגן, וואָס זיצן אזוי ווי איך אויף די גראָזן ביים ראנד פון „שיידוועג" און זאָגן זייער וואָרט, וויל איך מיר דערלויבן אויך מיין וואָרט צו זאָגן, דאָס וואָרט פון איינעם פון די זעכצן מיליאָנען. אָט איז מיין שטים אין דעם גרויסן שטימ־קאסטן וועגן יידישקייט. די שטים פון פאָלק איז די שטים פון גאָט — די שטים

פון יידישן פאָלק איז די שטים פון יידישן גאָט — אָט איז מיינע, איינע פון די זעכצן מיליאָנען.

.2

איך האָב קיינמאָל מיין יידישקייט נישט גענומען מיט אזא זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט ווי דער פיש דאָס וואסער. איך האָב דערמיט געאָטעמט, אָבער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פילן דאָס וווּנדער פון דעם אָטעמען. איך האָב אלע מאָל געפילט דאָס וווּנדער, אָבער קיינמאָל נישט בלינד געדינט דערצו. איך האָב מיך אלעמאָל געמיט עס צו פארשטיין. אָבער איך האָב עס ביז איצט—און עס וואָלט שוין צייט געווען, די זון פון מיין לעבן שטייט שוין שטארק אין פארנאכט אריין—קיינמאָל נישט גרינטלעך באַנומען. און אפשר, דערפאר בין איך אלעמאָל גרייט געווען און בין נאָך איצט גרייט דאָס יידיש־קייט מיינס אוועקצוגעבן—מען זאָל מיר נאָר עפּיס בעסערס געבן דערפאַר. עס איז קלאָר, אז הינטער דעם „עפּיס בעסערס" שטייט נישט קיין שום מאַטע־ריעלע „בעסערקייט".

יידישקייט איז לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג נישט א ציל פאר זיך, נאָר א צוועק צו א ציל און טאָקע נישט צו א יידישן ציל, נאָר צו אן אלע־מענשלעכן. אזוי פארשטיי איך די נביאים, און אזוי פארשטיי איך זייער גאָט, אונזער גאָט, אונזער יידישן גאָט.

פליישעסן איז אפשר א גוטע און א געזונטע זאַך, אָבער אז עמיץ איז צו מיר געקומען אין מיין אכצנטן לעבנס־יאָר און האָט מיך איבערצייגט, אז וועגעטאריזם איז בעסער און געזונטער פאר דער נשמה, האָב איך זיין לערע אָנגענומען און האלט מיך מיט איר אויף אייביק. דער מענש, וואָס וועט קומען מיך אוועקנעמען פון יידישקייט, וועט ביי מיר אויף קיין שום פּרינצי־פּיעלע שוועריקייטן זיך נישט אָנשטויסן. איך בין נישט קיין פּרינציפּיעלער ייד. יידישקייט איז אן איבערגאנגס־זאַך, אָנהויבנדיק מיטן ערשטן וואָרט פון בראשית און ענדיקנדיק מיטן לעצטן פון די כתובים.

נעמט די ווערטער נישט צו לייכט — נישט צו לייכט זענען זיי ארויס־געזאָגט און אוודאי נישט צו לייכט געמיינט.

לאָמיך עס פּרווון קלערער צו מאכן:

איך שיס נישט מיט דער תוכחה, ווען עמיץ קומט צו מיר צו גיין און פּרע־דיקט אסימילאציע. אפילו איצט נישט — נאָך דייטשלאנד. איך וויל דאָס נאָר פארשטיין. און אז איך וועל שיסן מיט דער תוכחה דערפאר וועל איך זיין דערמיט נישט מער און נישט ווייניקער ווי א יודעא־נאצי.

איך שיס אפילו נישט מיט דער תוכחה, ווען עמיץ קומט צו מיר צו גיין און רעדט וועגן שמד. שמד צום אוניווערס איז סיי־ווי דאָס לעצטע געטלעכע

ציל פון דעם מענטש. קען זיין, אויף אזא אופן, אז א דערוויי־ליקער מיניאטור־שמד ברענגט אונז נענטער צום ציל פון אוניווערס־שמד. קען זיין. מען דארף דאָס פארשטיין — איך שיס נישט דערפאר מיט דער תוכחה. איך בין נאָענט צום יידישן אור־גאָט פון פאר פירטויזנט יאָרן. מיט דעם טוכלען יידישן גאָט, וואָס מען דרייט אים ארויס פון גראָבן פינגער האָב איך קיין שום שייכות נישט — קיינמאָל נישט „געלערנט". דאָקעגן מיט דעם פרישן, שטורעם־און בליץ־רעגנדיקן יידישן מדבר־אור־גאָט בין איך זייער נאָענט, גוט געלייענט זיין ספר.

איך האָב ליב די יידישע דאָגמע פון אמאָל, איך האָב פיינט דעם יידישן שלשלת פון די שפּעטערדיקע יאָר־טויזנטער און יאָרהונדערטער. איך שיס נישט מיט דער תוכחה. אז מען וועט מיך איבערצייגן וועל איך מיך שמדן. עס וועט זיין א שווער שטיקל ארבעט — דאָס דאָזיקע איבערצייגן, אָבער איך זאָג נישט לכתחילה: ניין ! — ווייל איך בין אן אמתער ייד. וואָלט איך געווען אן אויבנאויפיקער ייד, וואָלט איך באלד געזאָגט אויף אלץ, וואָס ניי איז: ניין — און פטור אן עסק. די זאכן קאָסטן מיך אסך: מיין רו, מיין גליק, מיין לעבן.

3.

אָבער —

אָבער די יידישע דאָגמעס, אין דער ערשטער רייע — די עשרת הדיברות, זענען שוין אלט. גאָר פשוט: די לאָגיק זאָגט, אז אפילו דאָגמעס מוזן זיין רעלאטיוו, כאָטש דאָס איז א קאָנטראדיקציע. צייט, אָרט און באדינגונגען קענען אויך דאָגמעס אונטערפרעסן. און אזוי קען געשען, אז דאָגמעס אין אלגעמיין, אָדער געוויסע דאָגמעס בפרט, קען מען דארפן, נאָר די, וואָס מען האָט, זענען שוין פארעלטערט.

לאָמיר דאָס משלן מיט א אָפּגרונט און א בריק.

איבער א געוויסן אָפּגרונט האָט געפירט א בריק. דער נמשל צום אָפּגרונט איז דער עטיש־מאָראלישער כאָאָס אין וועלכן די מענשהייט האָט זיך געפונען מיט אַ דריי טויזנט יאָרן צוריק אין נאָענטן מזרח. די בריק האָט פאַר א נמשל די יידישע דאָגמאטיק. די זון פון די עשרת הדיברות מיט אלע אירע פלאנעטן. דער גייער איבער דער בריק איז אונזער פאָלק שוין זינט אזויפיל און אזויפיל טויזנטער יאָרן. און דער אויפבויער פון דער בריק האָט פאר נמשל גאָט אליין.

אָבער אין פארלויף פון די יאָרטויזנטער איז די בריק אונטערגעשווענקט געוואָרן. זי שטייט נאָך. עס איז נאָך אלץ די אַלטע בריק, אָבער זי קען שוין לאנג נישט האלטן. אסך מאָל טרעפט שוין, אז דאָס פאָלק צעלויפט

זיך ביים אַנבליק פון דער אַלטער בריק. געטרויט איר נישט מער. עס טרעפט אויך, אַז דאָס פאָלק האָט אַזוי מורא פאַר דער בריק, אַז גיכער גייט עס אין אַפּגרונט אַריין. עס דאַכט זיך, אַז דער אַפּגרונט אַליין פון עטיש־מאָראַלישן כאַאָס איז שוין ווייניקער געפערלעך ווי די בריק.

דער עטיש־מאָראַלישער אַפּגרונט איז דאָ — נאָך אַלץ דאָ. און דאָס פאָלק, וואָס דאַרף איבער דעם אַפּגרונט אַריבערשפּאַנען זאַמלט זיך אַלץ מער און מער ביי איינעם פון די ברעגעס פון דעם אַפּגרונט. און גאָט — וואָס איז אַלעמאָל געווען אין די הערצער און אין די מוחות פון די מענשן, איז אויך דאָ.

די סיטואַציע איז זייער קלאָר.

אַפּגרונט איז דאָ. אַריבערגיין מוז מען. אַזיסט איז האָפנונגסלאָז די סי־טואַציע פון דעם פאָלק, וואָס שטייט אויף איין זייט פון דעם אַפּגרונט.

און נאָר מיט דער בריק איז עס עפּיס נישט גלאַטיק.

מען דאַרף איבערמאַכן די בריק. צופּאַסן זי צו דער צייט. אויספּאַריכטן די לעכער פון די אַלטע דאָגמעס. די בריק איז געוואַלטיק און גרויס געווען. גאָר אומפאַרגלייכלעך גרויס. והא ראיה — זי שטייט נאָך, האַלט זיך נאָך אַלץ. עס זענען פּשוט קיין ווערטער נישטאָ וויאַזוי די בריק צו לויבן. אָבער די בריק אַליין שרייט שוין נאָך הילף, זי וויל מען זאָל זי אונטערשפּאַרן און פאַריכטן, אָדער גאָר פאַרבייטן. די בריק אַליין שרייט שוין ביזן הימל, די בריק אַליין האָט שוין מורא באַקומען פאַרן אַפּגרונט . . .

איך האָב ליב די יידישע דאָגמע פון אַמאָל. איך האָב ליב איר געוואַל־טיקן גייסט. אָבער איך בין זיכער, אַז ווען משה אַליין וואָלט איצט אַראָפּ־געקומען אויף אונזער וועלט, וואָלט ער אַליין זיך באַלד ווידער פאַרשפּאַרט אויף פערציק טעג — דאָס וואָלט זיין ערשטע אַרבעט געווען — און וואָלט אונז געבראַכט א נייע געזעץ.

איך האָב די ווערטער, וואָס איך זאָג דאָ איצט, געפילט ווי מיט א טעמפּען האַמער איבערן קאָפּ אין די שלאַכטהייזער פון שיקאַגאָ. איך האָב דאָרט צוגעקוקט דאָס קוילען פון בהמות אויף א „יידישן” שטייגער. פריער האָב איך געזען דאָס קוילען אויף א נישט יידישן שטייגער. זאָג איך אייך, אַז ווען משה רבינו וואָלט דאָרטן געווען, וואָלט ער מאָמענטאַן אָפּגעשטעלט די יידישע שחיטה. ער וואָלט עס געטון אין גייסט פון זיין גאָט און אין גייסט פון זיין גאָטס געזעץ.

און אַזעלכע משלים קען מען ברענגען אסך.

איך פרעדיק דאָ נישט קיין וויכשטוליקע, פּיטערל־קעלנערדיקע רע־פאָרם־יידישקייט, איך פרעדיק פעלזיקע און האַרטנאַקיקע רעפאָרמען, אי־בערקערענישן פון אונטן ביז אַרויף. אַזעלכע איבערקערענישן ווי עס זענען

אין דעם כאַאָס פון דער וועלט געווען דאָס משה־געזעץ אליין, און שפּעטער די רעפאָרם אין דעם געזעץ אליין פון ישו הנוצרי און נאָך שפּעטער די רע־פאָרם פון ברוך ספּינאָזא.

באַנייטע יידישע דאָגמען זענען נויטיק.

.4

קודם כל דאַרף מען קלאָר ווערן מיט דעם גאַנצן ענין יידישקייט.

איך וועל מיך באַמיען דאָס נענטער אויסצוטייטשן.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָרן צוריק. נישט מער ווי צוויי. איך האָב באַקומען אן איינלאַדונג פון א יידישער, סאָציאַליסטישער, ליטעראַרי־שער וואָכנשריפט אריינצושיקן אן אַרטיקל. די איינלאַדונג האָט מיך געטראָפן אין א ווייטן לאַנד און אין א צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג, אָדער ריכטיקער אין א צושטאַנד פון אינערלעכן געראַנגל, וואָס ביי אַסך יידישע שריי־בער אין דעם איצטיקן מאָמענט איז ער ממש כראָניש. שטאָט צו שרייבן אן אַרטיקל וועגן אזא, אָדער אן אַנדער ביכל לידער, אָדער נאָוועלן, האָב איך מיר געטראַכט: לאָמיך אויסנוצן די געלעגנהייט פון דער איינלאַדונג מיטצו־אַרבעטן אין אזא ערנסטער יידישער, סאָציאַליסטישער און ליטעראַרישער צייטשריפט צו א גרונטיקער דיסקוסיע. און טאַקע נישט א דיסקוסיע וועגן א ביכל לידער, אָדער וועגן עפּיס אן אַנדערן פּרט שבפּרטים. נאָר א דיסקו־סיע וועגן עיקרים.

איך דערצייל דאָ די גאַנצע זאַך דערפאַר ווייל זי איז וויכטיק. איך האָב שוין לאַנג געוואַרט אויף א געלעגנהייט די גאַנצע זאַך צו דערציילן.

איך אליין, פאַר מיר אליין, האָב אין דער ערשטער רייע געוואָלט קלאָר ווערן וועגן עטלעכע ענינים וואָס באַטרעפן יידישקייט. און קלאָר ווערן טאַקע אויף די בלעטער פון א יידישער, סאָציאַליסטישער און ליטעראַרישער צייט־שריפט. דאָרט האָב איך געדאַרפט טאַקע געוואָר ווערן דעם אמת, אָדער געוואָר ווערן, אז אן אמת אין דעם פּרט איז שווער אויסצוגעפינען. ער באַלאַנזשעט.

איך בין א ייד, א סאָציאַליסט און א ליטעראַט. בין איך געווען זיכער, אז אין יענער צייטשריפט וועט קומען צום אויסדרוק דער יידישער סאָציאַ־ליסטישער בליק אויף יידישקייט און טאַקע פון גרונט אויס, און דעריבער האָב איך דער דערמאָנטער און זייער ערנסטער צייטשריפט געשטעלט אָט אַזעלכע עטלעכע פּשוטע פראַגן:

איך האָב געלעזן אייער צייטשריפט. גרינטלעך געלעזן. אָפט געפונען אויף אייערע בלעטער דאָס וואָרט „יידיש פאָלק". איך האָב די ווערטער אָנ־געקוקט, אָנגעקוקט זיי אין ראַמען פון אייער צייטשריפט, און וואָס מער איך האָב זיי אָנגעקוקט אין די ראַמען, אַלץ ווייניקער האָב איך זיי פאַרשטאַנען. וויל איך, אז איר זאָלט מיך אויפקלערן.

איך האָב געפונען נאָך אַ וואָרט. דאָס וואָרט לעזט זיך „יידישע קול־טור״ — און אויך אין דעם וואָרט האָב איך אסך אריינגעקוקט — און וואָס מער איך האָב אריינגעקוקט, אַלץ ווייניקער האָב איך פארשטאַנען — וויל איך, אז איר זאָלט מיך אויפקלערן.

איך האָב אויך נאָך אַ דריט וואָרט געפונען „יידישע שפּראַך״. און אויך דאָס וואָרט, וואָס איז שוין כמעט אַ קאָנקרעטע באַצייכענונג פון אַ קאָנקרע־טער און שיר נישט פיזישער זאַך, אויך דאָס וואָרט האָב איך אַזוי לאַנג בא־טראַכט אין די רעמלעך פון אייער צייטשריפט ביז איך האָב אויך דאָס וואָרט אויפגעהערט צו פארשטיין. וויל איך אייך בעטן, אז איר זאָלט מיר אויך דאָס וואָרט אויפקלערן, אָבער נישט פארבייטן זאָלט איר דעם ענין יידישע שפּראַך מיט „יידיש״ — אָדער מאַמע־לשון.

די צייטשריפט האָט מיינע פראַגן פאַר איר לעזערשאַפט אָפן נישט געשטעלט און אויך קיין שום ענפער מיר נישט געגעבן אין אַ פארמאַכטן בריוו. די רעדאַקציע האָט מיר געענפערט, אז אַלץ איינס זענען די מוחות אַזוי פאַרדרייט אין דער איצטיקער צייט, צו וואָס זאָל מען זיי נאָך מער פאַר־דרייען. און די ארבעטער, די יידישע, זענען איצט אַזוי פאַרדרייט מיט אַזעל־כע שווערע זאָרגן, צו וואָס זאָל מען זיי נאָך מער פאַרדרייען די קעפּ מיט פּילפּולים, וואָס קענען קיין שום נוצן נישט ברענגען. די פראַגעס זענען פראַגעס, אָבער נישט דאָרט איז דער פּלאַץ און נישט איצט איז די צייט. אָט לאָמיך בעסער צושיקן עפּיס אַ לידל אַ גוטס, אָדער גאָר אַ רעצענזיע וועגן אַ ביכל לידער . . . דאָס פארשטאַרקט נישט דעם כאַאָס, פאַרדרייט נישט די קעפּ און הייטערס אויף דאָס געמיט.

אָבער מיך האָט יענער ענפער נישט אויסגעהיילט. די פראַגעס בויערן מיין קאָפּ אָן איבערייס. ווי די טיטוס־פליג בויערן זיי. האַמערקלעפּ פון יידישן גורל קענען די פליג אָפּשטעלן נאָר אויף רגעס — באַלד הויבט זי ווידער אָן צו בויערן.

— וואָס איז דאָס: יידיש פאָלק?

— וואָס איז דאָס: יידישע קולטור?

— וואָס איז דאָס: יידישע שפּראַך?

און ווי איז צו מיר און צו מיין איינזאַמקייט, אז איך האָב מיר אַליין געמוזט מיט די אומגעשיקטע קעמערלעך פון מיין מוח, אויסגעפינען אָן ענ־פער וואָס יידיש פאָלק איז פאַר מיר און היינט און יידישע קולטור און יידי־שע שפּראַך.

יידיש פאָלק איז פאַר מיר די סומע פון יענע מענשלעכע יחידים, וואָס האַלטן זיך אַליין פאַר יידן — כאָטש עס איז נישטאָ קיין שום אויסערלעכער, אָדער אינערלעכער סימן, וואָס מאַכט זיי פאַר יידן אומצווייפלהאַפט. נישט

איינהייטלעכע ראסע, נישט רעליגיע, נישט לאנד, נישט טראדיציע, נישט שפּראך, נישט געשיכטע־קענטשאפט. דאָס איינציקע, וואָס פאַרבינדט זיי אומצווייפלהאפט איז יידישער גורל, פאטום. ווארפן זיי זיך פרייוויליק אונ־טער אונטער דעם גורל, ווילן זיין און זענען יידן.

יידישע קולטור איז די סומע פון די פאָרמען אין וועלכע די נשמה פון דעם פרייוויליקן יידישן קיבוץ קומט צום אויסדרוק.

יידישע שפּראכן זענען אין דער ערשטער רייע יענע שפּראכן אין וועל־כע דאָס פאָלקסטימלעכע לעבן פון דעם יידישן קיבוץ קומט צום אויסדרוק. אין דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון א יידישער שפּראך דארף מען זיך באמיען אזוי לאנג ווי מעגליך זי אויפצוהאלטן, ווייל זי פארלייכטערט שטארק דעם אויסדרוק דער יידישער נשמה, דער יידישער קולטור. דאָך האָבן די יידישע שפּראכן — צוליב אָביעקטיווע סיבות — א געוווינהייט אונטערצוגיין. מיט זייער אונטערגאנג אין לעבעדיקן לעבן גייט אָבער נישט אונטער די יידישע קולטור און עס גייט אויך נישט אונטער דאָס יידישע פאָלק. אויך זיי אליין גייען נישט אונטער, זיי גייען נאָר ארויס פון געברויך ווי מטבעות, וואָס מען ציט ארויס פון צירקולאציע. וואָס מער עכטער גאָלד־געהאלט איז אין זיי געווען, אלץ מער זענען זיי ווערט אין דעם אייביקן און אבסאָלוטן יידישן לעבן, וואָס הויבט זיך ערשט איצט — נאָך דעם ארויס־ציען פון געברויך — פאר זיי אָן.

איך האָב געזאָגט ביים אָנהויב פון דעם אָפּשניט; קודם כל דארף מען קלאָר ווערן מיט דעם גאנצן ענין יידישקייט.

בין איך קלאָר געוואָרן?

איך?

ווער בין איך דען ?

אָבער איך האָב קיין אנדערן אויסוועג נישט געהאט און אָט דאָס אויבן זענען די עטלעכע פאָרמולעס, וואָס איך האָב פאר מיר אליין און פאר מיין אייגענעם געברויך צוזאמענגעשטוקעוועט.

און אז עס וועלן קלאָר ווערן מיט דעם ענין יידישקייט די, וואָס זענען באַרופן דערצו, און אז זיי וועלן קלאָר און דייטלעך ענפערן אויף די פראגעס פון יידיש פאָלק און יידישער קולטור און יידישער שפּראך, דארפן זיי וויסן, אז אָט דאָס נייע יידישקייט דארף נייע דאָגמעס.

נייע צען, צי זיבעצן, צי זעקסהונדערט און דרייצן געבאָט.

5.

און אז מען וועט קלאָר ווערן מיט דעם ענין יידישקייט — דארף מען פאר אָט דעם יידישקייט אין דער איצטיקער צייט נייע געבאָטן, געזעצן צי קאָנסטיטוציע.

נייע — ווייל די אַלטע זענען טיילווייז גוט און טיילווייז נאָר גוט ווי שטיקער קולטור־געשיכטע.

איך ווייס, אַז מיינע ווערטער וועלן אויסגעטייטשט ווערן אַזוי קרום און בייזוויליק ווי נאָר מעגלעך. איך ווייס, אַז מען וועט זיי אויסלאַכן און עס הויבט מיך נישט אָן צו אַרן. איך ווייס אָבער אויך — מיט דער טיפסטער אינערלעכער איבערצייגונג ווייס איך דאָס — אַז זיי זענען דער אויסדרוק פון טיפסטער יידישער לעבנס־נויטווענדיקייט.

די דאָגמעס, די נייע — און איך וועל וואָגן צו זאָגן — די סאָציאַליס־טיש־יידישע, פעלן מיר און אַזוי פעלן זיי אַלע זעכצן מיליאָנען. אָדער ריכ־טיקער: יענע מיליאָנען, וואָס האָבן שוין די אַלטע דאָגמעס אויפגעגעבן, און קיין נייע האָט זיי נאָך קיינער נישט געגעבן. אויך די אַלטע יידישע דאָגמעס זענען געווען אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע. מוזן אויך די נייע זיין אין גייסט פון די אַלטע. דער דאָזיקער סאָציאַליזם צו די יידישע דאָגמעס איז נישט קיין צוטשעפּעניש, נאָר אַ פאַרזעצונג.

איך רעד דאָ נישט פון קיין רעליגיעזע דאָגמעס. פאַר מיר איז דאָס יידי־שע פאָלק — מיין פאָלק — נישט קיין רעליגיע. איך רעד פון נאַציאָנאַלע דאָגמעס.

איך רעד פשוט פון דער יידישער וועלט־קאָנסטיטוציע.

אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבן זייערע קאָנסטיטוציעס. נו אויב מיר זענען אַ פאָלק דאַרפן מיר אונזער קאָנסטיטוציע.

איז דאָס קלאָר, אָדער איז דאָס נישט קלאָר?

און אַז מיין זון און מיין טאָכטער וועלן אין דעם ווייטסטן לאַנד פון דער וועלט, וווּ זיי געפינען זיך, צוגיין צו מיר, ווי זיי זענען צוגעגאַנגען, און מיך פרעגן:

— טאַטע, פאַרוואָס זאָלן מיר בלייבן יידן?

זאָל איך נישט דאַרפן בלייבן שטיין אָן לשון ווי איך בין שטיין גע־בליבן, נאָר איך זאָל קענען אַרויסנעמען די קאָנסטיטוציע פון דעם פאָלק און אָנווייזן דערויף:

— אָט דאָס זענען די דאָגמעס, דאָס איז די קאָנסטיטוציע פון אונזער פאָלק. לעז זי איבער, טאָכטער, לעז זי איבער, זון, און משפט אַליין.

שונאים פון קוקן דעם נאַקעטן אמת אין די אויגן אַריין וועלן ציניש לאַכן ס׳גרעסטע געלעכטער פון מיינע ווערטער:

— אַל־רייט, וועלן זיי זאָגן, מע׳ט דיר געבן אַ קאָנסטיטוציע פון יידישן פאָלק. נאָר ווער וועמען זאָל מען זי געבן צום אויפשרייבן? אפשר חיים וויצ־מאַנען? אפשר הענריק ערליכן פון „בונד”? אפשר שלום אשן? און אפשר ווילסטו זי גאָר אַליין אויפשרייבן?

מיר וועט זיין זייער גראַטעסק צו געמיט, אז איך וועל הערן אזעלכע ווערטער. איך וועל בלייבן שפּראַכלאָז אין די ערשטע רגעס, איך וועל מיך נישט באלד קענען דערכאַפּן. אָבער איך וועל באלד קומען צו זיך און וועל ענפערן:

— דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט ביז איצט מיט דער קראַפט פון זיין קאָנסטיטוציע, פון זיינע דאָגמעס. די דאָגמעס זענען צעשאָטן געוואָרן, אָבער דאָס פאָלק איז דערווייל נישט צעשאָטן געוואָרן, איז א סימן, אז דאָס פאָלק וויל לעבן ווייטער, אָדער מוז לעבן ווייטער. און מיר ווייסן אויך, אז א פאָלק קען לאנג אָן א קאָנסטיטוציע נישט לעבן. סיידן ווען די מלוכה פון דעם פאָלק איז שטארקער ווי אלע קאָנסטיטוציעס, ווי ביים ענגלישן פאָלק, אָבער ביי אונז איז בכלל קיין מלוכה נישטאָ. אלע פעלקער און אלע לענ־דער, פון אלערליי וועלטבאנעמונגען, האָבן אָדער זייערע קאָנסטיטוציעס, אָדער זייער אויסגעשפּראָכן פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן מיר אין אונזער וועלט־פארנעם אין דעם דאָזיקן צוואנציקסטן יאָרהונדערט ?

די טעכניק פון די נייע יידישע דאָגמעס, דער נייער יידישער קאָנסטי־טוציע — דיסקוטיר איך איצט נישט. איך דיסקוטיר נאָר די אינערלעכע, טיפע לעבנס־נויטוועגדיקייט זייערע.

און א קאָנסטיטוציע מוז דאָס זיין, וואָס נישט נאָר מיר, נאָר זעקס און זיבעציק רעגירונגען פון דער וועלט. אונטער וועמעס קאָנסטיטוציעס שטי־קער פון אונזער פאָלק לעבן, זאָלן זי קענען לעזן אָן האס, נאָר אפשר מיט מיטגעפיל און מיט ליבע. (די ראסן־מלוכות זענען דאָ אויסגעשלאָסן).

האָב איך שוין אלץ געזאָגט?

ניין.

קען איך נאָך עפּיס זאָגן?

איך? ווער בין איך דען? ניין.

אויב אזוי איז דאָס דערווייל אלץ — און עס איז פון טיפן, ווייפולן יידישן הארץ ארויסגעריסן געוואָרן און דאָ אויף פּאפּיר געבראַכט, רויע געדאנקען מיט רויע ווערטער.

כאַאָטישע ווערטער וועגן דאָגמעס.

1939

מכוח פארגענגלעכע ביכלעך און אייביקע ספרים

(טראַכטעניש דווקא בשעת דער פארניכטונגס־מלחמה קעגן אונז)

.1

נישט אלע קענען מיר זיין אויפן פּראַנט, נישט אלע דארף מען אונז דאָרט. נישט אלע וועלן מיר האָבן געהערט דאָס זשומען פון די פּראָפּעלערס

פון באָמב־עראָפּלאַנען, נישט אַלע וועלן מיר האָבן געזען דאָס פאַלן פון מויערן — ווען די מלחמה וועט זיין אַריבער. און אוודאי וועלן מיר ניט אַלע שטאַרבן אין אָט דער מלחמה. מיסתמא וועלן ניין פון צען, זיכער ווי דער טאָג וועלן ניין פון צען די מלחמה איבערלעבן*) אַזוי ביי אַלע פעלקער און אַזוי ביי אונז יידן. דער סוף פון דער וועלט איז דאָס נישט, אַפילו ווען די מלחמה זאָל זיך אויף דעם ארגסטן אופן פאַרענדיקן. שטאַרקער פון אַלע געזעצן זענען די געזעצן איבער די געזעצן אין דעם גאַנג פון דער געשיכטע פון אַלע פעלקער און אויך פון אונזער פאָלק. און דאָס געזעץ פון כוואַליעס — כוואַליע אַרויף און כוואַליע־אַראָפּ — איז דאָס געזעץ איבער אַלע געזעצן. און עס איז אויך אַ געזעץ איבער אַלע געזעצן, אַז די כוואַליעס פון דער געשיכטע גייען היינטצוטאָג גיכער אַרויף און אַראָפּ, ווי זיי זענען געגאַנגען מיט יאָרטויזנטער און מיט יאָרהונדערטער פריער. היינט פאַרענדיקן זיי זייער גאַנג אין אַ יאָרצענדלינק. אַ דאַנק דער ציוויליזאַציע גייט היינט די געשיכטע מיט אַ הונדערטפאַך פאַרשנעלערטן טעמפּאָ.

אַ גרויסער העלד אין לאָנדאָן בשעת די גרויסע באָמבאַרדירונגען איז זיכער געוועזן דער אַוויאַטאָר, נאָר נאָך פאַר אַ גרעסערן העלד האָט מען באַטראַכט דעם, וואָס האָט באַלד נאָך דער באָמבאַרדירונג זיך געשטעלט קאָכן זיין טעגלעך טעפּל קאַווע. ווייל די באָמבאַרדירונגען זענען פאַרגאַנגלעך און דאָס טעפּל קאַווע איז אייביק.

אוודאי וואָלט געוועזן העלדיש צו רעדן וועגן די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע מיין ווייניקייט וויל דאָ ווייטער רעדן אין לאָנדאָן, אָדער גאָר אין וואַרשע, אָבער אויך דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנישן קאָנטינענט צו רעדן איצט וועגן די אַלע זאַכן איז נישט אומנאַטירלעך.

אָן אָט דער הקדמה קען מען זיך היינט נישט צורירן צו גייסטיקע זאַכן, האָב איך זי אויך נישט אויסגעמיטן. און איצט מעג איך שוין ווייטער רעדן פריי.

.2

פונקט ווי יעדער מענש איז אין דער ערשטער רייע אַ קינד פון זיינע טאַטע־מאַמע און אין דער צווייטער רייע ערשט אַ קינד פון זיין פאָלק, אַזוי איז אויך יעדע ליטעראַטור אין דער ערשטער רייע אַ קינד פון איר פאָלק און אין דער צווייטער רייע ערשט אַ קינד פון דער וועלט.

יעדע ליטעראַטור ציט אין דער ערשטער רייע איר יניקה פון איר

---

*) אָט אַזוי האָבן מיר, נאַראָנים, געטראַכט אין יאָר 1941, לאָז איך דאָ דעריבער די פּאָר ווערטער לשם דאָקומענט.

פאָלקס טראַדיציע און אין דער צווייטער רייע ערשט ציט זי איר טראַדיציע פון דער וועלט־ליטעראַטור.

וויפיל מאָל די יידישע ליטעראַטור האָט נישט געמאַכט קיין סאַלטאָ־מאָר־טאַלעס און זיך געמיט אריבערצושפּרינגען איבערן נאַציאָנאַל־טראַדיציאָ־נעלן גדר — איז עס איר נישט געלונגען. מיט די צוויגן איז זי אפשר יאָ אַמאָל איבערן גדר אריבער — מיט די וואָרצלען קיינמאָל נישט.

די יידישע ליטעראַטור, אויף וויפיל זי נעמט זיך ערנסט, ערנסט איר באַרופונג און ערנסט איר שליחות, איז אלעמאָל געווען א ספרים־ליטעראַ־טור. (און אז איך רעד דאָ „יידישע ליטעראַטור" מיין איך אין ברייטערן זינען פון וואָרט און נישט נאָר די יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך).

אוודאי האָט נישט יעדער יידישער מחבר געקאָנט שאַפן ספרים און נישט יעדער יידישער מחבר, וואָס האָט געקענט שאַפן ספרים — האָט גע־קענט שאַפן נאָר ספרים. אָבער יעדער יידישער מחבר האָט געשטרעבט דער־צו. און די גאַנצע ליטעראַטור ביי יידן האָט צו יעדער צייט געשטרעבט דערצו.

איר ווילט א באַווייז? ער איז דאָ אונטערן האַנט. ער איז דאָ אין יידיש־לשון אליין. קיין שפּראַך האָט נישט אזוי קלאָר פּרעציזירט דעם חילוק צווישן א „ביכל" און „ספר". און א ספר, ווי באַוווּסט, מוז נישט דווקא זיין א ספר צום דאַווענען, אָדער גאָר א רעליגיעז ספר. א בוך מיט אייביקע ווערטן איז א ספר און א בוך מיט פאַרגענגלעכע ווערטן איז א ביכל. א בוך, וואָס מען נעמט עס אין האַנט אריין צום צייטפאַרטרייב איז א ביכל, און א בוך וואָס מען נעמט עס אין האַנט אריין אויף גייסטיקער דערהויבונג איז א ספר.

3.

און אין אלע תקופות פון דער ליטעראַטור ביי יידן איז געווען א טענ־דענץ צום ספר.

און אזוי ווי נישט אלע טאָג ווערן געשאַפן ספרים־שרייבערס, און אזוי ווי די ספרים־שרייבערס אליין קענען נישט אלע טאָג שרייבן נאָר ספרים — איז אלעמאָל געווען אין דער ליטעראַטור ביי יידן א טענדענץ צו קאָנדענסירן און צו זאַמלען און ארויסצוציען דעם תמצית פון ביכלעך און איבערגיסן אָט דעם תמצית אין זאַמל־ספרים אריין.

פון איין ביבל איין ספר קען מען טאַקע נישט מאַכן, אָבער פון אסך ביכ־לעך קען מען יאָ מאַכן איין ספר.

ווארום כמות איז גלייכצייטיק איכות. און וואָס מער כמות אלץ מער איכות.

די אַלטע ליטעראַטור ביי יידן איז פול מיט זאַמלביכער. נישט כמותדיקע זאַמלביכער — ווי דאָס איז דער שטייגער ביי אונז אין דער לעצטער צייט — נאָר טאַקע איכותדיקע זאַמלביכער.

צו שאַפן אַ גוט זאַמלבוך איז אין אַמאָליקע צייטן געווען נישט ווייניקער אַמביציע, און האָט זיך פאַררעכנט פאַר נישט ווייניקער פאַרדינסט, ווי צו שאַפן אַן אייגן ספר. (עס איז דאָך באַוווסט, אַז רעדאַגירן איז אַסך שווערער ווי אַליין צו שרייבן) און שאַפן זאַמל־ביכער, אַנטאָלאָגיעס, איז דאָך אַ מין רעדאַגירן אין דער העכסטער מדרגה.

נאָך אַלע זאַכן האָט זיך דאָך אונזער ליטעראַטור בכלל אָנגעהויבן מיט אַ זאַמלבוך, מיט דעם תנ״ך. און דער תלמוד איז דאָך אויך אַ זאַמלבוך. און אפילו טיילן פון אונזער הויפּט־זאַמלבוך זענען דאָך אויך ערשט זאַמלונגען, ווי למשל משלי. מעגלעך, אַז דאָס מין זאַמלבוך איז אונזער אָריגינעלע יידישע דערפינדונג, באַדינגט דורך אונזער אייביק גלות־לעבן. מעגלעך. איז אויב יאָ אַזוי, איז טאַקע זאַמלבוך די ערשטע טראַדיציע אין אונזער ליטעראַטור — וואָס רייסט זיך ערשט איבער מיט דער ליטעראַטור אויף יידיש . . . אַן אַפּיקורסישער געדאַנק. אמת, אָבער איך קען מיר נישט העלפן.

מיט אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט זיך איבערגעריסן אונזער שענסטע און טיפסטע בוך־טראַדיציע, די טראַדיציע פון זאַמלביכער. באַטירלעך זאַמלביכער אין העכסטן זינען פון דעם וואָרט. נישט זאַמלביכער וואָס זענען ווי שייערן, וואָס נעמען אַריין אַלץ, וואָס איז נאָר וואָס אָפּגעקאָסעט געוואָרן פון פעלד. איך מיין דאָ זאַמלביכער, וואָס זיינען ווי שאַץ־קאַמערן, אין וועלכע מען זאַמלט איין נאָר די טייערסטע אוצרות.

.4

איך האָב ביי אַסך פריינט און ענטוזיאַסטן פון דער יידישער ליטעראַטור געזען אָפט גרויסע ביבליאָטעקן, הונדערטער, און אַמאָל אויך טויזנטער ביכער. נישט איינמאָל האָבן מיר דיזעלבע ענטוזיאַסטן געזאָגט אָט אַזוי:

— שטייען ביי מיר שאַפעס מיט ביכער, איך פאַרמאָג כמעט אַלע בעסטע ווערק, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן, נאָר אַז איך וויל אַמאָל נאָכטון מיין טאַטן, וואָס האָט אויך אויף זיין שטייגער, געהאַט אַ גרויסן ספרים־אַלמער, און איך וויל אַריינקוקן אין אַ ספר און זוכן טרייסט און באַרויקונג — קען איך נישט. אָט שטייט אַ מענדעלע — און מענדעלע — צו קיין גנאי זאָל אים נישט זיין — איז אונז געווען אַ באַרעדעוודיקער, אַ ים מיט ווערטער, נו גיי שווים דורך אַ ים מיט ווערטער אויף צו געפינען אַ קאַפּיטל וואָס זאָל דיר גוט מאַכן אויפן האַרצן. און אָט דאָ ווידער שטייט פרץ — צוויי פּרץ־אויסגאַבעס האָב איך גאָר. און יעדע איינע איז

ערגער. אויך פּרץ האָט געשריבן גאָר אסך זאכן, וואָס זענען נישט מער ווי פּריוון, וואָס ער האָט אליין נישט גערן געהאט. נאָר אין די ווערק זענען זיי דאָ. און אז דו כאַפּסט א בוך פּרץ און ווילסט אריינקוקן — פאלן דיר דווקא אין די אויגן אריין יענע זאכן, וואָס זאָגן גאָרנישט, כאָטש פּרץ האָט זיי געשריבן. און אזוי איז עס אויך מיט שלום עליכמען. און מיט אלע איבעריקע איז דאָך שוין אָפּגערעדט. נו שטיי איך אזוי נישט איינמאָל פאר מיין גרויסער ביבליאָטעק — קלאָגט זיך דער ענטוזיאסט פון דער יידישער ליטעראטור — און אין קיין ביכל אריינקוקן קען איך נישט. און עס פעלט מיר. עס פעלט מיר דווקא איצט אין אזעלכע צייטן אָן טרייסט, ווען נאָר ווערטער, גרויסע הייליקע ווערטער קענען זיין א טרייסט.

האָב איך צוגעגעבן אָט וואָס צו די רייד פון מיין פריינט:

אונזער ליטעראטור איז זיך צעוואקסן. זי איז גרויס אין קוואַנטום און זי איז נישט מינדער גרויס אין קוואַליטעט. שטיקער פון איר זענען שוין לאנג ווערט געווען, אז מען זאָל זיי פארהייליקן (איך וואָג דאָס וואָרט אויף אָט דעם אָרט), מען זאָל זיי קאַנאָניזירן, נאָר נישטאָ ווער עס זאָל עס טון. נישטאָ ווער עס זאָל אויטאָריטאטיוו נעמען אויף זיך די אויפגאבע און זאָגן: אָט די און די שטיקער פון אונזער ליטעראטור זענען איר תמצית, זענען געוואָרן הייליקע פאָלקס-ווערטן. אָט די און די שטיקער דארף מען „לייענען און לייענען טויזנטער מאָל" ווי פּרוג זינגט אין זיין ליד — און אין שווערע מינוטן פון לעבן דארף מען אין זיי אריינקוקן.

און איצט, מער ווי אלעמאָל, איז פילבאר דאָס פעלן פון שאַץ-קאמערן, נאציאָנאלע גייסטיקע שאַץ-קאמערן אין אונזער ליטעראטור.

5.

מיר האָבן א פּאָר גוטע זאמלביכער, מיר האָבן א פּאָר אנטאָלאָגיעס. מיר האָבן א שלל מיט כרעסטאָמאטיעס. יעדע פון זיי אלע האָט געצויגן אין אן אנדער ריכטונג. איינער האָט צוזאמענגעשטעלט אן אנטאָלאָגיע מיט דער נאָז און איינער מיט א קלאַפּ אין פּלייצע און איינער מיט א קוק אויף די גוים און איינער מיט א לאָפּעטע . . . און אָט די ווערטער דאָ זענען נישט קיין חוזק-ווערטער. זיי זענען פּשוט אמת. און מיט די שול-כרעסטאָמאטיעס איז עס דאָך נאָך ערגער. לרוב זענען זיי לאָקאל, געשאפן פון א קוק-ווינקל פון א געוויסן יישוב אָדער נאָר פון איין געוויסער שול-ריכטונג.

אָבער נישטאָ קיין איין יידישע ליטעראַרישע זאמלונג מיט א קוק אויפן גאנצן פאָלק אין זיין גאנצער געאָגראפישער אויסמעסטונג און אין זיין גאנצער צייטלעכער אומפארגענגלעכקייט, אייביקייט.

אדרבא — — אָבער צו וואָס זאָלן מיר אויסרעכענען אלע פארהאנענע

זאמלביכער און אנטאָלאָגיעס און כרעסטאָמאַטיעס. יעדע האָט זיך איר ווערט אין איר קרייז און אין איר צייט, אָבער וועלכע פון זיי האָט א ווערט איבער איר קרייז און איבער איר צייט, וועלכע פון זיי איז ווערט איבערגעזעצט צו ווערן אין אלע שפּראכן פון דער וועלט.

און אונז דאכט זיך, אז די יידישע ליטעראטור האָט שוין אין איר הונ־דערטער־יאָריקער עקזיסטענץ ארויסגעבראכט אזא ספר אין קוואַליטעט, וואָס האלט א טויזנט זייטן און וואָס איז ווערט געלעזן, געלייענט, געלערנט צו ווערן פון אלע יידן אין אלע צייטן, און אין שווערע צייטן צום מייסטן, און וואָס איז ווערט צו רעדן פאר אונז צו אלע פעלקער פון דער וועלט.

6.

נאָך אמאָל און צום סוף: אונזער טראַדיציע איז: אייביק ספר און נישט פארגעונגלעדך ביכל. איין מענש שאפט א ספר זייער זעלטן, און אויך דאן איז עס ערשט א ספרל, מיטן דעמינוטיוון סופיקס. אסך אָבער שאפן א ספר. אזוי זאָגט אונז אונזער טראַדיציע פון אייביק אָן. די טראַדיציע שטעקט אין אונזער לי־טעראַטור, מיר קענען איבער איר נישט אריבערשפּרינגען און דעריבער דארפן מיר זיך צו איר אומקערן.

אזוי ווי אין די שטיינער, וואָס אנטהאלטן גאָלד זענען דאָ צעוואָרפענע גאָלד־אָדערלעך, אזוי זענען אין אונזער ליטעראַטור די אוצרות צעוואָרפן. אזוי ווי די שטיינער ווערן צעקלאַפּט און דאָס גאָלד ארויסגעצויגן, אזוי דארף עס געשען מיט אונזער ליטעראַטור. דער אוצר איז דאָ אין דער פּאָטענץ. מען דארף אים ארויסציען.

אונזער פאָלק דארף א ספר — איצט מער ווי אלעמאָל און אין אלע טיילן פון דער וועלט.

אונזער שול דארף א ספר — איצט מער ווי אלעמאָל דארף זי עס.

און דאָס ספר איז דאָ, נאָר עס איז דערווייל צעשטויבט אין טויזנטער ביכלעך.

נישט קיין אנטאָלאָגיעס פון דעם, אָדער פון יענעם שטאַנדפּונקט דארפן מיר — נאָר א סובסטאַנציעל ספר, צוזאמענגעשטעלט פון אלץ, וואָס די יידי־שע ליטעראטור האָט ביז היינט געשאפן.

און מען דארף אָט די ארבעט נישט איבערלאָזן פאר די קומענדיקע דור־רות, וואָס וועלן האָבן צו דעם אלעמען נאָר א שטודיר־באַציאונג. און דער עיקר איצט, טאקע איצט דארף מען דאָס ספר.

מען דארף עס אויף טרייסט — היינט, און אויף גלויבן אין מאָרגן.

מיליאָנען דארפן דאָס ספר, יונג און אלט, יידיש און נישט־יידיש רעדנ־דיקע. מיר אלע, דו און איך — איך און דו, מיר אלע, מיליאָנען דארפן עס.

פאראנטוואָרטלעכע מענער פאר דער יידישער ליטעראטור! עפנט פאר אונז אלע דעם אוצר אירן, נאָר כדי אים צו עפענען, מוזט איר אים ערשט זאמלען, דעם אוצר, דאָס גרויסע ספר, וואָס איז דאָ אין טויזנטער קליינע ביכלעך.

1941.

דער תנ״ך

פון א סעריע פון 4 ארטיקלען אונטערן טיטל:

א בליק פון אן עם הארץ אין די דריי גרויסע ביכער פון די דריי גרויסע איין־גאָט־רעליגיעס.

1.

איך וויל נישט — און איך קען אפשר נישט — אריינגיין אין דער גע־שיכטע פון דעם ספר אונזערן, וואָס מיר קענען אים אונטער דעם מאָדנעם נאָמען תנ״ך — תורה, נביאים, כתובים. פּראָסטע יידן זאָגן „טאנאך" און זיי מיינען טאקע אז דאָס איז דער נאָמען, זיי ווייסן נישט, אז דאָס איז א ראשי תיבות פון די דריי הויפּטטיילן פון דעם ספר. אז איך בין א קינד געווען האָב איך אזוי אויך געטראכט.

אין תנ״ך זענען פארהאנען צוזאמען 39 ספרים. אין א געדיכטער אויס־גאבע, אזוי געדיכט ווי מאָן, פארנעמען אָט די ספרים צוזאמען א זעקסהונ־דערט זייטן. אין א מער שיטערער אויסגאבע צוויי מאָל אזויפיל. די יידיש־העברעאישע אויסגאבע, אָדער די אויסגאבע מיט „תרגום יהואש" — וואָס איך בלעטער, אגב, בשעת איך שרייב אָט די ווערטער — נעמט ארום 1391 זייטן. אָבער וואָס איז פאר א חילוק צי געדיכט, אָדער שיטער געדרוקט. דער תנ״ך איז גייסטיק דאָס געדיכטסטע בוך פון דער וועלט־ליטעראטור זינט דער צייט, ווען ער איז באשאפן אָדער צוזאמענגעשטעלט געוואָרן.

די סאמע פּאָפּולערסטע איינטיילונג פון די 39 ספרים איז אָט אזא: חומש — נו אודאי האָט חומש 5 ספרים. ווער ווייסט דאָס נישט. די נביאים ראשו־נים נעמען ארום 6 ספרים. יהושע, שופטים, שמואל און מלכים. אָבער די לעצטע צוויי האָבן יעדער צו צוויי טיילן. האָבן מיר שוין 11 צוזאמען. שפּע־טער גייען די נביאים אחרונים. 15 זענען זיי אין דער צאָל. צווישן זיי דריי גרויסע נביאים — ישעיה, ירמיה און יחזקאל און די צוועלף קליינע נביאים. אָבער קליין זענען זיי נאָר טעכניש, די ספרים, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן זענען קליינע. אין דער אמתן זענען דאָ גיגאנטישע נביאים צווישן זיי ווי עמוס, זכריה. האָבן מיר שוין צוזאמען 26 ספרים. די נישט־יידן אין זייער צוזאמענשטעל פון א ביבל נעמען אין דער אפּטיילונג אויך אריין דעם נביא

דניאל. אין אונזער תנ״ך ווערט דער נביא דניאל אריינגענומען אין די כתובים. דער טייל באשטייט פון 12 ספרים — די פינף מגילות — שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר אריינגערעכנט — וואָלט געווען 38. האָט אָבער דאָס ספר דברי הימים צוויי טיילן — און אזוי ארום ווערט 39. די איינטיילונג האָט א לאָגיק, אָבער נישט קיין אבסאָלוטע כראָנאָלאָגיק — אזויצוזאָגן. אָבער נישט מיר קענען און נישט מיר ווילן זיך דאָ אריינלאָזן אין דעם.

.2

אין זיין, צו די יידן נישט אזוי שטארק פריינטלעכן, בליק אין דער געשיכטע פון דער וועלט מאכט ה. ג. וועלס קלאָר, אז די יידן זענען מער א פאָלק פון א ליטעראטור־געשיכטע איידער א ריכטיקער פּאָליטישער גע־שיכטע. איינעם קען אזא מין פעסטשטעלונג אָנפילן מיט טרויער — וואָס שייך דעם שרייבער פון די שורות — פילט עס אים אָן מיט שטאָלץ.

דער גרעסטער ליטעראַרישער אויפטו פון די יידן ביזן היינטיקן טאָג נאָך איז דער תנך. און נישט אזוי דער אויפטו פון אויפשרייבן די אלע 39 ביכער. אז מען גריבלט זיך שטארק געפינט מען אז דער אויפטו איז נישט אזוי גרויס. אָבער נאָר אין פאַל מען גריבלט זיך אין יעדן פון די 39 ספרים באזונדער. נעמט מען זיי אָבער אלע צוזאַמען — קומט ארויס גאָר עפּיס אנדערש. דער סך הכל פון תנך איז אומענדלעך מאָל מער ווי דער סך הכל פון זיינע איינצלנע טיילן. צי באוווסט אָדער אומבאוווסט האָבן די צוזאמענ־שטעלער פון תנך אויפגעטון אסך מער ווי די איינצלנע מחברים פון זיינע טיילן — מעגן זיי זיין ווי שיין און גרויס.

און אזוי ווי דאָס צוזאמענשטעלן פון תנך איז געווען נישט אזוי א ריין ליטעראַרישער וויפיל מען א רעדאַקטאָרישער אויפטו — וואָלט איך מאָ־דיפיצירט אביסל די ווערטער פון ה. ג. וועלס: נישט אויפן געביט פון לי־טעראַטור איז צו זוכן דער יידישער גע‌ניוס, נאָר פילמער אויפן געביט פון רעדאַקציע. אָט דאָס צוזאמענגענעמען די 39 ביכער אין 'איין ספר — אָט דאָס איז דער סאמע גרעסטער אויפטו.

אויף דעם אופן איז באשאפן געוואָרן — מיט העכער 2000 יאָרן צוריק — א פּאָרם, וואָס איז איינציק. אָט אזוי ווי דער „קאָה־אי־נאָאָר" איז נישט נאָר דער גרעסטער דיאמאנט פון דער וועלט — נאָר ער איז אן איינציקער אין זיין מין. און מען קען נישט וויסן צי איז ער טאקע דער גרעסטער פון דער וועלט — ווארום עס קען דאָך זיין, אז זיין נאָך גרעסערער ברודער איז ערגעץ אזוי טיף באגראָבן אין דער ערד, אז מענשן וועלן אים קיינמאָל מער נישט געפינען. און אזוי קען זיין, אז דער תנך, דער גרויס־דיאמאנט צווישן די ביכער פון דער וועלט וועט שוין אייביק פארבלייבן דאָס, וואָס ער איז — דאָס גרעסטע בוך, דאָס בוך פון די ביכער.

און דער אויפטו ליגט אין דער פארשידנארטיקייט — פונקט ווי דער אויפטו פון דיאמאנט אין זיין שליף, אין זיין פילזייטיק, און וואָס מער ווינק־לען און שליפן, אלץ מער גליצערט ער, אלץ מער ליכט נעמט ער אריין און ברעכט אין טויזנט שטיקער און גיט צוריק אין א פארשטארקטער פאָרם. יאָ, עס קען זיין, אז דער תנך וועט שוין אייביק בלייבן איינציק.

3.

, צו זיין עקזאקט נעמט דער תנך אריין אין זיך א געשיכטע פון איבער 3300 יאָר. דאָס לויט די באגריפן פון תנך גופא. דאָס הייסט פון דער באשאַ־פונג פון דער וועלט ביז דער צייט פון עזרא און נחמיה. אָבער, צו זיין נאָך עקזאקטער, מוז מען זאָגן, אז דער תנך נעמט אריין בלויז שריפטן פון ארום 800 ביז 900 יאָר. פון דער צייט פון משה רבינו ביז דער צייט פון עזרא. אָבער דאָס איז שוין כמעט א זיכערער פאקט. און נישטאָ אין דער וועלט נאָך איין בוך, וואָס זאָל האָבן צוזאמענגעשמאָלצן אין איין אָרגאנישער גאנצקייט שריפטן פון 8 ביז 900 יאָר. ווארום דער תנך איז נישט קיין אנטאלאָגיע, אַן אויסקלייב פון שענסטן און בעסטן, דער תנך איז אַן אָרגאנישע גאנצקייט. ער איז עס יאָ און איז עס נישט. דאָס לאָזט זיך גאָרנישט קלאָר דעפינירן. אזוי איז עס.

נישט איינמאָל טראכט איך און טראכט אין וועלכן ליטעראַרישן גע־ביט קען מען דעם תנך איינשליסן: געשיכטע, געזעץ, לעגענדע, זיטן־גע־שיכטע, פּאָעזיע, פּראָזע, דראמע, דאָקומענטן־זאמלונג, פּרעדיקעריי, נבואה, שטראָפּעריי, אפשר טאקע אנטאָלאָגיע, אפשר לעקסיקאָן, אפשר ענציקלאָפּעדיע אין אזא אנטיקער פאָרם? אפשר אלץ צוזאמען? אָבער נישט אלץ צוזאמען און נישט יעדעס באזונדער פאסט אויף׳ן תנך. ער איז וואָס ער איז. און אזוי ווי ער איז — איז ער צום בעסטן.

פויפסט גרעגאר האָט אין זעקסטן יאָרהונדערט נאָך געזאָגט: די ביבל איז א שטראָם אזא, וואָס א העלפאנט קען ארומשווימען אין אים און א שע־פעלע קען ארומבראָדיען אין אים . . . און דעריבער וואָלט איך מיט א ריין געוויסן געראָטן צו געבן דעם גאנצן תנך — וואָרט אין וואָרט — צו ליינען א קינד פון 10־12 יאָר, ווי מיין טאטע האָט מיט מיר געטון, און — — טאָמער וואָלט איך נאָר איין בוך געדארפט און געמעגט מיטנעמען אין א לעבנסלענג־לעכער תפיסה, וואָלט איך זיכער א טראכט געטון: ספינאָזאס ווערק — אָדער דעם תנך? נאָר אין א מינוט ארום וואָלט איך באשלאָסן: תנך. און דאָס נישט מחמת פרומקייט — נאָר מחמת עפּיס, וואָס איז נישט צום דעפינירן, מחמת דעם אוראלטן כישוף, וואָס איז דאָ אין תנך.

.4

איך בין אַ צו גרויסער ענטוזיאַסט פון תנך און איך מעג מיר דערלויבן צו זאָגן ווערטער וועגן אים וואָס קלינגען ווי לעסטערונג . . . דער תנך איז אַ פינסטערער אָפּגרונט אין אַ פינסטערער נאַכט; און אָפט, אַז דו שטייסט אַזוי נאָענט נעבן אים און דו הערסט זיך איין צו די קולות, וואָס קומען פון זיין טיף, דאַכט זיך דיר, אַז דו הערסט די דומפּיקע קולות פון קאַמף. יאָ פון קאַמף פון איין מעכטיקער באַשעפעניש, אַן אומדעפינירבאַרער, מיט אַסך קלענערע, אָבער מעכטיקע חיות. דאָס איז דער קאַמף פון גאָט מיט די געצן. דער קאַמף פון איין גאָט מיט טויזנטער געצן. אין דער אמתן איז דאָס דער טיפסטער קאַמף, וואָס קומט פאָר אין די טיפסטע, שוואַרצסטע אָפּגרונטן פון יעדער מענשלעכער נשמה. דער תנך איז דאָ — אָט אַזוי עלעמענטאַר ווי דאָס בוך — אין יעדן מענש. ער איז מיט יעדן מענש געבוירן געוואָרן. אָט דער קאַמף פון גאָט מיט געצן — פון איין גוטס מיט אַסך שלעכטקייטן. נאָר אין תנך איז אָט דער קאַמף מיט אַן איבערמענשלעכער קראַפט אַרויסגעצויגן געוואָרן פון די אָפּגרונטן פון דער מענשלעכער נשמה און אַריינגעטון געוואָרן אין ווערטער און די ווערטער אין אַ בוך. אַמאָל זענען נעגערס געקומען צו אייבערהעם לינקאָלן, דעם באַפרייער זייערן, וואָס האָט זיך אָן דער ביבל נישט אַ ריר געטון, און האָבן אים געבראַכט אַ מתנה, אַ ביבל. און ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן זעענדיק דאָס מוראדיק־מערקווירדיקע בוך אין די הענט פון ערשט באַפרייטע שקלאַפן, האָט דער מענש, וואָס איז אַליין אַ שטיק תנך געוועזן, געזאָגט: יאָ, די ביבל — דאָס גרויסע בוך, עס איז די בעסטע מתנה, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענש, אָבער צוליב אָט דעם בוך קען מען נישט וויסן דעם חילוק צווישן גוטס און שלעכטס . . . לינקאָלן האָט זיך, ווייזט אויס, פשוט דערשראָקן פאַר דער ביבל אין די הענט פון ערשט באַפרייטע שקלאַפן און אָט די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל. ער האָט צו גוט געקענט דעם תנך, דאָס בוך אין וועלכן אַ „העלפאַנט קען זיך באָדן און אַ שעפעלע אַרומקריכן" — און ער האָט געוווסט, אַז די נעגערס זענען נאָך נישט קיין העלפאַנטן און שוין נישט קיין שעפעלעך . . .

.5

און אַז עס ווילט זיך מיר אַריינצולאָזן אין ספּעקולאַציעס וועגן גייסט און וועגן מאַטעריע — מאַך איך אויף די לעצטע קאַפּיטלעך פון משלי און איך לעז וועגן גייסט איידער וועלט . . .

און אַז עס ווילט זיך מיר געפינען מוט צו רעדן אַלץ, וואָס איך טראַכט

יענעם גלייך אין די אויגן אריין, מאך איך אויף די רייד פון דעם נביא יחזקאל. אָדער די רייד פון דעם נביא זכריה.

און אז עס פילט מיך אָן א ביטערניש אויף מיינע ברידער, די יידן, און זיי געפעלן מיר נישט, מאך איך אויף דאָס ספר מלכים און איך זע, אז קיינ־מאָל זענען זיי בעסער נישט געווען, פון איין גען ארויס אין א צווייטן גען אריין. און גאָט איז געשטאנען ביי דער זייט מיט ליכט און מיט ליבע, נאָר זיי האָבן אים נישט געוואָלט זען און הערן.

און אז עס ווילט זיך מיר גלאט זאָגן נעמען אָן א זין און אָן א סוף, אין אומזין פארזינקען, מאך איך אויף דעם ספר דברי הימים און איך לעז און לעז נעמען, נעמען, נעמען און רו קומט איבער מיר, די געדאנקענלאָזע רו פון א בוים אין פארנאכט, וואָס ווייסט אליין נישט וואָס זיינע בלעטער מורמ־לען, מורמלען . . .

און אז עס פארדריסט מיך דאָס כבוד־זוכעריי פון מיינע ברידער, וואָס וואָלטן וועלן, אז פאר יעדן גראָשן, וואָס זיי געבן, זאָל מען זיי אויפשטעלן א דענקמאָל אין ווערט פון א גילדן — מאך איך אויף די ספרים עזרא און נחמיה און זע, אז עס איז קיינמאָל נישט בעסער געווען. טאָמער האָט איינער א ציגל אריינגעשטעלט אין בנין פון נייעם בית המקדש — האָט מען שוין זיין נאָמען געמוזט אריינשטעלן אזש אין סאמע תנך אויף אייביק . . .

און אז איך וויל לערנען וויאזוי צו שרייבן פראָזע, קורץ און שארף און בילדעריש אז די פארבן זאָלן זיך זען און די געשטאלטן זאָלן זיין בולט מיט די הענט אָנצוטאָפּן און די געשעעענישן זאָלן זיך באוועגן פאָרויס ווי מיט טריט — לעז איך בראשית — די יוסף־מעשה.

און אז איך וויל לערנען ווי צו שרייבן פּאָעזיע, טאקע פּאָעזיע, נו — איז שיר השירים.

און אז איך וויל מיך לערנען ווי צו פּרעציזירן דעפיניציעס — וואָס זאָלן אויסקומען אזוי פעסט און אָן שפּאלטן ווי א מויער — אין ויקרא געפין איך מוסטערן אסך.

און אז פארצווייפלונג באפאלט מיך און איך וויל מיך איינהילן אין איר ווי אין א טלית און געפינען א טרייסט אין א נאָך גרעסערער פארצווייפלונג — איז קהלת דאָס בוך.

און אפילו פאר וועגעטאריער איז געזאָרגט געוואָרן. פאַרהאַנען אָנדיי־טונגען וועגן דעם אין ספר בראשית און אין ספר דניאל. אלץ איז דאָ, אלץ, פאר יעדן איינעם און צו יעדער צייט.

6.

און דער עיקר — עס איז אַן עמך־בוך. א בוך פאר עם הארץ. צענמאָל בפירוש איז עס אזוי פארטראכט געוואָרן. עס איז א בוך צום פאָרלייענען. און

דאָס איז נאָך מער אַ באַווייז, אַז עס איז אַן עמך־בוך. עס איז בפירוש אַ בוך פאַר מענטשן, וואָס קענען אַפילו אַליין נישט לעזן . . . אָבער נאָר טיילן פון תנך זענען ביים היינטיקן טאָג אַן עמך־בוך. ריכטיקער טיילן פון טיילן.

אַ בוך פאַר עם־הארצים — אָבער גוט קענען דעם תנך נאָר תלמידי חכמים. און דאָס ספר האָט זיי בפירוש נישט ליב. דאָס ווערט קלאָר פון און פון צווישן זיינע שורות זייער געגנוי.

אַ בוך פאַר יידן, און נאָר פאַר יידן, שוין אַביסל צופיל אַפילו, צווישן אונז זאָל עס בלייבן, די גרעסטע טיילן פון תנך זענען שאָוויניסטיש ביז גאָר — און גוט קענען דעם תנך דווקא די גוים . . . יידן קענען נישט דעם תנך. און אויב מיינע ווערטער דאָ וועלן משפיע זיין כאָטש איין מנין יידן צו לעזן דעם תנך בלעטל ביי בלעטל, וואָרט ביי וואָרט — איז דיינו.
1942.

פאַרוואָס זאָל נישט צוזאַמענגעשטעלט און קאַנאָניזירט ווערן אַ צווייט יידיש ספר־הספרים?

.1

די פראַגע איז קלאָר און דייטלעך געשטעלט אין קעפּל פון די דאָזיקע ווערטער און איך וועל זי דאָ אויך נאָך אַמאָל איבערחזרן און שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל אין פאַרלויף פון די אויספירונגען: פאַרוואָס זאָל נישט צוזאַמענגעשטעלט און קאַנאָניזירט ווערן אַ צווייט יידיש ספר אַזאַ, ווי עס איז אונזער אַלטער תנ״ך?

צוליב יהואש׳ס יידישער תנ״ך־איבערזעצונג און צוליב דער עקזאַקט־קייט אירער איז דער תנ״ך צווישן מאָדערנע יידישע יידן ממש ווידער־געבוירן געוואָרן. אַסך יידן, וואָס האָבן אין זייער יוגנט דורכגעלערנט גאַנץ תנ״ך — למשל ווי דער שרייבער פון די שורות — אָבער האָבן אין פאַרלויף פון זייער לעבן פאַרגעסן העברעאיש, האָבן מיט דער צייט כמעט אינגאַנצן אויפגעגעבן דאָס אַריינקוקן אין תנ״ך. דאָס אַריינקוקן אין אַ תנ״ך אין אַ אייראָפּעיש־שפּראַכיקער איבערזעצונג איז פרעמדלעך און קאַלטלעך, דער עיקר אויב מען האָט אַמאָל געלערנט דעם אָריגינאַלן טעקסט, און לייענען אין העברעאיש איז שוין שווער, נו האָט מען לחלוטין אויפגעגעבן די דאָזיקע זייער נוצלעכע באַשעפטיקונג פון צייט צו צייט — און וואָס אָפּטער, דאָס בעסער — צו בלעטערן דעם תנ״ך. איז געקומען יהואש און — — און עס איז נישט מער נויטיק צו לעזן אַ פרעמדשפּראַכיקע ביבל. געקומען יהואש און אויסגעלייזט דעם תנ״ך פאַר טויזנטער און טויזנטער, יאָ, טאַקע פאַר מיליאָנען יידן. איך וויל דאָ איצט נישט אַריינגיין אין דער פראַגע פון יידיש און העברעאיש.

אוודאי איז גוט אויב א ייד קען העברעאיש און ער געדענקט עס טאקע כל ימיו. אָבער אז ער קען פאַרט נישט? נאָך אלע זאכן, דאָס וואָס איז דערלויבט געוועזן די מייסטע יידן פון ארץ ישראל אין פארלויף פון הונדערטער יאָרן אין ארץ ישראל גופא — מעג דערלויבט זיין היינט אויך אין אלע לענדער פון דער יידישער וועלט־צעשפּרייטונג. אזוי איז דאָס לעבן. און — נישט דאָס זענען מיר אויסן. דאָס — נאָר דרך אגב.

.2

א דאנק דער פאריידישונג פון תנ״ך איז דאָס ספר ווידער געוואָרן א טיש־בוך אין אסך יידישע שטובן און מען קוקט זיך ווידער ארום ווי גוט עס איז אזא ספר. און גוט — נישט פון רעליגיעזן שטאנדפונקט דווקא. פארהאנען דאָך א היפּש ביסל יידן, וואָס האלטן, אז דאָס לייענען פון תנ״ך ווי ער שטייט און ער גייט אינגאנצן איז אפּיקורסות. און זיי ווייסן וואָס זיי האלטן . . . און נישט איינמאָל איז בפירוש א חידוש וויאזוי עס איז קאנאָניזירט געוואָרן אָט דאָס ספר, טאקע אזוי ווי עס שטייט און עס גייט. נישט אנדערש נאָר א נס איז אונז געשען. בפירוש א נס. ווארום וואָס פאר א פּנים וואָלט טאקע גע־האט דער תנ״ך, ווען ער וואָלט רעדאגירט געוואָרן אין זין פון די, וואָס האלטן היינט, אז עס איז דאָ אסך אפּיקורסות אין אים . . . ער וואָלט אויסגע־זען ווי אן אָדלער מיט אָפּגעפּליקטע פליגלען. נישט אָפּגעבראָכענע, נאָר אָפּ־געפּליקטע. דער ווייטיק איז נאָך גרעסער, די פליגלען זענען דאָ, נאָר פליען מיט זיי קען מען נישט. און אזוי האָבן מיר א הערלעך בוך, א בוך, וואָס אין דעם געוויש פון יעדן וואָרט זיינעם איז דאָ דאָס געוויש פון אָדלער־פליגלען, איידער ער הויבט זיך אויף צום פלי — העכער און העכער איבער אלע חיות, איבער אלע פייגל, איבער אלעביימער, די העכסטע, און איבער אלע בערג.

די גרויסקייט פון תנ״ך באשטייט דער עיקר אין דעם, וואָס ער איז נישט קיין אפּאָלאָגעטיש בוך. ער שטראָפט און מאָנט און רייסט פּאסעס. און אויב ער הויבט אין הימל אריין, הויבט ער אין הימל אריין די אידעע און וואַרפט מיט טאָפּלטער קראפט צו דער ערד די, וואָס וואָלטן געדארפט זיין די טרע־גער פון דער אידעע און זענען עס נישט.

איך ווייס נישט צי אין וועלכן אנטיסעמיטישן בוך רעדט זיך אין קוואַנ־טיטעט און קוואַליטעט אזויפיל שלעכטס וועגן יידן ווי אין תנ״ך. נאָר מיט איין זאך אונטערשיידט זיך דער תנ״ך, אין דעם זינען, פון די אנטי־יידישע ביכער. אין אים זענען קיין שום בילבולים נישטאָ אויף יידן.

דערפאר איז אזוי גוט איצט — און אין אלע איבעריקע ביטערע יידי־שע צייטן — צו נעמען דעם תנ״ך אין האנט און צו לייענען אים און לייענען. ער גלעט נישט ווי א נאריש־פארליבטע מאַמע, ער שטראָפט ווי א מענלעך־

מענשלעך־קלוגער פּאָטער און — ווען נויטיק — רייסט ער פּאסעס.

לויט אלטער יידישער טראַדיציע דאַרף א פּאָטער אויסלערנען שווימען זיין זון, אזוי איז דער תנ׳ך, ער וואַרפט אונז אַן רחמנות אריין אין דער יידי־שער ווירקלעכקייט פון פאַר דריטהאַלב־טויזנט יאָרן און לערנט אונז שווימען דורך די אָפּגרונטן פון אַמאָליקן יידישן געדאַנק.

.3

אָבער דער אַלטער תנ׳ך איז פאַרט שוין איבער צוויי טויזנט יאָרן אלט און זינט דעמאָלט איז דאָך אסך פאַרגעקומען.

ווי גוט וואָלט אונז געווען איצט, דווקא איצט, ווען מיר וואָלטן איצט געהאַט פאַר זיך אויך א צווייטע יידישע ביבל, אָדער א צווייטן גרויסן טייל אירן.

מיין פשוטער מוח וואָס האָט ליידער, צוליב אַלערליי סיבות, זייער ווייניק אָפּיציעלע „תורה" אין זיך אויפגענומען, קען דאָס פּשוט נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס יידן האָבן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער און יאָרטויזנטער נישט פּראָדוצירט אפילו א באַוועגונג פאַר צונויפשטעלן א צווייטע יידישע ביבל — און טאַקע לויטן פּראַכטפולן קלאַסישן מוסטער פון דער ערשטער.

וואָרום וואָלט מען אונז צוזאַמענגעשטעלט אַן אַפּאָלאָגעטיש ספר, אַן איינזייטיקס, א פּאַרטייאישס, אָדער א ספר וואָס לויבט אין הימל אריין די טרעגערס פון די אידעען און נישט די געטראָגענע אידעע — איז שוין בע־סער וואָס מיר האָבן א פּוסט אָרט אויף דעם פּלאַץ פון דעם צווייטן גרויס־טייל פון תנ׳ך.

.4

דער שרייבער פון די שורות האָט שוין ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און אונטער פאַרשידענע אויסריידן און אין אַלערליי וואַריאַציעס, באַרירט דיזעל־בע פראַגע, וואָס ער שטעלט היינט פּראָסט און פּשוט. אַמאָל האָט ער געשריבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור ווי וועגן א „מאָדערנעם תנ׳ך". אַן אנדערש מאָל וועגן דער נויטיקייט פון א אויפגעפרישטן אימפּעראַטיוו אין יידישן לעבן, נייע געבאָטן. ווידער אַן אנדערש מאָל וועגן דער נויטיקייט פון ספרים אין יידישן גייסטיקן לעבן און נישט ביכלעך.

און איצט וואָגט ער מיט דעם ביסל יידישן און אַלגעמיינעם וויסן, וואָס ער פאַרמאָגט און מיט דעם ביסל ליטעראַרישן און אנדערן סטאַזש, וואָס איז זיין אייגן, צו פרעגן דרייסט און קלאָר: פאַרוואָס זאָל נישט צוזאַמענגע־שטעלט און קאָנאָניזירט ווערן א צווייט יידיש ספר אזא, ווו עס איז אונזער אַלטער תנ׳ך?

וועט עמיץ קומען און ענפערן אזוי: צוזאַמענשטעלן א ספר אזא ליגט אין ראַמען פון מענשלעכע מעגלעכקייטן. צוויי, דריי, א טוץ מענער, א סנהדרין—

צוזאמענגעשטעלט קען עס ווערן. נאָך אלע זאכן טאָר עס נישט זיין גרעסער ווי א טויזנט געדיכטע זייטן. און צוזאמענשטעלן אזא מין בוך ליגט אין די ראַמען פון מענשלעכע מעגלעכקייטן. די פראגע איז וויאזוי אזא בוך וועט קאנאָניזירט ווערן?

מיר דאכט זיך, אז די וויסנשאפט האָט עס נאָך נישט געענוי אויסגעפונען, וויאזוי דער אלטער תנ״ך איז קאנאָניזירט געוואָרן. אין איין שיינעם טאָג איז ער געוועזן קאנאָניזירט אויף אייביק. מסתמא איז עס אים לייכט נישט אָנגעקומען און מסתמא איז ער טיילן־ווייז און גאנצער־הייט אפילו דורכגעגאנגען אסך גילגולים. נו וועט דאָס זעלבע אויך געשען מיט דעם נייעם ספר.

.5

ספרים פון דער יידישער געשיכטע קענען נישט פארנעמען דעם אָרט פון אזא מין צווייטן תנ״ך. ערשטנס ווערן זיי געשריבן פון איינציקע מענשן, זענען געשריבן געוואָרן פון איינציקע מענשן, און צווייטנס ווערן זיי צונויפגעשטעלט אונטער א פארגרעסערגלאָז פון אַן אפּאָלאָגעטיקער. היסטאָריקער זענען אלעמאָל אפּאָלאָגעטיקער. דריטנס אנטהאלטן זיי פאקטן און געדאנקען וועגן געדאנקען און נישט די געדאנקען אליין.

אז עס רעדט זיך שוין וועגן געשיכטע: ממש טויזנטער יאָרן האָבן מיר קיין געשיכטע פון אונזער אייגן פאָלק נישט געשריבן מער — ביז עס זענען געקומען געוואגטע יידן און האָבן ווידער אָנגעהויבן שרייבן יידישע געשיכטע. פארוואָס זאָל דאָס זעלבע נישט קענען געשען מיט א ספר, צוזאמענגעשטעלט לויטן זעלבן מוסטער ווי דער תנ״ך?

.6

אזא ספר וואָלט נישט געטאָרט צוזאמענגעשטעלט ווערן פון צו גרויסע געלערנטע, פון צו גרויסע קענער אין די שווארצע פינטעלעך.

ביי די גרויסע פינטלערס און טינטלערס ווערט דער טפל פון דעם פינטעלע דער עיקר און די ליניע דערזעען זיי שוין נישט מער.

און אין דעם ספר וועגן וועלכן מיר רעדן, און וועגן וועלכן מיר חלומען, אין די וואונדן־פולע און וואונדערבארע חלומות אונזערע איז די ליניע דער עיקר און דאָס „פינטעלע״, דאָס פינטעלע פון וויסנשאפטלעכער פינקטליכקייט דער בפירושער טפל. און דאָס טאָר נישט פארזען ווערן און נישט פארגעסן ווערן.

אזא ספר וואָלט נישט געטאָרט צוזאמענגעשטעלט ווערן פון טעאָלאָגן. גאָט זאָל היטן . . . טאקע דער גרויסער יידישער גאָט זאָל היטן.

און אויך נישט פון פארטייאיקער.

און נישט פון קיין ענציקלאָפּעדיסטן און לעקסיקאָגראפיקער.

נאָר פון וועמען דען?

פון אזעלכע מענערישע מענער, געטלעכע מענער, ליידנשאפטלעכע מענער, וואָס האָבן אין זייער ליידנשאפטלעכער ליבע פון אמת און פון גאָט באַשאפן די גרעסטע, טאָלעראנטע ליידנשאפטלאָזיקייט, וואָס איז טאקע נויטיק געווען צוזאמענצושטעלן דעם תנ״ך.

און אויב עס איז אין זייער ווערק שפעטער, אָדער אין זייער צייט אריינגעפינטלט געוואָרן און עס זענען צוגעשטעלט געוואָרן סופן און יהי רצונס — ווערט דאָס ווערק נאָך אינטערעסאנטער. ענלעכס האָט דאָך ספינאָזא אליין געמאכט מיט זיין טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראקטאט אין דער הקדמה און נאָכוואָרט.

7.

פארוואָס זאָל טאקע נישט צוזאמענגעשטעלט און קאָנאָניזירט ווערן א צווייט יידיש ספר אזא ווי עס איז אונזער אלטער תנ״ך?

וואָס אין אים אריינצונעמען אויף די טויזנט זייטן? אזא וווּנדערלעך מוסטער איז דאָך דאָ פאר אונזערע אויגן. ער ענפערט אליין. און אני הקטן מן הקטנים וואָג אפילו נישט קיין איין נאָמען אָדער איין טיטל פון א בוך, אָדער פראגמענט פון א בוך אויסצורעכענען.

8.

אזא ספר וואָלט געווען די אמתע טרייסט.

אזא בוך וואָלט ווי אלעקסאנדער דער גרויסער מיט דעם שווערט צעשניטן דעם גאָרדישן קנופּ פון אלע יידישע דערציונגס־פּראָבלעמען.

און איצט איז די צייט פאר דער וועלט און פאר אונז — פאר אזא ספר. זענען דען די צייטן ווען דער ערשטער תנ״ך איז צונויפגעשטעלט געוואָרן, געווען רויקער ווי די איצטיקע? און די טעכנישע מעגלעכקייטן זיכער צענמאָל־ערגערע ווי איצט. און די מאָראלישע נויטיקייט איז דעמאָלט נישט געווען גרעסער ווי די איצטיקע. איז: פארוואָס זאָל נישט צוזאמענגעשטעלט און קאָנאָניזירט ווערן א צווייט יידיש ספר, אזא ווי עס איז אונזער אלטער תנ״ך?

9. פּאָסט סקריפּטום:

אויפגעשריבן די ווערטער דאָ אויבן — דעם דאָזיקן ארטיקל — און זיך געטראכט, אז אזא מין געשריפט דארף מען לאָזן איבערנעכטיקן אויפן טיש. און דער ארטיקל האָט מיך געפייניקט א גאנצע נאכט ממש. א קאָשמאר. ווי וואָג איך? ווער בין איך? און וואָס פאר א זין האָט עס. און באלד אין דער פרי האָב איך דעם מאמר ווידער פאר זיך איבערגעלייענט, איינמאָל און נאָך

אמאָל — און מיין קאַשמאַר איז צערונען און די ספקות זענען געמינערט געוואָרן.

אוודאי וועלן די טעאָלאָגן — אויב מיין מאמר וועט זיי קומען צו די אויגן — מיך אפילו נישט ווירדיקן מיט א מאַך פון דער האַנט. און עס איז גוט אזוי — ווארום דער ערשטער תנ״ך איז אויך נישט דאָס ווערק פון זייערע הענט. דאָס ווערק פון זייערע הענט זענען נאָר די צושריפטן און צוגאבן, וואָס אקצענטירן אגב דאָס אמתע פּייער פון דעם תנ״ך, וואָס ברענט ווי א סנה.

און די נייגעבאַקענע פּרומאַקעס וועלן שוין דווקא יאָ ווידמען א מאַך מיט דער האַנט, אָבער וועגן דעם עיקר וועלן זיי נישט שרייבן.

נור חוץ די טעאָלאָגן און די נייגעבאַקענע איז נאָך פאַרהאַנען א יידיש פאָלק, וואָס דאַרף אזא ספר ווי דאָס לעבן — אויב עס דאַרף בכלל נאָך לעבן ווי א פאָלק.

היינט איז מיין וויזיע פון דעם נייעם תנ״ך קלאָרער און דער מוט דרייס־טער:

אין יידיש וואָלט מען געדאַרפט דעם נייעם תנ״ך צונויפשטעלן. אויב די ערשטע האָבן שוין מיט טויזנטער יאָרן צוריק געוואגט ארייַנצושטעלן שטיקער אין לשון ארמית — פאַרוואָס זאָלן מיר היינט נישט וואגן אין גאַנצן אין יידיש? שפּעטער וועט מען קענען איבערזעצן. אָבער דער אָריגינאַל מוז פולסירן מיט לעבעדיק לעבן.

ווער זאָל עס טון? צען מענער, צוועלף מענער, נישט זיבעציק און נישט לויט קיין „שליסל״ צוזאַמענגערופענע. האָט דען יענע ערשטע תנ״ך־מע־נער ווער גערופן חוץ זייער אייגענעם אינערלעכן רוף? און נאָך אלע זאַכן זענען זיי אויך נישט מער געוועזן ווי מענשן ווי די היינטיקע זענען. נאָר פּאַטאָס האָבן זיי מער געהאַט — און, ווי מאָדנע דאָס קלינגט, א ברייטערן וועלט־בליק אויך. כאָטש זיי האָבן אפילו נאָך נישט געוווּסט, אז די ערד איז קיילעכדיק און אז זי דרייט זיך ארום דער זון און אז די זון איז אביסל גרע־סער פון איר . . . דאָס אויסערלעכע וויסן מאַכט דעם מענטש אינערליך נישט רחבותדיקער.

און וואָס זיי זאָלן ארייננעמען? שטאַרק צוגעגרייט איז שוין די ארבעט אויף דעם געביט. געשיכטעס, ליטעראַטור־געשיכטעס און דאָקומענטן־זאַמ־לונגען ליגן שוין גרייטע. און די ווערק אליין זענען אויך שוין אויסגע־גראָבן און די נייערע — סעלעקציאָנירט.

א תנ״ך איז נישט קיין אַנטאָלאָגיע און נישט קיין געשיכטע און נישט קיין דאָקומענטן־זאַמלונג. ער איז דאָס אלץ צוזאַמען.

די וויכטיקסטע זאַך אין א תנ״ך איז די דרייסטע, מוטיקע, מענלעכע, מענטשלעכע אידעע — די פליענדיקע ליניע און נישט דאָס פּינקטלעכע פּינטל.

און די ליניע איז, אז דער מענש איז דאָך גוט, און אז אן אבסאָלוטע גע־רעכטיקייט איז דאָך פאַרהאַנען, און אז זי וועט הערשן אַמאָל, און אז די יידן טוען פאַר איר און ליידן פאַר איר, און כאָטש זיי ליידן אָפט מער פאַר איר— דער אבסאָלוטער גערעכטיקייט — הערן זיי נישט אויף צו טון, און טאקע נאָך מער צו טון. אָבער דאָס אלץ טאָר נישט געזאָגט ווערן, טאָר נישט ארויס־געבריינגט ווערן אַפּאָלאָגעטיש.

יאָ, און די צונויפשטעלער פון דעם ספר וועלן זיך נישט טאָרן חתמענען אלס די צונויפשטעלער, כאָטש זיי וועלן עס שטארק וועלן — ווייל דער גרוי־סער חילוק צווישן די גרויסע יידן פון אמאָל און די קליינע יידן פון היינט איז, אז אמאָל זענען זיי געוועזן אַן עם הספר און היינט זענען מיר אַן עם הסופרים.

וואָס אזא צווייטער יידישער תנ׳ך זאָל אריינעמען?

ערשטנס זיין נאָמען. ער קען ווידער הייסן תנ׳ך — ווייל ער וועט דארפן אריינעמען נייע תורות און נייע נבואה און נייע כתובים טאקע.

נייע תורות — דאָס זענען די נייע דאָקטרינען וועגן גאָט אליין — די דאָקטרינען פון רמב׳ם און ספּינאָזא און אפילו בערגסאָן. און די נייע געזעל־שאפטלעך־סאָציאלע דאָקטרינען, וואָס די דאָקטרין, אָדער „תורה״ פון קארל מארקס איז זיכער א באשטאנד־טייל אין איר.

און (נאָך די מוטיקע ארויסטריטן פון שלום אשן מעג מען עס היינט שוין זאָגן פראנק און פריי, ווייל אויב עס מעג דאָס זאָגן דער מאַן, וואָס האלט היינט די מעכטיקסטע יידישע דיכטער־פעדער אין האנט, מעג עס שוין זאָגן יעדער) די אויסגעשפּראָכן־יידישע נבואה — פאַרפלאָכטן מיט משלים, פון ישוע, דעם מאַן פון גליל. און פונקט ווי אין אלטן תנ׳ך זענען די יאָר־הונדערטער דורכגעמישט, אזוי דארפן אין נייעם תנ׳ך — אָדער ריכטיקער: קענען אין נייעם תנ׳ך — די יאָרטויזנטער זיין אויסגעמישט. נאטירלעך דארף זיך אָט דער נייער תנ׳ך אָנהויבן דאָרט, וווּ דער אלטער האָט זיך אויפגעהערט, און דאָס איז ביי די צייטן נאָך עזרא הסופר. אָבער אז אָט דער תנ׳ך וועט צוקו־מען צו די צייטן פון ישוע, דעם מאַן פון גליל, מעג ער דרייסט א שפּרונג טון ביז צו אונזער צייט און איינשליסן א טייל פון שלום אשס ראָמאַן וועגן דעם ערשטן גרויסן רעפאָרמאַטאָר פון יידישן געזעץ, וואָס איז צוליב טויזנט און איינס צופאלן נישט געוואָרן קיין רעפאָרמאַטאָר ביי יידן נאָר א יהוה־מיסיאָנער אין ברייטסטן זינען פון דעם וואָרט ביי גוים. פארוואָס זאָל מען דאָ נעמען ביי אשן א פראגמענט? ווייל קיינמאָל — זינט די צייטן פון פאולוס — האָט א יידישע האנט, בלייבנדיק דורכאויס יידיש, נישט גענומען אזא שטעלונג צום גאנצן ענין ווי דאָס האָבן געטון די הענט און דאָס הארץ פון שלום אש. און — ווי געזאָגט — א תנ׳ך איז נישט קיין אנטאָלאָגיע און נישט קיין זאמ־

לונג פון היסטאָרישע פּינטעלעך און פּראָפּעסאָרישע פּינקטלעכקייטן, א תנ"ך איז א ליטעראַרישע פאָרם אין זיך אליין. אין א תנ"ך שטייט אין פאָדערגרונט די אידעע, און די אידעע איבער אלץ, אזוי מעכטיק ווי די זון איבער איר גאנצן סיסטעם.

צופיל זיך אפשר אָפּגעשטעלט אויף דעם פּונקט ווייל ער איז א קארדינאַלער.

און ליריש דאַרף קומען צום אויסדרוק אין ניים תנך די אומענדלעכע בענקשאַפט פון יידן צום לאַנד פון אלטן תנ"ך.

רב יהודה הלוי.

און א כראָניק פון די פּאָגראָמען וואָלט דאָ געדאַרפט אריינקומען, א כראָניק פון דריטהאלבן טויזנט יאָר. אויך אין אלטן תנ"ך זענען דאָ שטיקער מיט אַרכאַישער סטאַטיסטיק, וואָלט דאָס שטיק אין ניים תנ"ך געדאַרפט זיין א מייסטער — און מוסטערשטיק פון נייער סטאַטיסטיק, וואָס א סקרוד זאָל דורכגיין פון אָט די נאַקעטע ציפערן — נאַקעט ווי סקעלעטן — איבערן חוט השדרה פון דער וועלט ביים לעזן. און דערצו ליריק אויך פון די עלטסטע צייטן, ביז דער ליריק פון נתן־נאָטע האַנאָווער ביז פּרוג ביז ביאַליק.

מיר האָבן דאָ פריער דערמאָנט ספּינאָזא — זיין ספּעקולאַטיווע גאָט־אויפפאַסונג וואָלט אוודאי געדאַרפט באקומען א פּלאַץ אין נייעם תנ"ך, אָבער אויך דער חרם־טעקסט מיט וועלכן מען האָט אים אויסגעשלאָסן פון יידישן כלל און נאָך אזעלכע ענלעכע חרמים. ווייל א תנ"ך איז נישט קיין אַפּאָלאָגעטיש ספר — עס גייט נאָך נאָך א ליניע, עס האָט אן אידעע, אזוי מעכטיק ווי די זון — א וואָרט וועגן דער אידעע איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן.

און די לעסטערער און די משומדים און די אַלערליי אנטיסעמיטישע דאָקטרינעס וואָלטן געדאַרפט אויספילן א ספר פון האס — אָן שום אַפּאָלאָגעטיק, אָן שום אַדוואָקאַטישע שטיק. אויב עס איז דאָ אן אידעע — וועט זי אליין ארויסלייכטן און צו שאַנד מאַכן דאָס אַלץ. נאַקעטער און ברוטאַלער אמת איז געווען דער וועג פון אַמאָליקן תנ"ך און דאַרף נאָך מער זיין דער וועג פון הייַנטיקן.

אָבער גענוג מיט די משלים. מען קען הונדערט זייטן מיט זיי אָנפילן און נישט אויסשעפּן א פּערטחלק.

די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק אין פאַרלויף פון דער צייט ביז דער קאַנאָניזירונג פון תנ"ך — און דאָס איז קלאָר פון תנ"ך גופא — איז נאָר מעגלעך געווען א דאַנק די דאָגמען, אנטהאַלטן אין די צען געבאָט, ארום וועלכע דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געהאַלטן ווי שטיקער אייזן ארום א מאַגנעט. קיין שום אינטערעסן האָבן נישט געצווונגען דערצו, נאָר אן אינערטע קראַפט

פונקט ווי די קראַפט, וואָס ציט דאָס אייזן צום מאַגנעט. א העכערע קראַפט, פאַראַנקערט אין די אורסודות פון דער נאַטור.

די עקזיסטענץ פון דעם יידישן פאָלק ביז היינט באַווייזט, אז חוץ דער אינערטער קראַפט פון די צען געבאָט האָט נאָך אן אינערטע קראַפט גע־ווירקט, אָבער זי איז קיינמאָל זינט די ערשטע צען געבאָט נישט קאָנקרעטי־זירט געוואָרן אין דאָגמעס. און די אויפגאַבע פון דעם נייעם תנ״ך וואָלט גע־דאַרפט זיין אָט די דאָגמעס אויסצוגעפינען און צו קאָנקרעטיזירן אין ווערטער. הייסט עס, אז דאָ רעדט זיך — חוץ וועגן א נייעם תנ״ך — אויך וועגן נייע דאָגמעס, דאָס הייסט נייע געבאָטן אויך? יאָ — אזוי רעדט זיך עס.

און דאָס אלץ צוזאַמען וואָלט געזיכערט די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אויף נאָך צוויי טויזנט יאָר און — וואָס נאָך וויכטיקער — א שאַרפן שריט פון דער וועלט צו איר גאולה.

.1943

מחשבות אויף דער טעמע:

פאַרוואָס זאָל נישט צונויפגעשטעלט און קאַנאָניזירט ווערן פאַר יידן און פאַר דער וועלט א צווייט ספר אזא ווי עס איז דער תנ״ך?

דער אינהאַלט:

1. כאַאָטישער אריינפיר וועגן אן ארויספיר פון כאַאָס.
2. א צווייטער תנ״ך וואָלט געווען א בריק, די איינציקע בריק איבערן אָפּגרונט.
3. א פּרוּו צו דעפינירן אן אומדעפינירבאַר בוך.
4. ווער זאָל דעם צווייטן תנ״ך צונויפשטעלן?
5. ווער זאָל אים נישט צוזאַמענשטעלן?
6. איז א צווייטער תנ״ך א פאַנטאַזיע?
7. וועגן דער שפּראַך פון צווייטן תנ״ך.
8. וועגן דעם קוואַנטיטאַטיוון פאַרנעם פון צווייטן תנ״ך.
9. וועגן דעם פאַרנעם אין צייט פון דעם צווייטן תנ״ך.
10. וויאַזוי זאָל אָנגערופן ווערן דער צווייטער תנ״ך.
11. א וואָרט וועגן דער הויפּט־אידעע פון צווייטן תנ״ך.
12. א וואָרט וועגן נייע דאָגמעס אין צווייטן תנ״ך.
13. וועגן א צענטראַלער סימבאָלישער דערציילונג.
14. די אידעען אין פאָדערגרונט — די טרעגערס פון אידעען אפילו נישט אין הינטערגרונט.

15. בלעטערנדיק אין חלום דעם צווייטן תנ״ך . . . אָבער וואָס איך האָב געזען, וואָג איך נישט צו זאָגן.
16. די מחברים — אפילו נישט אין הינטערגרונט. עם הספר און עם הסופרים.
17. וועגן קאַנאָניזירן בילדער.
18. א תנ״ך האָט נישט קיין שייכות מיט א געשיכטע.
19. וועגן ניסים.
20. נאָך א וואָרט וועגן תנ״ך און אפּאָלאָגעטיק.
21. צי קענען מיר נאָך אַלץ אויסקומען מיט איין תנ״ך?
22. א וואָרט וועגן דעם גאָרדישן קנופּ פון יידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען.
23. שטומערהייט מאָנט די וועלט.
24. פארוואָס דווקא יידן?
25. די העכסטע צייט — אפשר די לעצטע צייט.

.1

יידנטום, יידישקייט, ייד־זיין, יידיש פאָלק, יידישע „ראסע״ און יידישע ראסע, יידישע שפּראכן, יידן — און אנטי־יידן־פּאָליטיק, יידישע וועלט־באַנעמונגען און יידישע וועלט־באנעמונג, יידישע פארגאנגענהייט, איצטיקייט און קומענדיקייט און בכלל דער זין פון יידישער עקזיסטענץ אין דער וועלט געפינען זיך זינט יאָרן און טעג אין א כאָאָס, וואָס אָט די אלע זאכן און באַגריפן האָבן אים ביז איצינד אפשר קיינמאָל נאָך נישט מיטגעמאכט.

תוהו ובוהו — כאָאָס איז נישט קיין דויערצושטאנד. אפשר איז בכלל קיין דויערצושטאנד נישטאָ, אפשר איז אלץ אין א געוויסן זינען א תוהו ובוהו. אָבער ריכטיקער כאָאָס, אָדער דאָס, וואָס מיר זענען צוגעוווינט צו רופן כאָאָס, איז אוודאי און אוודאי נישט קיין דויערצושטאנד. פון אזא כאָאָס, פון יעדן כאָאָס, פירן צוויי וועגן ארויס — איינער אין דער פולער אויפלעזונג און דער אנדערער אין דער קאָנסאָלידירונג. דאָס איז דער וועג אפילו צווישן גאנצע פּלאנעטן, מכל שכן צווישן פעלקער, וואָס זענען נאָר א באוועגלעכער טייל פון א טייל פון זייער שאָלעכץ . . .

פארוואָס יידנטום, יידישקייט א. אז. וו. ווייטער און ווייטער — און אויך דער אמאָליקער יסוד־לאנגטוויזנט־עריקע אָקס פון יידישקייט — די יידישע רעליגיע — געפינען זיך גראָד אין אָט דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין אזא מין כאָאָס — לאָמיר דאָ איצט נישט אנאליזירן, ווייל עס איז דאָ אין תוך נישט וועזנטלעך. מיסתמא איז דאָס נאָר א סוב־כאָאָס פון דעם אלגעמיינעם כאָאָס פון דער מענשהייט.

אָבער סוב־כאָאָס צי כאָאָס פאַר זיך — זיכער איז, אַז אַ כאַאָס איז דאָ און דערצו אַ כאָאָס אָן אַ פּרעצעדענט. און אויב עס זאָל אפילו ערגעץ־ווו אין דער יידישער געשיכטע זיין אַ פּרעצעדענט פון אַזאַ מין יידישן כאָאָס ווי דער היינטיקער, אַ פּרעצעדענט פון אַזאַ מין כאָאָס אין דער קוואַליטעט, איז אָבער קוואַנטום אויך קוואַליטעט און ממילא איז שוין ווידער נישטאָ קיין פּרעצעדענט, ווייל אַזאַ מין כאָאָס אין קוואַנטום פון מספּר און אין געאָגראַפי־שער אויסשפּרייטונג איז אוודאי קיינמאָל נישט געווען.

דער איצטיקער כאָאָס אַרום יידישן גאָט, כאָאָס פון יידנטום, יידישקייט, יידן־זיין, יידיש פאָלק, יידישע „ראַסע” און יידישע ראַסע, יידישע שפּראַכן, יידן—און אַנטי־יידן־פּאָליטיק, יידישע וועלטבאַנעמונגען און יידישע וועלט־באַנעמונג, יידישע פאַרגאַנגענהייט, איצטיקייט און קומענדיקייט און בכלל דער זין פון דער יידישער עקזיסטענץ אין דער וועלט — מאַנען אָן אַנדערן צוגאַנג, מאַנען אינגאַנצן אַן אַנדערן צוגאַנג. סאיידן מיר זענען אין אַ טעות און עס דאַכט זיך אונז נאָר, אַז דער איצטיקער כאָאָס איז אַן אויסערגעוויינט־לעכער דערפאַר ווייל מיר לעבן אים איבער אָן שום פּערספּעקטיוו. אויב אָבער עס דאַכט זיך אונז נישט און דער כאָאָס איז, אַזוי ווי מיר זעען אים — דאַרף מען אים אַנטקעגן־קומען מיט גאָר אַנדערע מיטלען און אַ שטויס טון אונזער לעבן צו קאָנסאָלידאַציע. סאיידן — נאָך אַמאָל סאיידן — עס איז פאַרהאַנען אַן אונטערבאַוווסטזיניקער ווילן צו דער טאָטאַלער אויפלעזונג און עס ווילט זיך האַלטן די הענט פאַרלייגט.

2.

צווישן דעם יידנטום פון היינט און פון דער צייט, ווען דער תנ״ך איז צו־נויפגעשטעלט געוואָרן, אָדער ריכטיקער — צווישן דעם יידנטום פון דער צייט, ווען די שענסטע טיילן פון דעם תנ׳ך זענען פאַרפאַסט געוואָרן, ליגט אַ תהום.

עס וואָלט געווען צו ווינציק און צו נישטיק, ווען מען וואָלט געזאָגט, אַז צווישן יענעם יידנטום און דעם יידנטום פון היינט פעלט אַ „רינג אין דער קייט”. דאָ גייט עס נישט אין אַ „רינג אין דער קייט” — עס פעלט אַ גאַנצע קייט שוין. אַ תנ׳ך איז טאַקע נישט קיין רינג, אַ תנ׳ך איז אַ גאַנצע קייט. אָבער דאָס נאָר אין ליטעראַרישן זינען. אין העכערן גייסטיקן זינען איז דאָס אַ בריק — אַ בריק צווישן אַ פּערמאַנענטער פאַרגאַנגענהייט און אַ פּער־מאַנענטער צוקונפט.

מיר יידן — וואָס זענען יידן און נישט קיין יידן־ערזאַץ, מיר יידן — וואָס זענען, אָדער ווילן כאָטש זיין עכטע יידן און נישט קיין יידן־סוראָגאַט, מיר יידן, וואָס מיר לייגן נישט קיין תפילין און גייען נישט אין קיין שולן און

דאַרפֿן נישט קיין סימבאָלן, ווייל מיר האָבן אין אונזער הארץ און אין אונזער מוח אויפגענומען און צעקייט דעם תוך, מיר יידן, וואָס מיר ווייסן, אז אין וועזן פון יידנטום איז כסדרדיקער אומבייט און כסדרדיקע ענדערונג. מיר יידן, וואָס מיר ווייסן, אז קאָנסערוואַטיוו און יידיש איז אזוי ווי פייער און וואַסער — מיר שבת־יום טובדיקע יידן אָן שבת און אָן יום טוב — פילן דאָס ממש ווי א לאנגען הונגער דאָס פעלן פון א פאַרזעצונג פון תנ׳ך. אונזערע הענט שטרעקן זיך כסדר אויס נאָך דעם צווייטן תנ׳ך און ווי איז אונז וואָס אונזערע הענט שלאָגן זיך אלעמאָל אָן אָן דער פוסטקייט . . . און אויב דער כלל פון אונזער פאָלק האָט ביז איצט אזא געדאנק אזוי קלאָר ווי צוויי־מאָל־צוויי נישט ארויסגעזאָגט איז דאָס גאָרנישט קיין באווייז, אז מיר האָבן דעם געדאנק ביז איצט אָט אזוי קלאָר און דייטלעך נישט געפילט. מעג זיין אין אונטערבאוווסטזיין בלויז.

אלע גייסטיקע יידישע אומגליקן נעמען זיך פון דעם פעלן פון אָט דער בריק צווישן דעם יידנטום פון אמאָל און דעם יידנטום פון היינט.

סימבאָל פון דעם אלעמען איז שוין דאָ אין חומש גופא.

משה און אהרן — רופט זיך דער סימבאָל.

דאָס יידנטום פון משה איז אנטהאלטן אין תנ׳ך. דאָס יידנטום פון אהרן שפילט דאָרט א צווייט־ראנגיקע ראָלע כסדר, אָפטמאָל אן אנטיפּאַטישע.

דאָס יידנטום פון משה איז קיינמאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן ביז היינט, אָבער עס איז פאַרדעקט געוואָרן אין דער מדבר פון דריטהאלבן טויזנט יאָר מיט דעם זאמד פון דעם יידנטום פון אהרן. — און א צווייטער תנ׳ך קען און וועט זיין אי א נייער שטראָם פון דעם זאמד ארויס, אי א בריק איבער דעם אָפּגרונט פון יאָרטויזנטער אריבער.

.3

וואָס איז דאָס אזוינס א ביבל, א תנ״ך, אין ריין ליטעראַרישן זינען?

אויף דערויף איז עס זייער שווער צו געבן אַן ענטפער — ווייל כאָטש א ביבל איז אפשר די העכסטע פאָרם פון א ליטעראַריש ווערק איז זי אָבער לחלוטין נישט קיין ליטעראַטור.

א ביבל, א תנ״ך — אויף יידיש פאַרטייטשט, האָט אין דער אמתן קיין שום נאָמען נישט, עס איז א בוך אָן א נאָמען, עס איז כולל די נעמען פון אלע ביכער. עס איז דאָס בוך גופא, עס איז נישט קיין עקזעמפּלאַר — עס איז דער מין גופא.

א ביבל איז נישט קיין אנטאָלאָגיע פון א געוויסער פאָרם פון ליטעראַטור, למשל פון פּאָעזיע. עס איז אויך נישט קיין אנטאָלאָגיע פון אלערליי מינים פון ליטעראַרישע שאפונגען.

א ביבל איז נישט קיין געשיכטע, אילוסטרירט מיט אַלערליי פראַגמענטן פון אַלערליי פאָרמען פון ליטעראַרישע שאַפונגען. עס איז אויך נישט קיין זאַמלונג פון דאָקומענטן — לחלוטין נישט אַכטנדיק זייער פאָרם און אַריינגעמענדיק בעלעטריסטישע און וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור צוגלייך — צי א געשיכטע, וואָס איז נישט געשריבן אויף פּאַפּיר, נאָר דירעקט אין די שטערן . . . אויך דאָס איז א ביבל נישט.

א ביבל איז אַן אומדעפינירבאַרע ליטעראַרישע פאָרם אין זיך.

און א טייל פון איר אומדעפינירבאַרער פאָרם אין זיך איז איר אַבסאָלוטע אינטעגריטעט, קוים איז זי איינמאָל צונויפגעשטעלט געוואָרן און אויך קאַנאָניזירט. וואָלט מען זי שפּעטער נאָך געענדערט, וואָלט מען צעשטערט איר פאָרם, וואָס איז פּונקט אַזוי אומדעפינירבאַר ווי אומצעשטערבאַר.

נישט נאָר אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון ליטעראַרישע שאַפונגען, נאָר אַלץ, וואָס באַלאַנגט צו דער קאַטעגאָריע פון דעם וואָרט, קען ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אינטעגראַלער ביבל. עס דאַרף נאָר זיין א וואָרט — אָנהויבנדיק מיט איין וואָרט טאַקע. עס מוז אפילו נישט זיין א גאַנצער זאַץ, מכל שכן א גאַנץ קאַפּיטל. א גאַנצע מגילה.

א ביבל איז א בוך, וואָס באַזיצט אין זיך די קראַפט צו קענען ווערן קאַנאָניזירט. א ביבל איז א בוך פון אַבסאָלוטן ערנסט, אַזוי ווי דאָס לעבן אַליין.

א ביבל ווערט נישט אויפגעשריבן. זי ווערט צונויפגעשטעלט פון עלעמענטן, וואָס זענען שוין פון פריער דאָ געוועזן. נישט מיט ליטעראַרישן טאַלענט ווערט א ביבל צונויפגעשטעלט, אויך נישט מיט היסטאָרישער אָריענטאַציע. א ביבל ווערט צונויפגעשטעלט מיט אינטואיציע אין נאָמען פון אַן אידעע. אַבסטראַקט שטעלט זיך א ביבל אַליין צוזאַמען, פון אינעווייניק אויס, ווי א בוים; פּאַקטיש קריגט זי איר וואָרטפאָרם דורך מענטשן — כדי זי זאָל קענען דערגיין צו מענטשן. אָבער א ביבל איז שוין דאָ לכתחילה בשעת מען גייט זי צונויפשטעלן.

אָט דאָס איז א ביבל אין ריין ליטעראַרישן זינען.

4.

ווער זאָל דעם צווייטן תנ״ך צוזאַמענשטעלן? — איך ווייס נישט. איך וואָג אפילו נישט צו וועלן וויסן. צום בעסטן וואָלט געוועזן, ווען עס וואָלט פּלוצלונג עמיץ געקומען. עפּיס א ווייניק באַקאַנטער מענטש מיט א היפּשן וויסן —און וואָלט צונויפגעשטעלט א ספר פון א טויזנט געדיכטע זייטן, וואָס וואָלט אַריינגענומען אָט דעם אומדעפינירבאַרן שטאָף, וואָס א תנ״ך דאַרף אויפנעמען. יידן פון אַלע זייטן און אַלע ריכטונגען וואָלטן זיך א וואָרף גע־

טון אויף דעם דאָזיקן ספר — איינע מיט רציחה, איינע מיט חריפות, איינע מיט פרומקייט, איינע מיט ערנסט, און דעמאָלט וואָלט ארויסגעקומען א צווייטער און וואָלט די זאך בעסער געמאכט.

און א דריטער נאָך בעסער —

און שפּעטער וואָלטן זיך אפשר דריי, אָדער דריימאָל דריי מענער צו־זאמענגענומען און וואָלטן עס שוין צום בעסטן געמאכט און דאָס ספר וואָלט דאָ געווען. די געבורט וואָלט נאטירלעך געדויערט יאָרן.

דאָס ספר וואָלט נישט געטאָרט זיין קאָמפּלעט. א תנ״ך קען נישט זיין קאָמפּלעט און טאָר נישט זיין פּערעפּקט. ער מוז אנטהאלטן דעם גרעסטן נאָנסענס, 969 מאָל נאָנסענס ווי די יאָרן פון מתושלח און ער מוז אנטהאלטן די גרעסטע חכמות איינציייטיק און אמאָל אויך אפילו איינזייטיק . . . ער מעג אנטהאלטן די גרעסטע לאַנגווייליקייטן ווי די רשימות פון די הונדערטער נעמען, אָן שום שכל און נויטווענדיקייט, און — די גרעסטע שפּאַנונגען. ער מעג אנטהאלטן די גרעסטע חכמות און די גרעסטע נארישקייטן. א תנ״ך טאָר נישט זיין פּערפעקט, אזוי ווי אן אוראלטער בוים מוז ער זיך ברעכן מיט הערבסט און מיט פוילונג פון איין זייט, בשעת פון דער אנדערער זייט איז ער פול מיט פרילינג.

דעריבער טאָר דאָס שרייבן, דאָס צונויפשרייבן פון א תנ״ך נישט אָר־גאניזירט ווערן. און איך ווייס נישט ווער עס זאָל דעם תנ״ך צונויפשטעלן.

קיינער טאָר דעם מאן נישט רופן און נישט באשטעלן, דעם צונויפשטע־לער פון תנ״ך. ער אליין דארף דאָס טון. ער דארף זיין א מענש אָן א נאָמען אָדער צום ווינציקסטן א מענטש. וואָס זיין „נאָמען״ אַרט אים גאנץ ווייניק, אזוי ווייניק ווי א נאָמען האָט געאַרט דעם צונויפשטעלער פון תהילים, אָדער די שרייבערס פון איינצלנע אָדער ציקלען געזאנגען אין אים.

איך ווייס נישט און קיינער פרעגט אויך נישט ביי מיר, אפילו נישט איך אליין, ווער עס זאָל דעם נייעם תנ״ך צונויפשטעלן. איך ווייס נישט — ווי קען עמיץ וויסן, אז אפילו דער, וואָס וועט עס טון — ווייסט עס נאָך אליין אויך נישט, אז ער וועט עס טון.

.5

וואָס קען א לעבעדיקער מענש וויסן — ווער עס זאָל דעם נייעם תנ״ך צוזאמענשטעלן, אז דער, וואָס וועט עס פאקטיש מאכן ווייסט עס נאָך אליין נישט היינט, אז ער וועט עס טאָן.

אָבער א לעבעדיקער מענש קען וויסן ווער עס טאָר נישט צונויפשטעלן א נייעם תנ״ך.

אזא ספר טאָר חלילה נישט צונויפגעשטעלט ווערן פון א צו גרויסן גע־לערנטן. אן אומגליק וואָלט אונז געטראָפן, ווען אזוינס וואָלט געשען. אָט די מענשן, וואָס דערזעען נישט אָפט דעם קרייז פון לעבן, נאָר דאָס פּינטעלע, וואָס פילן נישט דאָס לעבעדיקע בלוט, נאָר דאָס טינטעלע, וואָלטן מיט די פּינטעלעך פון זייער פּינקטלעכקייט ווי מיט זאמד פארשאָטן דאָס גאנצע ווערק.

א תנ״ך מוז האָבן א ליניע —

א ליניע, געשטרעקט פון איין אומענדלעכקייט אין אן אנדערער אריין. און די פּינקטלעכע מענשן וואָלטן נאָר געזען פונקטן. א תנ״ך, אז ער דאַרף, ענדערט ער טעקסטן. נישט ער פעלשט זיי, פארקערט, ער פאריכט זיי, ער אמת׳ט זיי, אזויצוזאָגן. אָבער א פּינטל־מענש וואָלט קיינמאָל דערויף נישט מסכים געווען.

און חלילה וחלילה, אז טעאָלאָגן זאָלן דאָס ספר צונויפשטעלן. טעאָ־לאָגן — — גרויסער גאָט, זאָלסט היטן! ווי קענען זיי עס טון, ווי קענען זיי צוזאמענשטעלן א צווייטן תנ״ך, אז זיי פארשטייען נישט און ווילן נישט פאר־שטיין, נאָך צוויי און א האלב טויזנט יאָרן, דעם ערשטן.

און דריימאָל חלילה נישט פון פּארטייאיקער.

א תנ״ך איז א בוך פון העכסטער טאָלעראנץ, פון ליידנשאפטלעכער טאָ־לעראנץ. פון אינטואיטיווער, אינסטינקטיווער, געטלעכער טאָלעראנץ. נאָכ־אמאָל: געטלעכער טאָלעראנץ.

אמת איז, אז אין ערשטן תנ״ך אריין האָבן סאַי פּינטלער, און סאַי טעאָ־לאָגן און סאַי פּארטייאיקער געשאלטעוועט אין פארלויף פון די יאָרהונדער־טער, געזעגט, געשליפט, געשניטן, געשטוקעוועט, געקאלעכט — זיי האָבן מיט די אלע זאכן דאָס גרויסע וואָרט פון תנ״ך גאָר טראגישער און איינזאמער און גרעסער געמאכט.

ניין, נישט קיין וויסנשאפטלעכע פאָרשער און נישט קיין טעאָלאָגן און נישט קיין פּאַרטייאיקער מעגן דעם נייעם תנ״ך צונויפשטעלן.

זיי וועלן עס סאַי ווי נישט טאָן. די זאָרג איז אן אומזיסטע. אזא קאָנ־טראדיקציע איז גאָרנישט מעגלעך.

.6

עס איז פאנטאסטיש צו קלערן איצט וועגן צוזאמענשטעלן א נייעם תנ״ך פאר יידן. עס איז זיכער פאנטאסטיש. עס בלייבט נאָר איין איינציקע פראגע אָפן: צי עס איז נוצלעך?

ווער עס ווערט זיך נאָר טיפער אביסל פארטראכטן וועגן דעם גאנצן ענין — דער ווערט צוגעבן, אז עס איז. און אפילו די, וואָס ווערן אָט די נוצלעכ־קייט פארלייקענען און אפילו זי אויסלאכן — ווייסן אין דער טיפעניש פון זייער הארץ, אז עס איז.

אזא ספר וואָלט נישט ווייניקער נוצלעך געווען היינט ווי עס איז נוצלעך געווען אין דער צייט, ווען עס איז דאָס ערשטע מאָל צוזאמענגעשטעלט געוואָרן.

און וואָס שייך דער פאַנטאַזיע — איז עס אין יענער צייט פיל פאַנטאַסטישער געווען אַזאַ תנ״ך צוזאַמענצושטעלן. סאַי פון ריין טעכנישן און נישט ווייניקער אויך פון אידעאישן שטאַנדפּונקט.

אַנטקעגן דער פאַנטאַסטישער תנ״ך־אידעע פון אַמאָל איז די היינטיקע נישט מער ווי אַ מיטעלע אָנשטרענגונג. און אויב יעמאָלט האָט מען די פאַנטאַזיע פאַרווירקלעכט — וואָס שטייט היינט אין וועג?

שרעטעלעך פון שוועריקייטן פון היינט אַנטקעגן ריזן־שוועריקייטן פון אַמאָל.

7.

נישט צוליב יידישיסטישן שאָוויניזם, נישט צוליב שאָוויניסטיש־יידישיסטישן קידער־ווידער האַלטן מיר, אַז דער נייער תנ״ך דאַרף צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין יידיש. ער דאַרף אויך אַריינגעמען העברעאישע פראַגמענטן. פּונקט ווי יענער תנ״ך האָט אַריינגענומען אַראַמעאישע עלעמענטן. אַ תנ״ך האָט אין זיך די וואָרעמקייט פון מענטשלעך בלוט און דעריבער פאָדערט זיך, אַז ער זאָל צוזאַמענגעשטעלט ווערן אין יידיש. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער גרעסטער טייל פון דעם, וואָס וועט אין אים אַריינגיין, וועט דאַרפן איבערגעזעצט ווערן. עס קענען אויך אַריין אין אים קליינע טיילן אין לאַדינאָ און אפשר אויך אין אַראַביש־יידיש, אָדער אַנדערע קליינע איצטיקע יידישע שפּראַכן, בארג־יידיש למשל.

אַ תנ״ך איז ווי אַ גרייטער בוים וואָס מען פלאַנצט איבער: אַ גרייטער, אַ צעצווייגטער, אַ צעוואַקסענער בוים, וואָס דאַרף אָט שוין ברענגען פּירות, ווידער ברענגען פּירות. וואָס דאַרף נאָך אין זעלבן טאָג, וואָס מען וועט אים אַריינזעצן אין דער ערד — זיך אָננעמען.

אַ תנ״ך, וואָס נעמט זיך נישט אָן אין זעלבן טאָג, ווען מען האָט אים געפלאַנצט, וועט שוין קיינמאָל נישט אויפבליען. ער וועט נאָר אָפּוועלקן, און צו וואָס דאַרף מען דאָס גאַנצע? אין לעבן, אין לעבעדיקן לעבן פון תנ״ך, פּונקט ווי אין לעבעדיקן בליען פון דעם איבערגעפלאַנצטן בוים, איז זיין גאַנצער זין.

אָט דערפאַר דאַרף דער נייער תנ״ך לרוב פאַרפאַסט ווערן אין יידיש, אַז ער זאָל זיך באַלד קענען אָננעמען אין באָדן פון פאָלק, ער זאָל טרעפן גרייטע לעבנסמעגלעכקייטן — ווי די וואָרצלען פון דעם איבערגעפלאַנצטן בוים.

נישט צוליב יידישיסטישן שאָוויניזם און אוודאי נישט צוליב שאָוויניס־

טישן קידער־ווידער: דער נייער תנ״ך דאַרף אין יידישן פאָלק אַרייַנגעפלאַנצט ווערן אין יידיש, כדי ער זאָל זיך מאָמענטאַן אָננעמען.

ווי די שלשה אבות זענען די דריי גרויס־לשונות אונזערע. אברהם איז לשון־קודש, יצחק איז אַראַמיש און יעקב מיט זיין גאַנצן באַרעדעוודיקן בני־בית איז יידיש.

יעדעס פון די צוויי ערשטע לשונות־אבות האָט געטון דעם חוב אין אַן אייביק גייסטיק ווערק און יידיש האָט אויך אין אינהאַלט דעם חוב געטון. דער אינהאַלט דאַרף נור די פאָרם באַקומען.

8.

א תנ״ך טאָר נישט פאַרנעמען מער ווי אַרום טויזנט ביז צוועלפהונדערט זייטן פון א נאָרמאַלן בוך. אז מען וויל, קען מען אָט די טויזנט צי צוועלפהונ־דערט זייטן צעלייגן אויף צען בענדער — עס זאָל אויסזען ווי א גאַנצע ענ־ציקלאָפעדיע און זאָל אָנפילן א האַלבע שאַפע. אָבער אז מען דאַרף, זאָל מען קענען דאָס בוך נעמען מיט זיך אין קעשענע. א תנ״ך דאַרף קענען באַגלייטן א מענש אומעטום און זיין מיט אים אין יעדער סיטואַציע — אַזוי ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון אים אַליין. אָדער ווייניקסטנס אַזוי ווי א טייל פון דער קליידונג. אַזא בוך דאַרף מען קענען לייכט מיט זיך מיטנעמען אין תפיסה — נישט נאָר ווען מען דאַרף דאָרט גיין זיצן פאַר אידעאַלן, נאָר אפילו פאַר פשוטע פאַרברעכנס. און מען דאַרף עס קענען נעמען מיט זיך, אז מען וויל זיך אַמאָל אָפּרוען פון דער וועלט און פון ביכער און מען פאָרט ערגעץ איי־נער אַליין.

אָט דערפאַר טאָר עס נישט זיין גרעסער — דאָס בוך — ווי אַזוי גרויס, אז מען זאָל עס קענען אַלעמאָל האָבן ביי זיך, ווען מען וויל. און מען זאָל עס אַלעמאָל קענען לעזן נישט מיט קונצן, מיט פאַרגרעסער־גלעזער, נאָר גאַנץ פשוט מיט די אויגן.

די טעכנישע באַקוועמלעכקייט איז נישט געווען ביים קאַנאָניזירן דעם ערשטן תנ״ך. אָבער זינט דעמאָלט זענען געשען צוויי עלעמענטאַרע זאַכן, וואָס מאַכן עס היינט א נויטווענדיקייט. פון איין זייט דער ביכער־דרוק, פון דער אַנדערער זייט דאָס אַלגעמיינע באַהערשן די קונסט פון לעזן.

צי קען מען אַלץ אַרייַננעמען אין טויזנט, צוועלפהונדערט זייטן? זיכער קען מען, אויב מען האָט אין ערשטן תנ״ך — לויט אייגענעם גלויבן — גע־קענט איינשליסן איבער דריי טויזנט יאָר, און פאַקטיש ביליאָנען יאָרן . . . און אַלץ איז דאָ און גאָרנישט פעלט, ווערט מען היינט אוודאי און אוודאי קענען אויף טויזנט זייטן אַלץ אַרייַננעמען. אמת איז, אז זינט די אַלטע צייטן האָט זיך באַרעדעוודיקייט שטאַרק פאַרגרעסערט, אָבער אויך די פאַרשטענדעניש פאַר

צימצום האָט פּראָגרעסירט. אמאָל איז דער צימצום געווען אי אינסטינקט־זאך און אי דורך דער טעכניק באַדינגט, היינט אָבער איז דער צימצום באַוווסטזיניק. די וועלט האָט ליטעראַריש־קינסטלעריש פּאַקטיש פּראָגרעסירט און אין א תנ״ך קומט אלעמאָל צום אויסדרוק דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק. א תנ״ך איז נישט קיין אימיטאַציע פון אַרכאַיִק. א תנ״ך איז דאָס לעצטע וואָרט פון היינט, אפילו שוין דאָס ערשטע וואָרט פון מאָרגן — אין אלע באַציאונגען.

.9

דער נייער תנ״ך וועט זיך קאַלענדאַריש אָנהייבן פּונקט דעמאָלט, ווען דער אַלטער האָט אויפגעהערט און וועט זיך ענדיקן היינט.

און כאָטש די זינלאָזע רשימות מיט נעמען — נעמען פון דער הפטורה — — — זענען פול מיט חן, וועט מען אָבער דאָסמאָל דאָס מוזן דורכלאָזן. דאָס אליין וועט שוין פריי מאַכן אסך זייטן, צענדליקער זייטן.

איז כאָטש דער נייער תנ״ך וועט דאַרפן אַרומנעמען — ווי דער עקוואַטאָר נעמט אַרום די ערד, ווי דער מילכוועג נעמט אַרום דעם אוניווערז — דאָס לעבן פון ייִדישן וועלט־פאָלק אין דריטהאַלבן טויזנט יאָרן — וועט ער עס באַווייזן. ער מוז זיך אָנהייבן ווו יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט און ער מוז זיך אָפּשטעלן ווו אונזער צייט שטעלט זיך דערוויילע אָפּ.

.10

דער נייער תנ״ך וועט דאַרפן האָבן א נאָמען — וועט ער אויך ווידער קענען הייסן „תנ״ך״?

און איז דען תנ״ך א נאָמען? און איז דען די נישט־ייִדישע באַצייכענונג פון תנ״ך — דער אַלטער טעסטאַמענט — א נאָמען? און די „ביבל״ איז דאָך זיכער נישט קיין נאָמען, עס איז בלויז א באַצייכענונג.

אויך דער נייער תנ״ך וועט נישט דאַרפן קיין שום נאָמען. אז ער וועט זיין — וועט זיין נאָמען ווידער צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון די ראשי תיבות פון די דריי, אָדער פיר, אָדער זיבן הויפּט־טיילן זיינע. באשר דאָס וועט זיין א ווערק אין ייִדיש — שטייט עס גאָרנישט אין וועג, אז עס זאָל באַצייכנט ווערן מיט ראשי תיבות. דער מנהג פון ראשי תיבות איז פּונקט אזוי העברעאיש ווי ייִדיש.

אין די אויערן קלינגט מיר שוין דער נייער נאָמען.

עס מאַכט מיך שווינדלען — מיט אינערלעכער דערוואַרטונג — אזוי ווי דער קלאַנג פון א נאָמען פון א קינד, וואָס איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן . . .

.11

דער ערשטער תנ״ך האָט צוויי זאַכן געוואָלט דערווייזן, אַז די יידן זענען גאָטס פאָלק, און ווו נאָר עס קען דאָרט אַריינגעפּאַקט ווערן אַ שטיקל ייחוס־געשיכטע, ווערט זי אַריינגעפּאַקט. און אַלץ גייט צוריק ביז אדם הראשון און אדם הראשון איז דאָך אַ דירעקטער זון פון גאָט. עס איז לאָגיש אַזוי לויטן תנ״ך, כאָטש מען זאָגט עס נישט אַזוי דרייסט אַרויס, ווי מען זאָגט עס ערגעץ פּראָסט און פּשוט אין נייעם טעסטאַמענט.

דאָס איז אַזויצוזאָגן דער טעכנישער הויפּטצוועק פון אַלטן תנ״ך — צו זיין דער געבורטס־שיין פון יידישן פאָלק.

אָבער חוץ דעם הויפּטצוועק איז דאָרט דאָ אַ הויפּט־אידעע און די הויפּט־אידעע איז, אַז גאָט איז גוט און דער מענש איז שלעכט — — און מיט דער הילף פון גערעכטיקייט קען דער פונדאַמענטאַלער חילוק צווישן דעם געטלעכן און דעם מענשלעכן כאַראַקטער אויסגעגלייכט ווערן.

און שטייניקט מיך נישט און שטראָפט מיך נישט פאַר דעם, וואָס איך וויל דאָ ווייטער זאָגן, ווייל איך זאָג עס מיט אויפריכטיקער פרומקייט און מיט טיפסטן גלויבן.

דער נייער תנ״ך וועט זיך נישט צופיל פאַרנעמען מיט די געבורטשיין־פּראָבלעמען פון דעם יידישן פאָלק. אדרבא — ער וועט דאַרפן גאָר דערווייזן, אַז אין פאַרלויף פון די יאָרטויזנטער זענען די פעלקער אריין ראַסיש אין די יידן און די יידן זענען ראַסיש אריין אין די פעלקער — און עס איז קיין ראַסישער ייחוס, קיין געבורטן־ייחוס בכלל נישטאָ און מען דאַרף אים נישט.

און די אידעע? — די אידעע פון צווייטן תנ״ך איז אַביסל אַנדערש. ער דאַרף באַווייזן, אַז גאָט איז שלעכט — אָדער גלייכגילטיק (עס איז גלייכגילטיק) און דער מענש איז גוט, אָדער ער קען זיין גוט, אויב ער וועט נאָר זיך אַליין נעמען אין די הענט אריין ווי געהעריק.

דער ערשטער תנ״ך האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז גאָט איז איינציק, ווייל ווען ער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן איז דאָס געווען די איינציק־גרעסטע אידעע; און דער איצטיקער דאַרף באַווייזן, אַז יעדער מענש באַזונדער איז אַ וועלט און יעדע וועלט איז גאָט און יעדער מענש איז איינציק און הייליק.

אָט דאָס וועט זיין די הויפּט־אידעע פון דעם צווייטן תנ״ך און גאָט וועט ערשט איצט אויף אַן אמת קענען זאָגן „עס איז זייער גוט״ און זיך מאַכן אַ לאַנגען, גרויסן שבת.

אָט דאָס וועט זיין די הויפּט־אידעע פון דעם צווייטן תנ״ך.

און אויב ייחוס־בריוו — וועט דער נייער ייחוס־בריוו דאַרפן באַווייזן, ווי אַזוי אַ פאָלק האָט פאַר אָט די אידעען געליטן, באַוווסטזיניק, און אונטערבאַוווסטזיניק, זינט דער צייט פון קאַנאָניזירן דעם ערשטן תנ״ך.

דער ערשטער תנ׳ך האָט געפּאָדערט גערעכטיקייט פון מענש לגבי גאָט און דער צווייטער וועט פאָדערן גערעכטיקייט פון גאָט לגבי דעם מענש — און ווייל יעדער מענש איז גאָט, דארף ער זיך די גערעכטיקייט אויך אליין נעמען.

.12

און נייע דאָגמעס, רופט עס נייע צען געבאָט, אָדער נייע דרייצן עיקרים, וועלן אויך מוזן זיין אין צווייטן תנ׳ך. זייער ציפער איז נישט וויכטיק.

ווי קלינגווערטער פאר א מלוכה, פענער פאר אן ארמעע, מאקסימען פאר א פּארטיי — זענען דאָגמעס אויך נויטיק פאר א וועלט־באנעמונג. עס איז א טעכנישער ענין; דאָגמעס זענען א מין דערמאָנער פאר דעם פארגעסער, א וועגווייזער פאר דעם, וואס אָריענטירט זיך נישט לייכט — זענען מיט איין וואָרט נוצליך, אומבאדינגט נויטיק.

און דאָגמעס וועלן אויך מוזן זיין אין צווייטן תנ׳ך.

אָט דאס וועט זיין דאָס שווערסטע צוזאמענצושטעלן.

איין דאָגמע קען זיין די זעקסטע דעפיניציע פון ספינאָזאס „עטיק״ — די דעפיניציע וועגן גאָט. און די צווייטע א דאָגמע וועגן יענער וועלט — יאָ, וועגן יענער וועלט — און וועגן משיח — יאָ, וועגן משיח. אין די אלע זאכן איז קיין סתירה נישטאָ, אויב א מוח, וואס האָט נישט קיין אינערלעכע סתירות, נעמט זיי אויף.

דאָגמעס זענען ווי מאגנעט. וואקסן ארום מיט פאָלק, אזוי גיך זיי דער־נענטערן זיך נאָר דערצו, אָט אזוי ווי מאגנעט וואקסט ארום מיט אייזן.

די נייע דאָגמעס, וואָס האָבן ווייטער־אויפגעהאלטן דאָס יידישע פאָלק, זענען דאָ, מען דארף זיי נאָר קענען צוזאמענזוכן. און האָבן דעם מוט צוזא־מענצושטעלן.

יאָ — אָן דאָגמעס קען מען זיך דאָס ספר נישט פאָרשטעלן.

.13

איינע פון די צענטראלע סימבאָלישע מעשיות אין צווייטן תנ׳ך וועט זיין די מעשה פון א שעיר לעזאזל, וואָס דאָס איז פאר דער וועלט דער הויפּטהעלד פון דעם ספר אליין — דאָס יידישע פאָלק. דאָס וועט דאָרט זיין איינע פון די סאמע גרעסטע מעשיות. זי וועט נישט נאָר אויפציטערן דאָס געוויסן פון דער וועלט, נאָר אויך דאָס באוווסטזיין פון דער וועלט וועט זי אויפטרייסלען. די מעשה וועט דער וועלט קלאָר מאכן איר אומקלאָרקייט און איר נארישקייט, אז וועלנדיק כסדר דעם שעיר לעזאזל ווארפן אין אָפּגרונט אריין פאר אירע זינד איז זי — די וועלט — אייביק אין אָפּגרונט אריין מיטגעפאלן. און דער אומשולדיקער שעיר האָט זיך א צעבלוטיקטער ווי נישט איז ווידער אויפ־געהויבן, ווידער ארויף אויפן בארג, כדי מען זאָל אים אין א צייט ארום ווי־

דער אראָפּוואַרפן — דעם פליגללאָזן פעניקס פון דער מענשהייט . . . אָבער א גרויס שטיק מענשהייט איז שוין אין אָפּגרונט פארבליבן אלעמאָל נאָך אזא מין שעיר לעזאזל־צערעמאָניע.

אָט די געשיכטע וועט זיין איינע פון די צענטראַלע אין דעם צווייטן תנ״ך. האָט זי שוין עמיץ אויפגעשריבן? איז זי שוין דאָ? דארף מען זי ערשט אויפ־שרייבן? דאָס וועלן, אָדער וועט דארפן באשטימען דער צוזאמענשטעלער פון דעם נייעם תנ״ך.

א תנ״ך מוז נישט דווקא ארייננעמען זאכן, פראגמענטן, ווערטער, ציפערן, סטאַטיסטיקעס, רשימות און וואָס דען נישט — וואָס זענען שוין דאָ. ער קען אויך נייע בייטראגן לאָזן שרייבן, אפילו דורך גאנץ נאָמענלאָזע שרייבער. קיין שום ליטעראַרישע מאסשטאבן עקזיסטירן נישט פאר א תנ״ך. פונקט אזוי ווי פארן לעבן עקזיסטירן נישט קיין גרעניצן און נישט קיין געזעצמעסיקייטן, אָן וועלכע עס מוז זיך האלטן. דאָס לעבן שאפט די געזעצן לעבנדיק פאַרויס. אזוי שאפט אויך א תנ״ך ליטעראַרישע פאָרמען ווערנדיק געשריבן, צונויפגעשטעלט.

די געשיכטע פון דעם שעיר לעזאזל — דערהויבן צו דער דריטער, פערטער, אומענדלעכער פּאָטענץ — וועט זיין אפשר די סאמע צענטראַלע געשיכטע אין נייעם תנ״ך.

.14

נישט די טרעגערס פון אידעען שטייען אין פאָדערגרונט, נאָר די אידעען אליין. דאָס קען מען נישט גענוג מאָל איבערחזרן. עס איז מער ווי וואַרשיינלעך, אז א גרויסער טייל פון נעמען פון אלטן תנ״ך זענען דערפאר פארדרייט געוואָרן, ריכטיקער: אויפגעדרייט געוואָרן, נאָך ריכטיקער: ארויסגעדרייט געוואָרן פון זייער טאָגטעגלעכקייט און אריינגעשרויפט אין דער אייביקייט אריין. מען האָט זיי געגעבן סימבאָלישע באדייטונגען און קלאנגען. ארום און ארום זענען דאָ אלערליי ווילדע קלאנגען פון נעמען, וואָס זענען זיכער די ריכטיקע נעמען אין יענער צייט געוועזן — און פּלוצלונג קומען סימבאָלישע העברעאישע ווערטער אלס נעמען. דאָס איז א סימן פון דער באוווסטזיניקייט שוין פון אלטן תנ״ך אויף דעם געביט פון דעפּערזאָניפיצירן אזא מין ספר.

אזא מין ספר איז א לעבעדיק וועזן פאר זיך. מיט א גוף און מיט א נשמה און עס ווייסט וואָס עס טוט.

די אידעע שטייט אין פאָדערגרונט — די טרעגער אין הינטערגרונט. אלץ איינס ווישט אָפּ די צייט אלע טרעגער פון אידעען און זייער גדעכעניש און די אידעע אליין בלייבט אייביק לעבן. זי וועט דאָך לעבן אפילו דעמאָלט, ווען דאָס אָרגאנישע לעבן וועט לחלוטין פון דער ערד פארשווינדן.

.15

כדי צו געבן א מער קלאָרן באַגריף פון דעם, וויאַזוי דער שרייבער פון די שורות שטעלט זיך פאָר דעם נייעם ספר, האָט ער געוואָלט אויפשרייבן זיין חלום וויאַזוי ער בלעטערט דאָס בוך, וואָס איז נאָך נישטאָ, און דאָך שוין דאָ.

כאָטש דער חלום איז געווען און איז דאָ, וואָלט אָבער דאָס אויפשרייבן דעם חלום געווען צופיל געוואגט. שוין סאַי ווי גענוג געוואגט אין דעם גאנצן מאמר.

זאָל עס בלייבן אָט אַזוי — די זאַך איז קלאָר.

ניין — ביישפילן מיט נעמען — דאָס וואָלט געווען צו געוואגט.

אין א תנ״ך גייען אריין:

פראַגמענטן פון געשיכטע, פראַגמענטן פון דערציילונגען און דראַמעס, לידער, פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונגען, אַפּאָריזמען, כראָניק, בריוו, סטאַטיסטיק, קאָנסטיטוציעס, דאָקומענטן.

דאָס זענען די עלעמענטן.

אָבער מער ווי דאָס קען איך נישט שרייבן.

און עס וואָלט זיך אַזוי וועלן אויפשרייבן דאָס, וואָס מען האָט געזען בלע־טערנדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם נאָך נישט עקזיסטירנדיקן און דאָך שוין עקזיסטירנדיקן צווייטן תנ״ך. ווייל געזען האָט מען אַזוי דייטלעך. — נאָר מען טאָר נישט וואגן.

איבעריק צו באַמערקן אפילו, אַז א תנ״ך נעמט אָן שום סקרופולן אריין וואָרטשאַפונגען פון נישט־יידן, אַזוי גיך ער געפינט דאָס פאַר נויטיק. אפילו אויב די שאַפונגען זאָלן פאַרנעמען אַן אַנזעעוודיק אָרט.

.16

דער צונויפשטעלער, אָדער די צונויפשטעלער, די בייטראַגער וועלן נישט זיין געחתמעט מיט זייערע נעמען אויפן צווייטן תנ״ך. דאָס בוך אַלס בוך וועט זיין אָן א מחברס נאָמען אָבער נישט געקוקט דערויף וועלן אין דעם בוך זיין הונדערטער, טויזנטער נעמען. נאָר אַלס ווערק וועט עס זיין נאָמענלאָז.

איך וועל ברענגען א ביישפיל:

עס קען זיין, אַז ווען דאָס בוך וועט צוקומען צו דער תקופה פון ישוע, דעם מאַן פון גליל, וועט עס דווקא נישט אריינעמען פראַגמענטן פון קיינער פון די פיר עוואַנגעליעס, וואָס זענען קאַנאָניזירט געוואָרן אין יאָר 397, אָבער עס וועט דווקא אריינעמען פראַגמענטן פון די אימאַגינערע מעדיטאַציעס פון יודאַס—וואָס האָבן דערזען די ליכטיקע שיין ערשט אין שלום אשעס „נוצרי״. און אריינעמענדיק וועט דער נייער תנ״ך נישט דאַרפן דערמאָנען דעם נאָמען

פון מחבר. ווייל דער נייער תנ״ך אַלס בוך, אַלס ליטעראַרישע שאַפונג איז נאַמענלאָז. — דערפאַר אָבער קען זיין, אַז דער נייער תנ״ך וועט האָבן אַ קורצע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור — אין וועלכער נישט איז פאָרם — און דאָרט וועט ער דווקא יאָ שרייבן וועגן שלום אַש.

אמת איז, אַז די יידן פון דער איצטצייט זענען זייער פאַרליטעראַרישט און דווקא אַט די קליינינקייט פון דער נאַמענלאָזיקייט פון דעם נייעם תנ״ך — און אַנדערש וועט עס דאָך נישט קענען זיין — וועט זיך שטעלן אין וועג פון זיין פאַרווירקלעכונג. דאָס אַלץ קען געמאָלט זיין — ווייל דער גרויסער חילוק צווישן די גרויסע יידן פון אַמאָל און די קליינע, און נאָך מער קליינלעכע, יידן פון היינט איז אַזאַ: יענע זענען געווען אַן עם הספר און מיר זענען נישט מער ווי אַן עם הסופרים.

17.

איך מיין, אַז עס וואָלט געווען נישט מער ווי לאָגיש, אַז מען זאָל אין דעם צווייטן תנ״ך, אַזוי ווי ער דאַרף געשאַפן ווערן אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, דעם יאָרהונדערט פון בילד, אויך איינשליסן און קאַנאָניזירן ביל־דער.

בילדער — אָבער נישט קיין פּאָרטרעטן. ווייל פּאָרטרעטן קומען בלויז פאַר אין אַפּאָלאָגעטישע ביכער, אָבער אַ תנ״ך איז אַ בוך, וואָס האָט נישט קיין שפּור פון אַפּאָלאָגעטיק.

18.

וואָס פאַר אַ לעכערלעכקייט צו טראַכטן גאָר, אַז אַ גוטער, אַ געניאַלער אפילו קיצור פון איינער אָדער אַ קאָמפּילאַציע פון עטלעכע יידישע געשיכ־טעס — צוזאַמענגעשטעלט און קאַנאָניזירט — קען פאַרטרעטן דאָס אָרט פון אַ צווייטן תנ״ך.

אַ תנך איז נישט קיין געשיכטע. האָט קיין שום שייכות נישט מיט גע־שיכטע. אַ געשיכטע איז געשריבן פון איין פּערזאָן; אָדער פון עטלעכע פּער־זאָנען, אויב דאָס איז אַ קאָמפּילירטע געשיכטע. און אַ תנ״ך איז געשריבן פון טויזנט פּערזאָנען — פאַלג מיך אַ גאַנג.

אָבער כאָטש אַ תנ״ך איז געשריבן פון טויזנט פּערזאָנען איז ער פּונקט אַזוי נישט קיין אַנטאָלאָגיע ווי ער איז נישט קיין געשיכטע.

כאָטש אַ תנך איז נישט קיין געשיכטע — דאָך וואַקסט ער אַרויס פון זיך מיט אַזאַ מין קאָנטינואַיטעט ווי אַ בוים וואַקסט אַרויס פון זיך אַליין ביז ער איז גרויס און מעכטיק און צעצווייגט, פול מיט פּירות און מיט שאָטנס און מיט קנאָספּן און מיט זומערן און מיט ווינטערן און מיט לעבן און מיט טויט און מיט ווידער לעבן, לעבן, לעבן — אומענדלעך.

.19

א תנ׳ך איז נישט קיין ליטעראַרישע דערשיינונג, א תנ׳ך איז נישט קיין ליטעראַרישע געשעעניש — דאָס האָט בכלל נישט צו טון מיט ליטעראַטור. דאָס איז א נס אויפן געביט פון וואָרט. לויטער ניסים זענען מיט אזא מין ספר פאַרבונדן.

א נס, וואָס עמיצן איז איינגעפאַלן בכלל די אידעע פון דעם גאַנצן ספר. און אפשר האָט ער גאָר אן אנדערע אידעע געהאַט און אן אנדערעווירקלעכקייט איז אַרויסגעקומען.

און יאָר איין און יאָר אויס זענען ניסים געשען, וואָס דאָס ספר איז דערהאַלטן געוואָרן גאַנץ.

און איך גלויב, יאָ איך גלויב, אז אויך איצט וועט געשען דאָס נס. דאָס נס פון צונויפשרייבן, דאָס נס פון קאַנאָניזירט ווערן און דאָס נס פון בלייבן— אָן א נס איז דאָס נישט מעגלעך.

.20

די גרויסקייט פון ערשטן תנ׳ך איז באַשטאַנען און די גרויסקייט פון צווייטן תנ׳ך וועט באַשטיין אין דעם, וואָס ער וועט נישט זיין קיין אפּאָלאָגעטיש בוך. דאָס דאַרף איינמאָל און צענמאָל ווערן אונטערגעשטראָכן. א תנ׳ך שטראָפט און מאָנט און רייסט פּאַסעס, אָבער ער טוט עס מענשלעך און נישט פּאָליציייאיש, געריכטלעך. און אויב ער הויבט אמאָל אין הימל אַריין, הויבט ער אין הימל די אידעע און וואַרפט מיט טאָפּלטער קראַפט צו דער ערד די, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין די טרעגער פון דער אידעע און זענען עס נישט.

אָט למשל דער ערשטער תנ׳ך. נישטאָ נאָך אויף דער וועלט א בוך, וואָס זאָל אין קוואַנטיטעט און אין קוואַליטעט זאָגן אזויפיל שלעכטס אויף יידן. נאָר אין איין זאַך אונטערשיידט זיך דער תנ׳ך אין דעם זינען פון אַלע אַנדערע אַנטי־יידישע ביכער. אין אים זענען קיין שום בילבולים נישטאָ. נישט אויף יידן און נישט אויף קיין שום אַנדער פאָלק. ער ווייסט נישט וואָס דאָס איז — א בילבול. נישט בשוגג, נישט במזיד און אפילו נישט אונטערבאַוווסטזיניק.

.21

ניין, דעם אַרגומענט, אז מיר האָבן גענוג מיט איין תנ׳ך — מיר יידיש פאָלק — קען מען דאָך נישט נעמען ערנסט.

נאָך ווייניקער ערנסט קען מען נעמען דעם אַרגומענט, אז באַשר מיר האָבן אין פאַרלויף פון קרוב צו דריטהאַלבן טויזנט יאָר קיין צווייטן תנ׳ך נישט צוזאַמענגעשטעלט איז א סימן, אז מיר דאַרפן נישט מער.

ערשטנס איז גאַנץ וואַרשײַנלעך, אַז די צווייטע העלפֿט פֿון ערשטן תנ״ך, ווי מיר האָבן אים הײַנט, איז שוין אין דער אמתן אַ צווייטער תנ״ך. וואָרום חומש אַליין, אַליין און פֿאַר זיך, איז דאָך אויך אַ מין תנ״ך; אַ ספֿר, וואָס אַנטהאַלט אַלע תנ״ך־עלעמענטן. און וואָלטן חלילה די אַנדערע טיילן, נאָך׳ן חומש, נישט קאַנאָניזירט, אָדער לחלוטין פֿאַרלוירן געוואָרן, וואָלט דאָס געוועזן די גאַנצע ביבל.

אין דער אמתן וועט דער נײַער תנך שוין זײַן אַ דריטער און נישט קיין צווייטער.

און דאָס, וואָס מען האָט ווײַטער אויף דעם געביט פֿון תנ״ך נישט אויפֿגעטון גאָרנישט איז אפֿשר דערפֿאַר ווײַל דער ערשטער תנ״ך איז נישט נאָר קאַנאָניזירט געוועזן, נאָר שוין אַביסל צופֿיל קאַנאָניזירט . . . און איצט איז די צײַט אַ פֿרײַערע, אין רעליגיעזן זינען און דאָס איז סימפּטאָמאַטיש, וואָס געדאַנקען וועגן אַ צווייטן תנ״ך קומען איצט אויף. פֿריער וואָלט מען פֿאַר אַזאַ געדאַנק געשטייניקט. אפֿשר איז שוין אַזאַ געדאַנק געוועזן, אפֿשר איז ער שוין אויסגעפּירט געוואָרן, נאָר דאָס בוך איז „פֿאַרלוירן״ געוואָרן.

אויף דער אָפֿיציעלער פֿרומקייט קען מען אַלץ גלויבן.

ווען נישט דאָס נס, וואָס האָט אונז צוגעשפּילט, ווער ווייסט צי וואָלטן מיר דעם ערשטן תנ״ך געהאַט צוליב דער פֿרומער קליקע, וואָס איר אויפֿגאַבע איז צו שטיין ווי אַ סאָלידע מויער צווישן גאָט און דער מענשהייט.

די באמת פֿרומע, די — נישט פֿון דער קליקע, שטייען ווי אַן אָפֿן טויער צווישן גאָט און דער מענשהייט.

.22

אוודאי זענען זיי אַ גאָרדישער קנופּ — די יידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען. נישטאָ גאָר קיין וועג וויאַזוי צוגיין צו זיי, וויאַזוי דעם ערשטן פּאָדעם אפֿילו אָפּצוקניפּן. און עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז נאָר דער, וואָס וועט אויפֿקנופּן דעם דאָזיקן קנופּ — דעם וועט געגעבן ווערן די הערשאַפֿט איבער דער וועלט פֿון דער יידישער יוגנט — ממילא איבער דער יידישער צוקונפֿט, דאָס הייסט: דער גאַנצער יידישער אייביקייט.

אָבער דער צווייטער תנ״ך — און דאָס איז קלאָר, און דאָ איז יעדע אַרגומענטאַציע איבעריק — וועט זײַן ווי דאָס שווערט אין אַלעקסאַנדערס הענט. עס וועט צעהאַקן דעם קנופּ און עפֿענען אַ וועג צו דעם האַרץ פֿון דער וועלט פֿון דער יידישער יוגנט.

איז דען דאָ אַן אַנדערער וועג אויפֿצובינדן דעם דאָזיקן גאָרדישן קנופּ?

איז דען דאָ אַ קירצערער, איז דען דאָ אַ זיכערער, איז דען דאָ אַ שענערער וועג?

.23

שטומערהייט מאַנט די וועלט פון אונז א נייעם תנ״ך.
זי מאַנט אים און גלייכצייטיק האָט זי מורא פאַר אים.
די וועלט ווייסט, אז זי האָט געזייעט ווינט און מיר זענען איר שולדיק שטורעם.

אָבער מיר — מיר וועלן איר נישט אונטערשטעלן קיין צווייטע באַק אין אונזער צווייטן תנ״ך, די וועלט האָט אונז שוין סאַי־ווי אין דער צווייטער באַק געשלאָגן און קיין רעזולטאַטן האָט עס נישט געבראַכט. עס איז געווען אין דער נאַטור פון יעזוס אזוי צו חלומען, אָבער עס איז קעגן דער נאַטור פון אלע איבעריקע מענשן אזוי צו זיין.

דער צווייטער תנ״ך, וועלכן די וועלט מאַנט אזוי שטומערהייט פון אונז וועט נישט זיין קיין „איך באשולדיק״ און נישט קיין צווייטע, אונטערגע־שטעלטע באַק, נאָר עס וועט זיין איין קייט פון פאַרשטיין און קלאָר מאַכן, אז דער מענש איז גוט — און גאָט איז אין בעסטן פאַל גלייכגילטיק.

שטומערהייט מאַנט די וועלט א צווייטן תנ״ך פון אונז. אָט וועט ער איר געגעבן ווערן און עס וועט זיין דאָס בוך פון אומענדלעכן פאַרשטיין און עס וועט דערפאַר אויך זיין דאָס בוך, וואָס וועט אומענדלעך פאַרשטאַנען ווערן פון דער וועלט.

.24

נישט צוליב אונזער ראַסע — ווייל ראַסע איז נישטאָ, ראַסן־סימנים שטאַרבן שוין אין ערשטן דור.

נישט צוליב אונזער יחוס, ווייל יחוס איז נישטאָ. יחוס איז — פאַר־קערט — אָפּט א וואַרענונג, אז מען זאָל זיך היטן פאַר דעם מיוחס. ווייל וואָס גרעסער דער יחוס, אלץ גרעסער די רעאַקציע אויף פאַרקערט.

נישט צוליב אונזער פאַטום, ווייל פאַטום איז אומדערפאָרשט און איז נישט קיין באַוויז פון גאָרנישט.

נייערט צוליב אונזער וועלט־צעשפּרייטקייט זענען מיר געווען די בעס־טע אגענטן פון דעם ערשטן תנ״ך און וועלן זיין נאָך בעסערע פון דעם צווייטן.

.25

איצט איז די צייט, איצט, אוודאי איצט דעם צווייטן תנ״ך צונויפצו־שטעלן.

עס קען זיין, אז צייטן אזעלכע זענען שוין געווען אסך. עס קען זיין.

אויב אזוי — איז איצט שוין די העכסטע צייט, די לעצטע צייט דעם צווייטן ת״נך צונויפצושטעלן.

די צייטן זענען צערודערטע, דאָס פֿאָלק איז צעריסן אויסערלעך און אינערלעך — איז דאָס דען אַן אַרגומענט קעגן דעם צונויפֿשטעלן אַ נייעם תּנ״ך? אַדרבה, דאָס זענען דאָך אַרגומענטן גיכער פֿאַר יאָ איידער פֿאַר נישט. זענען דען די צייטן, אין וועלכע דער ערשטער תּנ״ך איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, געווען שטילערע, גאַנצערע? און זענען די ריין טעכנישע מעגלעכקייטן אין יענער צייט געווען פּאַסיקערע, ווי זיי זענען איצט?

איצט איז די צייט אַזאַ ווערק אויף דער וועלט. אויף דער יידישער וועלט, אויף דער גאַנצער וועלט צו ברענגען. עס איז די צייט פֿון די צייטן.

ממה נפשך — איז ערגעץ ווו אין די שטערן שוין אונזער סוף פֿאַרשריבן, האַלט איצט דער שעיר לעזאזל פֿון דער מענשהייט ביי זיין לעצטן פֿאַל, פֿון וועלכן ער וועט זיך מער נישט אויפֿהויבן — נו דעמאָלט איז דאָך אוודאי די צייט כאָטש דאָס בוך צו לאָזן נאָך זיך — פֿאַר דער וועלט עס צו לאָזן, פֿאַר דער מענשהייט עס צו לאָזן.

און איז עס די צייט — ווען דער פֿעניקס פֿון דעם פֿייער פֿון דער מענשהייט, און פֿון איר ליכט, ברענט איצט צום לעצטן מאָל און אַז ער וועט שוין דאָסמאָל ווידער אויפֿשטיין, וועט ער שוין מער נישט דאַרפֿן ברענען — — נו איז דאָך אוודאי און גוט צו האָבן אַזאַ ספֿר ווי אַ דערמאָנונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענער, שיר נישט אייביקייט, און אַ וואָרענונג פֿאַר דער קומענדיקער אייביקייט.

אַזוי צי אַזוי — איצט איז די צייט, די העכסטע צייט, אפֿשר שוין די לעצטע צייט.

1943.

1. מחשבות וועגן נייע יידישע עיקרים

עיקר שכחתי . . .

עיקר הייסט — ווי אַלע ווייסן — וואָרצל, דאָגמע, הויפּטגעדאַנק, הויפּטזאַך, פּרינציפּ, פֿאַרבליבענער שטאַם — מיט איין וואָרט; עיקר הייסט עיקר.

און איבערן פֿאַרכמורעטן הימל פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק ביים היינטיקן טאָג — אין דער לענג און ברייט פֿון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן דריטן פּלאַנעט פֿון זונען־סיסטעם, לויט דער נאָענטקייט צו דער זון, הענגט אַ ריזיקער, פֿינסטערער „עיקר שכחתי״.

יידן, וואָס שטייען אין עפֿנטליכן לעבן, וואָס זענען אַזויצוזאָגן דער נישט אויסגעקליבענער פּאַרלאַמענט פֿון יידישן פֿאָלק, וועלן דיר רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט וועגן די עיקרים. און הויבסטו אויף די שטימע און דו רעדסט וועגן דעם, פֿאַרשרייט מען דיך, אַז דו ביזט אַ בטלן, אַן עם הארץ, אַן אפּיקורס.

דער שרייבער פון די דאַזיקע שורות האַלט זיך נישט פאַר קיין בטלן און נישט פאַר קיין פּולשטענדיקן עם הארץ און נישט פאַר קיין ביליקן אפּי־קורס. און זינט יאָרן און יאָרן ציט עס אים ביי יעדער געלעגנהייט דווקא צו רעדן וועגן די עיקרים פון יידישקייט.

עיקרים האָבן אַזאַ טבע טאַקע אַזוי ווי וואָרצלען. מען מוז זיי נישט דווקא זען כסדר. זעלטן זענען די ביימער וואָס האַלטן זייערע וואָרצלען טייל־ווייז איבער דער אויבערפלאַך פון דער ערד. אָבער איין זאַך איז דער עיקר — עיקרים מוזן זיין. די בלעטלעך פון אַ בוים זעען נישט די עיקרים, די וואָרצלען, וואָס אַ דאַנק זיי לעבט ער, אָבער אין יעדן איינציקן בלעטל איז דאָ דאָס אינטואיטיווע באַוווסטזיין, אַז ערגעץ זענען דאָ עיקרים.

און זינט יאָרן און יאָרן — אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַ יאָר הונדערט און פופציק צוריק — אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער צייט, ווען די השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן — האָבן זיך אַ וואַקל געטון יידישע עיקרים.

קיין זאַך, וואָס מענשליך איז אויף אָט דער וועלט, איז נישט אייביק. אפילו נישט קיין געטליכע געדאַנקען, אָדער ריכטיקער: גאָט־געדאַנקען, אויב נאָר מענטשן האָבן זיי געשאַפן. און דער ערליכער יידישער איין־גאָט־גע־דאַנק, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער וועלט פון אַלע, אַלע מענש־ליכע געדאַנקען — אָט דער דאָזיקער געדאַנק איז אַלט געוואָרן. ער איז אַלט געוואָרן, צו אַלט — און צו אַלטע וואָרצלען האָבן נישט מער דעם כוח, וואָס זיי דאַרפן האָבן. אַזוי איז די נאַטור פון דער זאַך.

און זאָלן מיך די בייזוויליקע און די ציניקער, וואָס וועלן אָט די ווער־טער דערלעזן אַזוי ווייט, נישט אויסלאַכן באַצייטנס — עס גייט נישט דאָ, אין די דאָזיקע ווערטער אין אַ נייעם גאָט. דאָ גייט עס אין עפּיס אַנדערש. דאָ גייט עס נאָר אין אַ נייער אויפפאַסונג פון זעלביקן איינציקן גאָט.

ביז ספּינאָזאַ — דעם ערשטן קאָנסעקווענטן ביבל־קריטיקער — איז די יידישע עיקרדיקייט געווען טיף־פאַרוואָרצלט און איינגעגראָבן אין דער ערד פון יידישער אייביקייט, ווער האָט דען געקענט צווייפלען אין דעם, און פונדעסטוועגן זענען אַלע עטליכע דורות אויפגעשטאַנען גרויסע יידן און אַרומגעקוקט די וואָרצלען, און אַריינגעגראָבן זיך אין זיי און אָפּט די אַלטע וואָרצלען אונטערגעשפּאַרט מיט ניי־פאַרפלאַנצטע און פרישע, אָדער אויפ־געלעבט די אַלטע דורך צושיטן פרישע ערד. ווי וווּנדערבאַר און חכמהדיק זענען די דרייצן עיקרים פון דעם רמב״ם. ווי האָט ער זיך טיף — אין זיין צייט, פאַר קרוב אַכטהונדערט יאָרן צוריק — פאַרטראַכט וועגן יעדן פּרט. ווי האָט ער זיך געמיט באַנומען צו ווערן פון אַלע, אַלע יידן. נישט אומ־זיסט האָט מען זיינע עיקרים אַריינגענומען אין די טעגליכע תפילות. זיי זע־

נען אין דער ערשטער רייע א מייסטער־ווערק פון לאָגיק, ניין, נאָך מער: א מייסטערווערק פון פּסיכאָלאָגיק . . . אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן. ער האָט גרינטלעך פאַרשטאַנען וואָס זיינע יידן וועלן קענען פאַרשטיין און וואָס זיי דאַרפן קענען פאַרשטיין. ספּינאָזא זאָגט אין זיין קליינעם טראַקטאַט וועגן דער פאַרבעסערונג פון שכל: רעדט צו די מענשן אזוי, אז זיי זאָלן דיך קע־נען פאַרשטיין, דעמאָלט וועסטו קענען צו זיי רעדן דאָס וואָס זיי דאַרפן טאַקע פאַרשטיין . . . און אונזער פּרץ, וואָס נביאיש־פילאָזאָפישע עלעמענטן זענען געווען אין אסך ווערטער זיינע, האָט געזאָגט: רעד צו די מענשן נישט דאָס וואָס זיי ווילן וויסן, נאָר דאָס וואָס זיי דאַרפן וויסן.

מיט זיינע דרייצן עיקרים האָט דער רמב״ם נישט אויסן געהאַט צו רע־פאָרמירן דעם יידישן עיקר און דאָך האָט ער עפּיס ניי־פאָרמולירט, וואָס איז פריער נישט אזוי פאָרמולירט געווען ווי ער האָט עס געטון. און עס איז נויטיק געווען, נויטיק געווען שוין מיט אכטהונדערט יאָרן פריער. מיט וויפיל מער זענען היינט נויטיק עיקרים — היינט נאָך ספּינאָזא און נאָך מענדעלסאָן און נאָך פרויד און בשעת איינשטיין. היינט — נאָך משה העס און נאָך קאַרל מאַרקס, היינט — נאָך הערצל און נאָך פּרץ. היינט — אין דער צייט פון דעם מוראדיקן בראָך אין מזרח אייראָפּע, היינט — בשעת דער גרויסער דריי־טיילונג פון יידישן פאָלק, וואָס קריסטאַליזירט זיך אויף אונזער פּלאַנעט: אַמעריקע, ראַטן־פאַרבאַנד, ארץ ישראל. אזוי זאָג איך — א גלותיסט. (אין זין פון פּרץ׳ס בריוו צו אַן אומבאַקאַנטן אַדרעסאַט, געשריבן מיט זיין האַנט־שריפט אין יאָר 1913, אָדער 1914). א קאָנסעקווענטער לינקער וועט זאָגן: ראַטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע, ארץ ישראל. א ציוניסט: ארץ ישראל, אַמעריקע, ראַטן־פאַרבאַנד. יאָ, שוין דאָס אליין איז א סימן, אז עיקרים זענען אונז נויטיק — נייע עיקרים. באַנייטע עיקרים. (באַנייטע מיינט נישט „רעפאָר־מירטע״ — און נישט וועגן דעם רעדט זיך עס).

גיט א קוק אויף דער מאַפּע: (צום בעסטן א גלאָבוס) בשעת אונזער הער־ליכער גאָט־געדאַנק איז אין דער וועלט געבוירן געוואָרן איז די וועלט נישט מער ווי א קליינער נאַטור־גאָרטן געווען ביים ברעג פון א טייכל, וואָס רופט זיך היינט מיטללענדישער ים און האָט דעמאָלט געהייסן דער ים הגדול. היינט האָט איינשטיין א טעאָריע, אז דער אוניווערז — מיליאָנען ליכטיאָרן ווייט און ברייט (און א ליכט־יאָר איז ניין און האלב טריליאָנען קילאָמע־טער אין שטח) האַלט זיך אין איין אויסברייטערן.

דאָס ענדערט נאַטירלעך נישט דעם עיקר פון די עקרים, אפילו די עיקרים פון רמב״ם, זיי דאַרפן בלייבן ווי א גרויסע, היסטאָרישע רעליקוויע, הייליק אין זיי יעדעס וואָרט, אבער דער רמב״ם אליין — דער רמב״ם אוודאי און אוודאי מער ווי אנדערע — וואָלט דאָך היינט אנדערע עיקרים געפאָדערט.

.2

וועגן וויסן וואָס מען וויל און וועגן פאַרקריצן אין א שטיין . . .

שוין נישט דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן און — אויב עס וועט נאָך באַשערט זיין צו לעבן נאָך דעם אויפשרייבן די אפיקורס׳ותן — נישט דאָס לעצטע, שרייב איך ווערטער, וואָס אנטהאלטן אין זיך א גרויסע דאָזע פון חוצפה. חוצפה איז דאָך איינער פון די נאציאָנאַלע יידישע אטריבוטן און אוודאי איינער פון די אטריבוטן פון יידישע שרייבער.

און אָט איז עס:

איך לעז זייער אסך, איך לעז כמעט אלץ, וואָס יידישע שרייבער פון היינט האָבן צו זאָגן וועגן יידישע עיקר־פראַגן. אלץ, וואָס נאָר מענשנמעגליך. מער ווי 24 שעה אין איין אייניציקן מעת לעת האָט דאָך קיינמאָל מיין טאָג נאָך נישט געדויערט. איז מסתמא דער „כמעט” דאָ אויבן א גאַנץ פאַרצווייג־טער. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן.

טאָמער לעז איך מעדיטאציעס פון איינעם, וואָס גייט ארויס פון א פעסטן פאַרטייאישן יסוד, אָדער א פעסט פאַרטייאיש־רעליגיעזן יידישן יסוד, ווערט מיר באַלד קלאָר וואָס דער באַטרעפנדיקער וויל. ער האָט זיך זיינע עיקרים, זיי זענען פאַרקריצט אין זיין פאַרטיי־פּלאַטפאָרמע און ער שטייט אויף א פעסטן יסוד — אָדער עס דאַכט זיך אים, אז ער שטייט אויף א פעסטן יסוד, ווייל עס דאַכט זיך אים, אז זיין פּלאַטפאָרמע איז עס. נאָר טאָמער לעז איך רייד און געדאַנקען פון איינעם, וואָס עס שטייט נישט הינטער אים א פאַר־טיי, אָדער ער אליין שטייט נישט בלב ונפש הינטער א פאַרטיי, און נאָר אויף אַן אלגעמיינעם יידישן שטאַנדפּונקט שטייט ער — ווערט באַלד קלאָר, אז אים איז נישט קלאָר. פּלאָנטערט ער.

איך וועל קיין נעמען נישט אָנרופן, איך וועל אָנרופן בלויז איין כאַראַק־טעריסטישן פאַקט: איך האָט לעצטנס געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון איינעם, וואָס איז א געאַכפּערטער יידישער שריי־בער, וואָס גילט ווי אַן אויטאָריטעט אויפן געביט פון יידישער געשיכטע, וואָס איז באַקאַנט ווי אַן אויסערגעוויינטלעך אויפריכטיקער מענש, וואָס פּרעדיקט רענעסאַנס פון יידישער רעליגיע, אָדער רעליגיעזע פאָרמען, וואָס זיין הארץ איז נישט פאַרמאַכט קעגן באַנייאונגען אויך, ווייל ער איז נישט קיין קאָנסערוואטיווער מענש סתם און אוודאי נישט קיין רעאַקציאָנער א. א. ווייטער און ווייטער — און אין סך הכל בין איך נאָך דריי־פיר טעג איינהערן זיך אין די רייד פון דעם מענש געוועזן אזוי קלוג ווי פאַר די דאָזיקע דריי־פיר טעג. זיין גוטער ווילן איז געוועזן מיר קלאָר צו מאַכן זיין שטעלונג און מיין גוטער ווילן איז געוועזן די שטעלונג צו פאַרשטיין און דער רעזולטאַט איז געוועזן — נעפּל.

פאַרוואָס? ווייל דער אויבן דערמאָנטער (כאָטש נישט מיט זיין נאָמען), האָט בלויז געפילט וואָס ער וויל, אָבער נישט געוווּסט וואָס ער וויל. ער ווייסט זייער, זייער אסך, ער פאַרמאָגט אומאויסשעפּליכן יידישן וויסן, נאָר דאָס וואָס ער וויל בנוגע די הייננטיקע עיקרים פון ידישן פאָלק — דאָס ווייסט ער נישט גענוי, דאָס גראַד פילט ער בלויז. אלץ אנדערע ווייסט ער גענוי. ער האָט נאָך יאָרן נאָכדענקן וועגן די אלע ענינים נאָך קיינמאָל זיי נישט גענוי פאָרמולירט אין עטליכע זאצן, אָדער אין עטליכע צענדלינק זאצן, און אוודאי האָט ער זיי נישט ווי דאָגמעס, ווי זיינע דאָגמעס פאַרקריצט אין א שטיין. סימבאָליש נאַטירלעך — עס רעדט זיך נישט וועגן פאַרקריצן טאַקע אין א שטיין אין די היינטיקע צייטן. כאָטש דאָס פאַרקריצן אין א שטיין איז געוועזן פאַקטיש א גרויסער ענין אמאָל. אפילו אין די צייטן און אין לענ־דער ווו מען האָט געניצט נישט נאָר טעוועלעך, נאָר אויך גוט פּאַפּיר ווי למשל אין כינע. אָבער אויך דאָס זענען מיר נישט אויסן.

מאַך איך אין מיין געדאַנק אן אנקעטע צווישן די יידישע גדולי הדור פון היינט און שטעל איך זיי די פראַגע וועגן עקרים, קענען מיר נאָר די אויס־געשפּראָכענע פּאַרטייער און אויסגעשפּראָכענע גלויביקע — אָדער זיך־גלויבן־מאַכנדיקע — זאָגן גענוי וואָס זיי ווילן. די אנדערע קענען עס נישט. און היות ווי מיר האָבן ביים היינטיקן טאָג איבער גאָר דער וועלט גרויסע יידישע מאסן, וואָס זיינען סתם יידן, איז דאָס אן אומגליק. יאָ, סתם־יידן, נישט בלויז פון וועלכן נישט איז פּאַרטייאישן שטאַנדפּונקט, נאָר אויך פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. איר וועט דאָך מיר נישט איינרעדן, אז א ייד, וואָס האַלט פון שבת נאָר דעמאָלט ווען ער פאַלט צופעליק אויס אום יום כיפּור, איז א פולער רעליגיעזער ייד. דאָס איז דאָך נאָנסענס, און דאָס איז די מאַיאָ־ריטעט אין די לענדער פון דער איבער־ימישער יידישער עמיגראַציע און אוודאי און אוודאי אין ראַטן־פאַרבאַנד, און אויך אין ארץ ישראל ווערט שבת אָפּגעהיטן מער פון נאַציאָנאַלן ווי פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט.

דערפון איז געדרונגען קלאָר און שאַרף, אז דער ענין פון וויסן וואָס מען וויל, אויב מען פאַרנעמט זיך מיט יידישע מחשבות, איז זייער א וויכ־טיקע זאַך.

בכל דור ודור — כאָטש די רעליגיע איז נאָך געוועזן טיף־פאַרוואָרצלט אין פאָלק, און כאָטש די איינציקע אויסערליכע יידישע פּאָליטיק איז געוועזן אנטהאַלטן אין צוועלפטן אני מאמין פון דעם רמב״ם, דעם אני מאמין וועגן ביאת המשיח, בכל דור ודור זענען אויפגעשטאַנען יידן און האָבן געטראַכט וועגן די עקרים, וועגן באַנייען די אַלטע, וועגן שאַפן נייע, וועגן וויסן קלאָר וואָס מען וויל און וועגן פאַרקריצן דאָס קלאָרע אין א פאַקטישן אָדער סימ־

באַלישן שטיין. און נאָר אין אונזער דור, אַז עמיץ הויבט גאָר אויף זיין קול און רעדט וועגן דעם — ווערט ער באַטראַכט ווי אַ חסר דעה.

אַז מען הויבט אָן צו רעדן וועגן אָט די זאַכן קומט מען אָפּט מיט אַ פּאַר־טיקן תּירוץ: אָט זעט די בריטישע אימפּעריע, אַזאַ ריזיקע מאַכט און האָט נישט קיין קאָנסטיטוציע אין שטיין געקריצט. דערויף קען מען ענטפערן, אַז די דאָזיקע אימפּעריע האָט נישט קיין קאָנסטיטוציע ווייל איר קאָנסטיטוציע באַשטייט אין איין וואָרט און דאָס איז: וועלטמאַכט. איין איינציק וואָרט דאַרף מען נישט ערשט פאַרקריצן אין שטיין.

פאַרוואָס די וויכוחים וועגן ייִדישע עקרים — און זיי קומען דאָך פּאָר כסדר, כאָטש מען זעט זיי ווייניק אָן — זענען אַזעלכע פאַרנעפּלטע אַלעמאָל, איז מיר נישט קלאָר. מילא, אַז מען קען ניט ענטפערן קלאָר — פאַרשטיי איך נאָך, עס איז נישט לייכט און קיינער וויל נישט וואַגן, אָבער פרעגן מעג מען דאָך קלאָר. דאָס איז דאָך יאָ לייכט. און אָט דאָס איז דער זין פון די דאָזיקע רייד און פון נאָך אַזעלכע רייד וועגן זעלבן ענין, וואָס וועלן נאָך קו־מען.

.1945

ווידער אַ וואָרט וועגן נייע ייִדישע דאָגמעס, אַ נייעם תּנ״ך, אַ נייער רעוויזיע

.1

דאָס איז שוין דאָס פינפטע אָדער זעקסטע מאָל, וואָס דער שרייבער פון די שורות שרייבט אויף דער טעמע אין די לעצטע זעקס־זיבן יאָר. און די טעמע וואָלט זיך געלאָזט צוזאַמענשליסן אין עטליכע ווערטער אָט אַזוי: וועגן אַ נייער ייִדישער פּרינציפּן־דערקלערונג.

דער שרייבער פון די שורות מיינט אוודאי נישט, אַז ער איז אַזוי וויכטיק, אַז צו זיין וואָרט זאָל מען זיך צוהערן גאָר און גאָר. און דאָך איז ער דערשטוינט פאַרוואָס אָט די אַלע רייד זיינע וועגן אַ נייער ייִדישער פּרינציפּן־דערקלערונג האָבן אַזוי ווייניק בת קול אַרויסגערופן. ער איז נישט דער־שטוינט איבער דעם קנאַפּן אָפּרוף אויף דער אונטערשריפט אונטער די דער־מאָנטע פינף־זעקס אַרבעטן, ער איז אָבער דערשטוינט איבער דעם קנאַפּן אָפּרוף אויף דער איבער־שריפט, אָדער דעם טיטל פון אַלע יענע כּתבים זיינע אויף דער טעמע פון אַ נייער ייִדישער פּרינציפּן־דערקלערונג.

ווי אָפּט דעם שרייבער פון די שורות איז עס אויסגעקומען צו רעדן מיט דענקענדע ייִדישע פּערזענלעכקייטן — און די געלעגנהייט האָט ער אָפּט גע־האַט, זייער אָפּט, און אין אַלע טיילן פון דער וועלט פּשוטו כּמשמעו — און

ווי אָפּט ער האָט נאָר אָנגערירט די טעמע פון א נייער יידישער פּרינציפּן־דער־קלערונג, האָט ער באַמערקט, אז כמעט אלע די פּערזענליכקייטן האָבן — ווער מער און ווער ווייניקער — וועגן דעם געטראַכט. אָבער זייער זעלטן האָט ווער וועגן דעם א וואָרט געשריבן אָדער עפנטלעך גערעדט.

איינמאָל, אין יאָר 1939, האָבן צוויי יידישע שרייבער אין פּאַריז, אליהו טשעריקאָווער ז״ל און ישראל עפרויקין, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן זאַמלביכער אינגאַנצן געווידמעט דעם געדאַנק פון א נייער יידישער פּרינציפּן־דערקלערונג. די צייטשריפט האָט זיך גערופן „אויפן שיידוועג״ און מער ווי צוויי נומערן זענען נישט אַרויס. כאָטש עס איז מיר קלאָר, אז די רעדאַקטאָרן האָבן די צייטשריפט אינגאַנצן געוואָלט ווידמען דעם אויבן דערמאָנטן געדאַנק — האָבן זיך אָבער זייערע מיטאַרבעטער נישט אלע צו דעם צוגעפּאַסט. עפּיס אַן אינערליכע שרעק איז דאָ אין דעם רוב יידישע שרייבער אָנצוכאַפּן דעם דאָזיקן געפערליכן אָקס ביי די הערנער. אז מען וועט אים איינמאָל אָנגעמען ביי די הערנער — איז אָדער טויט, אָדער רויט. איז שוין בעסער אים לאָזן זיך אַרומדרייען פראַנק און פריי — אפשר וועט ער עמיצן אַנדערש נעמען אויף די הערנער . . .

דער אויסברוך פון דער מלחמה האָט די צייטשריפט איבערגעריסן, טשעריקאָווער איז געשטאָרבן (אמת, אז מיט עטליכע יאָרן שפּעטער, אָבער די צייטשריפט האָט ער נישט באַנייט) און עפרויקין איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין אורוגוואַי און „אויפן שיידוועג״ האָט זיך טאַקע צעשיידט.

בשעת דער „שיידוועג״ איז דערשינען האָט טשעריקאָווער זיך אַמאָל געווענדט צום שרייבער פון די שורות, ער זאָל מיטאַרבעטן. ער ווייסט, האָט ער געשריבן, אז איך האָב נישט קיין גרינטלעכע יידישע אויסבילדונג, נישט געגאַנגען קיינמאָל אין א חדר, אין א ישיבה אוודאי נישט, אָבער דווקא דאָס אינטריגירט אים. איך האָב איינגעשטעלט, געשריבן אַן אַרטיקל פון סאַמע הארץ אַראָפּ: וועגן נייע יידישע דאָגמעס. נישט מער און נישט ווייניקער. פון דעם אַרטיקל זענען — צו מיין שטוינונג — אַרויסרעדאַגירט געוואָרן נאָר די טיילן, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן יידישער שחיטה און אַלץ איבעריקע איז געוואָרן אָפּגעדרוקט כמעט וואָרט אין וואָרט.

דערמוטיקט פון דעם דערפאָלג האָט דער שרייבער פון די שורות דעם געדאַנק זיינעם אויסגעבויט און אויסגעברייטערט. אז ער האָט אין יאָר 1942 — נאָך עטליכע מאָל שרייבן וועגן דעם אין א לויזער פאָרם — צוזאַמענגעפּאַסט זיינע טראַכטעניש אין א גרעסערער און מער סיסטעמאַטישער אַרבעט מיטן נאָמען: פאַרוואָס זאָל נישט צונויפגעשטעלט און קאָנאָניזירט ווערן א צווייטער תנ״ך? — האָט ער ביז סוף 1944 נישט געקענט געפינען קיין ווייניקע רעדאַקציע אָפּצודרוקן די דאָזיקע מחשבות זיינע. און דאָ קומט ווידער א

גרויסע שטוינונג. דווקא דער רעליגיעזער און גלויביקער, און אפילו פרומער אין פשוטן זינען פון דעם וואָרט, דר. יצחק נחמן שטיינבערג האָט די ארבעט געדרוקט אין זיין צייטשריפט „אויפן שוועל".

די ארבעט האָט געהאט א געוויסן אפרוף. צוערשט אברהם גאָלאָמב, שפּע־טער ש. ניגער האָבן וועגן דער ארבעט געשריבן.ביידע אין דערזעלבער צייט־שריפט. מער איז קיין אפרוף נישט געווען.

וואָלט דאָס געווען א ליטעראַרישער, א קינסטלערישער ענין — צע־שפּילט זיך געוויינטלעך נאָך אזא מין כמעט פארשווייגן — די קינסטלערישע אמביציע, טוט מען אָן דאָס ברוגזע היטל און מען שוויגט אויך מיט אסך שטאָלץ אין געמיט . . .

אָבער מיך לאָזט עס נישט שוויגן — כאָטש יאָרן גייען אָפּט אריבער פון איין וואָרט צום צווייטן. און ביי דעם שטארב־אונטערגאנג צווישן יידישע שריי־בער לעצטנס איז דאָס ווארטן זייער געפערליך. אלעמאָל שפּרינגט דער גע־דאנק ארויס פון מיר און ארום מיר מיט א פארגרעסערטער קראפט.

און נאָך דער — אביסל צו לאנגער, איינלייטונג — ווידער אין תוך דער גאנצער ענין.

.2

אז די ארבעט איז דערשינען אין „אויפן שוועל" האָב איך זי צוגעשיקט צו איינעם פון די טיפסטע און שענסטע יונגע רעליגיעזע דענקער ביי יידן אין דער איצטיקער צייט. איך בין צופעליק מיט אים באקאנט. זיין נאָמען וויל איך דאָ נישט אָנרופן. ער האָט מיר געענפערט: ווען איך וואָלט נאָך פון איצט אָן געלעבט הונדערט יאָר, און אלע די יאָרן בייטאָג און ביינאכט גע־דענקט און געשריבן נאָר וועגן דעם אלטן תנ"ך, גלויב איך קוים, צי איך וואָלט געקענט אויסדריקן דאָס נס פון זיין עקזיסטענץ — קומט איר און איר רעדט גאָר וועגן א נייעם תנ"ך.

אזוי האָט געענפערט דער סכאָלאסטיקער,' דער רעליגעזער געלערנ־טער, וואָס איז אויך אָן עמאַציאָנעלער רעליגיע־באזינגער.

אָבער דאָס לעבעדיקע לעבן?

ווי אָפט עס קומט מיר אויס צו רעדן מיט אינטעליגענטע, באלעזענע, דענקענדיקע יידישע פרויען און מענער, וואָס זענען טאטע־מאַמע פון 12 ביז 18־יעריקע זין און טעכטער, און איך אנטוויקל פאר זיי דעם געדאנק פון א נייער יידישער פרינציפּן־דערקלערונג, פון א נייעם תנ"ך וואָס זאָל ארייננע־מען, אינטעגרירן, ארייננפלעכטן, ארייננבויען דעם יידישן געניוס פון די נאָך תנ"ך־שע צוויי און א האלב טויזנט יאָר — כאַפּן זיי זיך אָן אָן דעם געדאנק ווי אין אן איינציקער רעטונג ממש.

דורך דעם מויל פון די דערמאָנטע פּאַטערס און מוטערס רעדט די גייס־טיקע, טראַגישע יידישע נויט פון א דור, וואָס האָט צופיל זעלבסטזיכערע פּי־רערס און דערפאר איז ער פּירערלאָז.

אויף אַן אמת — אין דער צייט ווען דער חומש און שפּעטער דער גאנ־צער תנך זענען קאַנאָניזירט געוואָרן, זענען טאקע די יידישע פּירערס און דענקערס זיכער מער רעליגיעז געוועזן, מער פאנאטיש און דאָך ווייניקער זעלבסט־זיכער. זיי האָבן צוגעלאָזן וויכוחים וועגן דעם גאנצן ענין — און נאָך וואָסערע וויכוחים — און היינט — א דאָגמאטישער, פאַרגליווערטער צוגאנג.

אז איך האָב באַקומען דעם ענפער פון דעם דערמאָנטן רעליגיעזן פילאָ־זאָף, פון וועמעס שריפטשטעלערישן טאלענט איך האַלט גאָר און גאָר — און דאָס איז נישט ווייניק וויכטיק אין אַזעלכע דעליקאטע זאכן, וואָס האָבן צו טון מיט וואָרט — און אין וועמעס אויפריכטיקייט איך צווייפל נישט קיין איין רגע, בין איך ממש דערשראָקן געוועזן און איך בין עס נאָך. אויב אזוי דאָגמאַ־טיש טראַכטן און פילן שוין די אויפריכטיקסטע — איז וויזשע האַלט עס ביי די היפּאָקריטן, מיט וועלכע עס איז פול אונזער יידישע גייסטיקע פּירער־שאַפט . . . זענען, הייסט עס, מיינע אידעען האָפענונגסלאָז פאַרלוירן און לכתחילה פאַרמשפּט ?

ניין, זיי זענען עס נישט, עס קען אזוי נישט זיין, דער אָביעקטיווער אמת איז אויף זייער זייט. און לאָמיך טאקע נאָך אמאָל קלאָר מאכן אין וואָס עס גייט.

3.

יידן און יידנטום זענען פון אייביקע יאָרן אַן אומגעהייער קאָמפּליצירטע זאך. פאַרוואָס? געוויינטלעך זענען פעלקער אינטעגראַל פאַרבונדן מיט דער אידעע פון זייער מלוכה, אָדער מיט דער אידעע פון זייער שפּראַך, וואָס איז דער הויפּט־אויסדרוק פון זייער פאָלקישן שטייגער. טיילט זיך אָפּ א פאָלק פון זיין מלוכה, אָדער די מלוכה זיינע ווערט פאַרניכטעט, ווי דאָס איז אָפט געוועזן דער פאַל, למשל, ביים פּוילישן פאָלק, בלייבט זיין שפּראַך. אָבער יידנטום איז נאָך דערצו פאַרבונדן כסדר מיט א דריטער זאך — מיט דער אידעע פון יידנטום, דער אידעע פון גאָט־זוכן. די פרומע דאָגמאטיקער זאָגן, אז דאָס איז די אידעע פון גאָט־האָבן און נישט זוכן. אָבער מיר קענען נישט אָננעמען די געדאנקען פון די דאָגמאטיקער אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט.

מיר קענען נישט אָננעמען דעם געדאנק, אז דאָס יידנטום האָט זיך אין תוך אויפגעהערט צו אנטוויקלען מיט צוויי און א האַלב טויזנט יאָרן צוריק — ווו עס שטעלט זיך היסטאָריש אָפּ דער תנך — און אַלע ווייטערדיקע זענען נישט מער ווי קאָמענטאַרן. אויב עס איז אין די ערשטע איבער טויזנט יאָר

פון דער עקזיסטענץ פון יידישן געדאנק צוגעלאָזן א תוכיקע אנטוויקלונג, מוז זי אויך צוגעלאָזן ווערן ווייטער.

דער תוכיקער יידישער געדאנק איז זינט דער קאַנאָניזירונג פון תנך, וואָס איז פארענדיקט געוואָרן מיט נאָענט צו צוויי־טויזנט יאָרן צוריק, פּאַרויס־געגאנגען און ער איז אָנגעקומען א שטיק וועגס ווייטער ווי ער איז געווען צו יענער צייט. עס זענען צוגעקומען טיילן, וואָס זענען זיכער ווערט צו זיין אינטעגראלע טיילן — אָבער זיי זענען אלס אזעלכע נישט קאַנאָניזירט.

און אָט דאָס איז די סיבה, וואָס דאָס יידנטום איז אזוי צעטרייסלט ביים היינטיקן טאָג. עס פעלן נייע דאָגמעס יידישע פאר דער נייער יידישער דענ־קענדיקער אינטעליגענץ — און עס איז א גרויסע שיכט. איך ווייס נישט ווי איר צאָל וואָלט זיך אויסגעדריקט אין פּראָצענטער, אָבער עס איז דאָ אזא שיכט און א גאָר גרויסע.

.4

עס איז דעריבער נויטיק ארויסצוהייבן פון דער צעוואָרפנקייט אלע די טיילן פון יידישן געדאנק, אָדער גאָר גאנצע יידישע געדאנקען, וואָס זענען אונז צוגעקומען אין די לעצטע טויזנטער יאָרן און זיי צוזאמענ־שליסן אזוי פעסט אזוי ווי עס איז דער געניאלער, גרוי־סער תנך אונזערער. דער תנ״ך דארף אוודאי בלייבן אומבארירט און אויף אלע אייביקייטן קאַנאָניזירט אזוי ווי ער איז, אָבער ער דארף באקומען א ברודער צו זיך. און דער דאָזיקער נייער תנך דארף, פונקט ווי דער ערשטער, צוזאַ־מענגעשטעלט ווערן מיט אזויפיל מוט. און פונקט ווי דער ערשטער דארף ער זיין אלץ ארייננעמענדיק — הלכה באגלייך מיט אגדה.

איך וויל דאָ נישט ארייַנגיין אין ווייטערדיקע פרטים, ווייל דאָס וואָלט באלד צעבראָכן די רעמלעך פון די איצטיקע באמערקונגען מיינע אויף א טע־מע, וואָס איך וועל שוין — ווייזט אויס — נישט אָפּלאָזן מער ווי לאנג עס איז מיר פארשריבן צו לעבן.

.5

דאָס יידישע גאָט־זוכן איז געווען און איז ניט קיין גאָט־זוכן צוליב פי־לאָזאָפישער נייגעריקייט, ווי דאָס איז געווען ביי די גריכן און ביי אסך פון די דייטשע פילאָזאָפן, דאָס איז פון לכתחילה געווען און אייביק געבליבן א גאָט־זוכן צוליב דעם גליק פון די מענטשן. דער עכטער יידישער גאָט־זוכער אין זיבעצעטן יאָרהונדערט, ספינאָזא, האָט זיין קרוין־ווערק זיין „עטיק" צו דריי פערטל אויסגעפילט מיט דער פאָרשונג פון דער מענטשליכער נשמה און בלויז צו איין פערטל מיט דער פאָרשונג פון דער אבסטראקטער נאטור פון גאָט.

דאָס יידישע גאָט־זוכן איז אויך כסדר רעכט־זוכן, און רעכט זוכן איז גליק־פאַר־אַלעמען־זוכן. דאָס איז די יידישע רעליגיע און צו דער אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער רעליגיע האָבן מיר כסדר און כסדר בייגעטראָגן ביזן היינטיקן טאָג.

דאָס הויפּט־פּראָבלעם פון דער יידישער וויטער־עקזיסטענץ איז די יידישע יוגנט, די דענקענדיקע יידישע יוגנט — פון וועלכער עס קומט אַרויס די יידישע פירערשאַפט מיט דער צייט. אָט די יוגנט דאַרף האָבן אַ גייסטיקן פירער אין דער פאָרם פון אַ קאַנאָניזירטן ספר.

טיף גלויבט דער שרייבער פון די ווערטער, אַז אַזאַ ספר עקזיסטירט אין פּאָטענץ אין דעם ים פון יידישן געדאַנק פון די לעצטע יאָרטויזנטער. אַבסטראַקט איז דער פּאָדעם דאָ, אָבער עס נעמט די לענג פון אַ מענטשליך לעבן אַליין צו באַנעמען די דאָזיקע אַבסטראַקציע. דאַרף מען דעריבער דעם פּאָדעם מאַכן קאָנקרעט, קלאָר און דייטלעך פאַר אַלעמען, אַזוי קלאָר און אַזוי דייטלעך, אַז מען זאָל ממש קענען אָננעמען דעם פּאָדעם מיט דער האַנט און גיין מיט אים דורך די צעשטורעמטע יידישע לעצטע צוויי יאָרטויזנטער ביזן היינטיקן טאָג. ביזן היינטיקן טאָג — ווו עס איז דאָ דער גרויסער פּרעגצייכן. און אין יענעם אַבסטראַקטן צווייטן תנ״ך איז דאָ אַן ענפער, אַ יידישער ענפער אַפילו אויף דער טראַגישסטער פראַגע אין דער יידישער געשיכטע: די זעקס מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות פון נאַציזם. עס איז דאָ אַן ענפער פאַר אַלע יידן, אין ארץ ישראל, אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין די אַמעריקעס, אין אַפריקע, אויסטראַליע און אַפילו פאַר די רעשטלעך פון די יידן אין פּוילן . . .

לאָמיר דעריבער רעדן, רעדן, שרייבן, טראַכטן אויף דער טעמע — ביז מיר וועלן זיך דערגרעדן. וואָס שייך מיין ווייניקייט וועל איך עס טון ביזן סוף פון מיינע טעג ווייל איך קען נישט אַנדערש.

.1945

בוך, ספר און ייד

.1

פאַרלאָזט פון אַלעמען, פאַרלאָזט אויף זיך אַליין שטייט דער ייד אינמיטן וועלט, אינמיטן פון אָט דעם יאָרהונדערט פון יאָרהונדערטער, וואָס האָט אויף זיך די מאַרקע „20״.

טאָפּלט פאַרלאָזט און נאָך מער, ווייל פאַרוואַרלאָזט שטייט דאָס יידישע בוך און דאָס יידישע ספר אין מיטן פון אָט דעם יאָרהונדערט פון יאָרהונדערטער.

דער ייד איז פאַרלאָזט פון אַלעמען, חוץ פון יידן, אָבער דאָס יידישע בוך איז פון יידן אויך פאַרלאָזט. פאַרלאָזט הייסט נישט איבערגעלאָזט אויף

אייביק. פֿאַרלאָזט איז א צושטאנד, וואָס קען, דאַרף, מוז און וועט געענדערט ווערן.

און אז איך האָב דאָ געזאָגט „דאָס יידישע בוך איז פֿאַרלאָזט" — איז עס נישט שווער דאָס צו באַווייזן. יעדער איינער פֿון אונז, וואָס איז נאָר עלטער איבער פֿערציק, און וואָס שטאמט פֿון מזרח־אייראָפּע, און אפילו פֿון אמע־ריקע, אויב זיין היים איז נאָך געווען א היים מיט טראַדיציע, דאַרף זיך נאָר דערמאָנען ווי אזוי בוך און ספר זענען געווען אריינגעפּלאָכטן, ממש דורכ־אויס אינטעגרירט מיט דעם גאנצן טאָג־טעגלעכן, און על אחת כמה וכמה שוין מיט דעם שבת־יום־טובדיקן לעבן. ער דאַרף זיך דערמאָנען און דאַרף פֿאַר־גלייכן יענעם צושטאנד מיט דעם איצטיקן צושטאנד, דער עיקר אין די לענדער אויף דער גליקלעכער זייט פֿון די גרויסע וואסערן. קיינער וועט זיך נישט אנטקעגנשטעלן קעגן דעם רופֿן דעם דאָזיקן צושטאנד פֿון בוך — אין פֿאַרגלייך מיט יענעם — פּראָסט און פּשוט א צושטאנד פֿון פֿאַרלאָזנקייט און פֿאַרוואָרלאָזטקייט.

.2

קען איינער קומען און זאָגן: מילא — איז דאָס יידישע בוך פֿאַרלאָזט.

די זאך איז אָבער נישט אזוי פּשוט. אזוי קען קומען און זאָגן נאָר דער, וואָס זאָגט אויך אין דער זעלבער צייט: מילא — וועט נישט זיין קיין יידיש פֿאָלק, דער פּלאנעט ערד וועט זיך דערפֿון נישט איבערקערן און די זון וועט נישט אויפֿהערן צו לייכטן.

אזוי קען מען אויך זאָגן און איך וואג צו זאָגן, אז עס איז נישט קיין פֿאַר־ברעכן אז מען זאָגט אזוי. לויט קיין שום קאָדעקס אין דער וועלט, און אפילו נישט לויטן יידישן, קומט נישט דערפֿאַר קיין איין וואָך ארעסט אפילו, נישט קיין געלט־שטראָף.

אָבער פֿאקט בלייבט פֿאקט, אז איר, וואָס איר לעזט די ווערטער און איך וואָס איך שרייב זיי, און נאָך און נאָך טויזנטער, און מיליאָנען אפילו, זאָגן אזוי בשום אופֿן נישט. זיי ווילן אלע צוזאמען און יעדער באזונדער מיט אלע רמ"ח אברים און שס"ה גידין, אז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל יאָ ווייטער זיין. און דאָס איז אינטעגראַל פֿאַרבונדן פּונקט אזוי מיטן יידישן ספר ווי מיטן יידישן בוך.

און אז איך זאָג יידיש ספר און יידיש בוך מיין איך אלץ און אין אלע שפּראכן, וואָס ווערט צו יידיש ספר און יידיש בוך צוגערעכנט. אלץ, אָנהויבנ־דיק מיטן חומש און ענדיקנדיק מיט די זכרונות פֿון א יידישער פּארטיזאנערין פֿון קראָקע, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין ריינסטן און אין פֿיינסטן פּוי־ליש. און פּונקט אזוי ווי איך וויל נישט פֿאַרלייקענען אָדער רעזיגנירן פֿון

ייִדישן בוך אָדער ספר וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פּויליש אָדער ענגליש. אַזוי וויל איך אוודאי און אוודאי נישט אַז עס זאָל פאַרלייקנט ווערן דאָס ייִדישע בוך אָדער ספר, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין העברעיש, אָדער ייִדיש.

3.

איך מוז דאָ אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פראַגע פון קוואַליטעט־און קוואַנטום־ייִדן. וואָס איז אַ קוואַליטעט־ייִד?

אַ קוואַליטעט־ייִד איז אַזאַ מין ייִד, וואָס האָט אַ געוויסן סכום פון וויסן וועגן ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און באַמיט זיך כסדר דעם דאָזיקן וויסן צו פאַרטיפן, וואָס האָט אַן אינטערעס אין איינער, צי מער ייִדישע איצטיקע באַוועגונגען און ער איז אַקטיוו אין איינער פון זיי, וואָס האָט אַ חלום וועגן אַ ייִדישער צוקונפט און ער אַליין און זיינע קינדער — אויף וויפיל ער האָט אַ השפּעה אויף זיי — האָט אָנגעשטעלט זיינע שריט אין דער ריכטונג פון דער פאַרווירקלעכונג פון זיין ייִדישן חלום.

אַז איר וועט זיך נעמען די מי און נאָך איינמאָל איבערלעזן די פּאָר שורות דאָ אויבן וועגן קוואַליטעט־ייִד — וועט איר מוזן צוגעבן, אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך דעם עלעמענט פון אַקסיאָם.

און אויב אַקסיאָם, וועט איר האָבן באַמערקט, אַז די ערשטע באַדינגונג אין דעם דאָזיקן דריי־ווינקלדיקן אַקסיאָם איז געוועזן: האָבן אַ געוויסן סכום פון וויסן וועגן ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און זיך כסדר באַמיען דעם דאָזיקן וויסן צו פאַרטיפן.

און דאָס איז פאַרבונדן אינטעגראַל, אַזוי אינטעגראַל אַזוי ווי לופט מיט לונגען, אויב די לונגען לעבן און ווילן לעבן, מיט בוך און מיט ספר.

גריילעך זיינען דאָ און קענען אויך זיין קוואַנטום־ייִדן, ציפערן, נומערן, ייִדן לויט זייערע נעז און נעמען, אָבער מיט די קוואַנטום־ייִדן ווילן מיר זיך דאָ נישט פאַרנעמען. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

4.

אַז בוך, ספר און ייִד זיינען אַ מאָנאָליטע זאַך ווייסן אונזערע שונאים זייער און זייער גוט. אונדזערע אויסערלעכע שונאים. אונדזערע אינערלעכע שונאים, וואָס זיינען נאַטירלעך צו זוכן צווישן אחינו בני ישראל אַליין, ווייסן דאָס ווייניקער גוט.

איר ווילט אַ באַווייז אַז אונדזערע אויסערלעכע שונאים ווייסן עס גוט? אָט האָט איר דעם באַווייז: דאָס יאָר 1933 געדענקט איר דאָך גוט? אוודאי געדענקט איר. דאָס איז דאָס יאָר אין וועלכן היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד.

מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט לגבי אונדז יידן אין די גרעסטע פאַר־ניכטונגס־יאָרן פון דער יידישער געשיכטע 1939־1945 — ווייסן מיר אלע גאנץ גוט.

אָבער אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער פאַרניכטונג פון יידישע ביכער. שייטערהויפנס מיט יידישע ביכער האָבן געברענט איבער גאנץ דייטשלאַנד.

געוועזן יידן אין יענער צייט אזעלכע, וואָס האָבן ציניש געטענהט, אז עס איז שוין לאנג צייט געוועזן דאָס שימלווארק צו פאַרברענען, געוועזן נאַראָנים, וואָס האָבן געמיינט, אז ער וועט אויסלאָזן דעם סעס צו די טויטע ביכער און ער וועט די לעבעדיקע יידן שוין מער נישט טשעפּען. דער אויסערלעכער שונא האָט געוווסט, אז ייד און ספר און בוך זיינען איינס.

מיט דעם ברענען די טויטע יידישע ביכער און ספרים האָט ער אָנ־געפּרעגט ביי דער לעבעדיקער וועלט פון אלערליי מלוכות ווי אזוי זי וועט רעאגירן ביים ברענען די לעבעדיקע יידן. און די וועלט האָט געשוויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער לענג.

די וועלט ווייסט אז ייד און ספר און בוך זיינען איינס. ישראל לא ידע.

.5

ספר, בוך איז נישט גלאט עפּעס א טעכנישע, פיזישע זאך עלעהיי א הע־מערל, א זעגל, א שטול.

אין די זאכן ספר און בוך איז אנטהאלטן א טיפער מיסטישער מיין. זיי זיינען פיזישע פאָרמען פאר דעם וואָס „אינו גוף ולא ישיגהו משיגי הגוף" — פיזישע פאָרמען פאר דעם גייסט.

ספר און בוך זיינען א טיפער מיסטישער ענין, בוך און ספר זיינען פאַר־בונדן מיט גאָט אליין, און אז בוך ווערט אָפּט דורך מענטשן פארשונדעוועט און פארביליקט — זיינען דאָך אין דעם שולדיק די מענטשן וואָס טוען עס, אָבער נישט דאָס בוך אליין.

יאָ, ספר און בוך זענען אן ענין פאר א קולט ממש, א רעליגיעזן קולט.

א העמערל א זעגל אָדער א שטול צום זיצן זענען אויך זייער וויכטיקע זאכן, אָבער א קולט פאר די זאכן שטעל איך מיר נישט פאָר.

איך שטעל מיר אָבער פאָר א קולט, א הייליקן קולט פאר ביכער און ספרים. און אוודאי און אוודאי שטעל איך מיר פאָר א הייליקן קולט פאר ביכער און ספרים ביי יידן.

.6

יאָ, א קולט, אָבער נישט קיין געצן־דינסט.

פאר א געטש איז גאנץ געווענלעך אז מען שטעלט זיך ארום ארום אים און מען באַצירט אים מיט בלומען און פארביקע בענדער און באַגיסט אים מיט

שמעקענדיקע וואסערלעך אָדער גאָר מיט בלוט און מען טאַנצט ארום אים. א געטש דארף נישט מער. ער דארף דאָך אין דער אמתן גאָרנישט.

אָבער גאָט האָט פיינט די אויסערלעכע זאכן פון קולט. און ער האָט עס נישט איינמאָל קלאָר און דייטליך דורך זיינע נביאים ארויסגעזאָגט.

טיפן, אינערלעכן, הארציקן, נשמהדיקן קולט האָט גאָט יאָ ליב. גאָט האָט ליב ווען א מענטש פארברענגט מיט אים אינערלעך, ווען ער גיט אים אוועק דאָס טייערסטע וואָס ער, גאָט, האָט דעם מענטש געגעבן. ווען ער גיט אים אוועק צייט. גאָט איז איינזאַם אָן מענשן. אָבער צונויפרעדן זיך מיט מענשן קען ער נור דורך ביכער.

און אויב א קולט פון ביכער, און טאַקע א קולט פון ביכער און ספרים ביי יידן, דארף זיך דער קולט אין דער ערשטער רייע אויסדריקן מיט מקריב זיין צייט צו די ביכער און ספרים. צייט און נישט בלויז ארומטאַנצן אביסל ארום זיי.

7.

מנחם באריישא, דער טיפער און יידיש־פילאָזאָפירנדיקער דיכטער, האָט אמאָל אין התלהבות פון זיינס א רעדע, וואָס איך האָב געהערט, געזאָגט אָט אזוי: — איך שטעל מיר פאָר דאָס נייע יידישקייט פאַר אלע יידן פון גאָר דער וועלט ווי א דינען צום יידישן ספר און יידישן בוך. איך שטעל מיר פאָר, אז עס וועט קומען אמאָל א צייט ווען אין א יידישער שטוב וועלן אלע מיטגלי־דער פון דער פאמיליע, אלט און יונג, כאָטש א שעה א טאָג מוזן פארברענ־גען מיט ביכער און ספרים יידישע. נישט ווערטערלעך האָט ער עס אזוי גע־זאָגט, אָבער דאָס איז געווען דער מיין. איך האָב באלד באריישאן געזאָגט, אז ער האָט דאָ עפעס פאַרמולירט, וואָס איז אין אונזער אלעמענס הערצער דאָ. און דאָס דארף נישט בלייבן א וואָרט בלויז, א התלהבותדיק וואָרט בשעת דעם שטראָם פון א רעדע. דאָס דארף זיין א קלינגוואָרט און דארף שטרעבן צו ווירקלעכקייט.

אויף דער טעריטאָריע פון ספר און פון בוך קומען זיך אלע קוואַליטעטס־יידן צוזאמען, אלע יידן פון אלע ריכטונגען, שפראכן, לענדער.

און דער קולט פאַר יידישן בוך דארף אלעמאָל זיין פארבונדן מיט דער קענטעניש, גרינטלעכער קענטעניש און פראקטיק פון כאָטש איינער פון די יידישע שפראכן. היינט — יידיש אָדער העברעאיש, ווייל אויך שפראך איז א מיסטישער לבוש — אָבער דאָס איז שוין אן ענין פאַר זיך.

8.

זינט זעקס יאָר עקזיסטירט אין אמעריקע א יידישער ביכער־ראט. דער דאָזיקער ראט גייט ארויס פון דעם געזונטן שטאַנדפונקט, אז אויב ביכער

פאר יידן היינט אין אמעריקע, מוז דאָס געטון ווערן דריישפּראַכיק: ענגליש, יידיש, העברעאיש. דער דאָזיקער ראַט טוט זייער א סך. טעכניש און אויסערלעך — אסך. אָוונטן, אויסשטעלונגען, ביכער־וואָכן און ביכער־חדשים, בראָשורן און אינסטרוקציעס.

נאָר א קולט, א קולט פארן יידישן בוך און ספר, אַן אינערליכער קולט איז דערוויל נישט געשאפן געוואָרן. און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. א קולט צוליב וועלכן יידן אין אמעריקע זאָלן מקריב זיין דאָס טייערסטע וואָס א מענטש קען מקריב זיין — צייט. א קולט — פינף מיליאָנען יידן אין אמעריקע זאָלן מקריב זיין יעדן טאָג צו אים מיליאָנען שעהן מיט יידישער צייט . . . נישט „קויפט ביכער" דארף זיין דאָס קלינגוואָרט, נאָר „לייענט ביכער" דארף זיין דער לאָזונג.

ייד, בוך און ספר זענען א גרויסער זיווג, נאָר וואָס איז ווערט דער בעסטער זיווג אויב דער בוך־ספר איז אויף דער פּאָליצע און דער ייד ביי אלדי־רוחות און נאָר נישט ביים ספר־בוך.

1946.

רופט עס : נאַציאָנאַלער חשבון-הנפש, רופט עס : נייער תנ״ך —

1.

וואָס איז מענטש? מענש איז — וואָס זיין מוח באנעמט, אז ער איז. און זיין מוח באנעמט, וואָס די חושים זאָגן אונטער.

וואָס איז פאָלק? פאָלק איז — וואָס דער אינטעלעקטועלער טייל פון דעם פאָלק באנעמט, אז עס איז. און דער אינטעלעקטועלער טייל פון א פאָלק באַנעמט זיין פאָלק אזוי ווי די לאָגיק אָדער אומלאָגיק פון דער געשיכטע און איצטיקייט פון דעם פאָלק זאָגן אונטער.

אמפּוטיר אוועק פון א פאָלק זיין אינטעליגענץ און עס בלייבט א לויז־פארבונדענע מאַסע פון מענשן, וואָס לעבן זיך אויס אין א געוויסן שטייגער און דאָס אלץ.

וואָס איז מענשהייט? מענשהייט איז — וואָס עטליכע גרויס־גייסטער חלומען וועגן איר.

וואָס איז דאָס יידישע פאָלק? דאָס יידישע פאָלק איז — וואָס משה רבינו האָט אָנגעהויבן צו טראכטן וועגן דעם פאָלק, אז עס איז — און וואָס די, וואָס האָבן משה׳ס וועג פאָרגעזעצט, אויף זייער אופן, האָבן געטראכט וועגן דעם, געשטריטן און געליטן פאר דעם.

2.

דאָס יידישע פאָלק און דער סכום פון יידישן גרויס־וואָרט, ריכטיקער דער שטראָם פון יידישן גרויס־וואָרט, זענען אייביק מיט זיך פארבונדן. דאָס

יידישע פאָלק גייט פארויס און דאָס יידישע וואָרט גייט פארויס. דאָס פאָלק גייט און ערגעץ הינטער אים זאמלט זיך כסדר דער סך הכל פון דער יידישער געשיכטע. די יידישע געשיכטע גייט פארויס און ערגעץ הינטער איר זאמלט זיך כסדר דער סך הכל פון יידישן גרויסוואָרט.

דאָס פאָלק גייט און הינטער אים זאמלט זיך כסדר אין דעם אוצר פון דעם וואָרט פון געניאַלע יידישע געדאנקען־און געפילן־מייסטער, זיין חשבון, זיין חשבון הנפש, זיין נאציאָנאַלער חשבון הנפש.

און חשבון איז פון אייביק אָן געבונדן מיט אָרדנונג. אפילו חשבון הנפש איז ענליך צו א פשוטן מאטעמאַטישן חשבון. די פּאָזיציעס ווערן געשטעלט איינע הינטער דער אנדערער. עס ווערט געמאַכט א סך הכל. די פּאָזיטיווע, אַקטיווע פּאָזיציעס באזונדער, די נעגאַטיווע, פאסיווע — באזונדער און די צוויי הויפּט־סומעס ווערן געשטעלט איינע אונטער דער אנדערער און דער חשבון ווערט קלאָר. ער איז פינסטער אָדער ליכטיק.

איז א חשבון הנפש אין רעזולטאַט פינסטער, אפילו א חשבון הנפש פון א פאָלק — איז טויט דער אויסוועג. איז א חשבון הנפש ליכטיק — איז נייע אָנשטרענגונג מיט נייעם גלויבן דער וועג.

.3

די גרויסע חתימות זענען אלעמאָל געוועזן גלייכצייטיק יאָרן פון אונזער חשבון הנפש. און עס איז באמת נישט פארשטענדליך, פארוואָס מיר האָבן שוין נאָענט צו פופצן הונדערט יאָר קיין חתימה נישט געהאַט מער.

נישט פארשטענדליך? נישט פארשטענדליך בלויז אויפן ערשטן בליק. אויפן צווייטן בליק שוין ווערט אלץ קלאָר און פארשטענדליך און סיבות קו־מען אויף, לייכטן אויף זייער אסך. די ערשטע סיבה איז, ווייל ביז מיט א פופ־ציק יאָר צוריק האָט דאָס יידישע פאָלק נישט געהאַט אויפגעגעבן די אינ־טעגריטעט פון יידישער נאציע מיט יידישער רעליגיע.

אין דעם מאָמענט ווען א גרויסער טייל פון יידישן פאָלק האָט אָנגענו־מען די געשטאַלט פון א פאָלקס־פירער — טעאָדאָר הערצל — נישט גע־קוקט אויף זיין א־רעליגיאָזיטעט, אין דעם מאָמענט ווען דאָס איז מעגליך גע־וואָרן, איז צעפאלן די אינטעגריטעט פון יידיש פאָלק און יידישער רעליגיע, און אין דעם זעלבן מאָמענט איז מעגליך געוואָרן, נויטיק געוואָרן א נייע חתימה פון יידישן גרויס־וואָרט, וואָס זאָל ארייננעמען נישט נאָר רעליגיע־זע געדאנקען.

.4

אלע טיילן פון יידישן פאָלק, אין אלע טיילן פון דער וועלט, שטרעקן אויס לעכצנדיקע הענט נאָך א נייעם תנך. נייער תנך איז נישט כנוס. ווארום

כנוס איז מילד און האָט אָפּענע טירן, נעמט אַלץ אויף מיט אָפענע אָרעמס: תנ״ך איז שטרענג און פאַרשלאָסן פאַר מיטלמעסיקייט, דערפאַר נעמט ער אריין אַלץ, וואָס גרויס איז — מעג עס אפילו זיין קעגען זיין דאָמינירנדיקן הויפּט־געדאַנק.

אַלע טיילן פון יידישן פאָלק לעכצן — איצט מער ווי ווען עס איז — נאָך א נייעם תנך. און זיי ווילן אין דעם נייעם תנך בפירוש אריינגעמען ווי א גלייכבארעכטיקטן אפילו דעם גאָט־לעסטערער, שוין נישט־רעדנדיק פון דעם א־אָדער אנטי־רעליגיעזן פילאָזאָף.

עס לעכצן נאָך א נייעם תנך די יידן אין ארץ ישראל און אין רוסלאַנד, אין פוילן און אין פראַנקרייך, אין בערגען־בעלזען און אין ניו יאָרק, אין אויסטראַליע און אין אפריקע, עס לעכצן די עכט־רעליגיעזע באַהאַלטענער־הייט און די פרייגייסטער אָפענערהייט. און אויב מען זאָגט עס נישט אָפן — אין אונטערבאוווסטזיין איז דאָ דאָס לעכצן.

עס לעכצן נישט די מאַסן, וואָס לעבן זיך אויס אין מער אָדער אין ווייניקער יידישן שטייגער. עס לעכצן די, וואָס זענען דאָס פאָלק אין טיפן תוך, ווייל זיי זענען דער אינטעלעקט זיינער.

און אין די ווערטער איז נישטאָ קיין שאָטן פון א שאָטן פון א האָר אפילו פון גרינגשעצונג צו די מאַסן; עס איז דאָ נאָר א קאָנסטאַטירונג פון א פאַקט, וואָס איז נישט אפּצופרעגן.

.5

די באַשאַפונג פון א נייעם תנך, וואָס זאָל זיין, ריין ליטעראַריש, געבויט לויט די אומאיבערטרעפליכע פּרינציפּן פון ערשטן תנך — וואָלט אַלע טיילן פון יידישן פאָלק מיט אַמאָל פאַרשטאַרקט, פאַרפעסטיקט, אינטעגרירט.

נאַטירלעך וואָלטן איבער דער קאָנאָניזירונג פון א נייעם תנך אויסגע־בראָכן שטאַרקע מחלוקתן, אָבער דאָס וואָלטן געווען שטאַרקנדיקע מחלוקתן אין דער זעלבער צייט.

נאַטירלעך וואָלטן צייטן־לאַנג געווען פּאַראַלעלע, פאַרשידענע תנך׳ן. אָבער וויפיל קלאָרקייט אין דעם יידישן לאַבירינט וואָלטן אָט די מחלוקתן אריינגעטראָגן. און סוף כל סוף אפילו דעם פאָדעם וואָס פירט פון דעם לאַ־בירינט ארויס.

.6

א נייעם תנך וועלן לכתחילה נעגירן די אָרטאָדאָקסן, וואָס זענען שוין היינט א מינאָריטעט אין יידישן פאָלק. א מינאָריטעט, וואָס פאַרקלענערט זיך אין טיפן תוך — אפילו אויב זי האָט קורצע מאָמענטן פון אויפשוואונג. און אפשר וועלן זיי זיך גאָר שאַפן א נייעם ריין־רעליגיעזן תנך, וואָס זיי וועלן

נאַטירלעך — צוליב זייער אָרטאָדאָקסישקייט נישט רופן מיט דעם קאַנאָני־זירטן נאָמען.

א נייעם תנך וועלן לכתחילה נעגירן די יאהודים. די זאך איז פשוט. זיי ווילן האָבן א פארגליווערט יידנטום, א יידנטום וואָס איז פארגליווערט געוואָרן מיט וואָס מער יאָרטויזנטער צוריק. אזא יידנטום איז באקוועם — ווארום די אומגעהייערע דיסטאנץ פארפליכטעט שוין פאקטיש צו גאָרנישט. פאר זיי איז דאָס יידנטום א באלאסט. א גאָרטן, וואָס מען האָט באקומען בירושה אין א וויטן, פרעמדן לאנד. זאָל ער וואָס מער פארווילדערט ווערן, זאָל ער ווערן איין שטיק שטיין — וועט מען מיט א גרינג געמיט פון אים קע־נען פטור ווערן. און נייער תנך הייסט דאָך הערלעכע נייע קולטיווירונג. און ירושה, וואָס מען האָט אויף אן אמת ליב מוז מען דאָך קולטיווירן אויפסניי — פארזעצן. אמאָל אפילו א גאנץ נייעם גאָרטן פארפלאנצן נעבן דעם אלטן, כדי דער אלטער זאָל וואָס מער ניי־לעבן אין זיך דערפילן. יאָ, אויך די יאהודים וועלן א נייעם תנך לכתחילה געגירן.

.7

פון וואָס א נייער תנך וועט באשטיין? פון וואָס באשטייט דער אלטער תנך? פון פונקט אזעלכע עלעמענטן וועט באשטיין דער נייער תנך. אייניקע עלעמענטן וועלן צוגעגעבן ווערן, וואָס זענען אין אלטן תנך נישט געווען, מחמת דער צייט אין וועלכער ער איז באשאפן געוואָרן. אין נייעם תנך וועט זיין דער עלעמענט פון ספעקולאטיווער פילאָזאָפיע, סטאטיסטיק, פסיכאָלאָגיע, ריין טעכניש וועלן זיין אין אים בילדער־דאָקומענטן, דאָקומענטירטע מוזיק־נאָטן.

דער נייער תנך וועט מוזן נאָך צוזאַמענגעפרעסטער זיין, ווייל מער ווי טויזנט בוכזייטן טאָר אויך ער נישט פארנעמען. ער מוז זיין אזא בוך, וואָס יעדער מענש זאָל צו יעדער צייט קאָנען נעמען מיט זיך אלס באגלייטער פאר יעדער סיטואציע. ניין — ער מוז טאקע ביידע תנך'ן קענען נעמען מיט זיך. ווארום דער נייער תנך וועט נישט קומען כדי צו נעגירן דעם ערשטן — ניי־ערט אים צו באשטארקן — פונקט ווי דער אלטער תנך וועט מיט דער גע־שיכטע פון זיין עקזיסטענץ דורך יאָרטויזנטער זיין א צייגעניש פון די יאָר־טויזנטער, וואָס דארפן און וועלן קומען פאר דעם נייעם תנך.

.8

פאר מיינע אויגן ליגט א „זאמלונג פון קאצעט און געטאָ לידער", וואָס איז פון זאמי פעדער, דוד ראָזענטאל און פאול טרעפמאן צונויפגעשטעלט און ארויסגעגעבן געוואָרן אין בערגען בעלזען. יעדעס איינציקע אות אין דער זאמלונג פון 44 זייטן מיט די נאָטן און מיט די בילדער, וואָס זענען דאָרט דאָ

— רופט ארויס א טרער פון הילפלאָזן צער און צאָרן. אזא דאָקומענט פון גייסטיקער פארלוירנקייט פון איינעם פון די גייסטיקסטע פעלקער פון דער וועלט איז אפשר נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

און פונקט ווי יעדעס אות אין דער זאמלונג פון קאצעט־לידער רופט ארויס א טרער פון צער און צאָרן — אזוי רופט עס ארויס דעם ווילן א וואָרף טון דער וועלט דעם ארויסרוף אין דער פאָרם פון א צווייטן תנך.

יעדעס אות אין דער דערמאָנטער זאמלונג איז אונז אזוי טייער ווי אַ טראָפּן הארץ־בלוט פון אן אייגן קינד, און אייניקע פון יענע לידער וועלן אריין אין דעם נייעם תנך, טאקע צוליב זייער אבסאָלוטער הילפלאָזיקייט, כאָטש אסך אפילו פון די גרעסטע דיכטער וועט דער נייער תנך איגנאָרירן — און דאָך איז גראד אָט די זאמלונג דער שטארקסטער אויסגעשריי פון בענקשאפט צו א נייעם תנ׳ך.

אויב אונזער וואָרט האָט געקענט דערגיין ביז דער מדרגה פון אבסאָלוטער הילפלאָזיקייט, ביז דער לעצטער מדרגה, פון דער אנטיטעזע פון דעם, וואָס יידיש וואָרט איז אלעמאָל געווען, דארף אין זעלבן מאָמענט זיך אָנהויבן די גרויסע, נייע סינטעזע — וואָס דאָס איז דער נייער תנך.

רופט עס: נאציאָנאלער חשבון־הנפש, רופט עס: נייער תנך — —

איך וועל מיר דערלויבן צו פארענדיקן די ווערטער ריין פערזענליך:

עס איז מיין טבע צו פרעדיקן וואסער און צו טרינקען וואסער, צו זוכן אייביק א קאָנסעקווענץ צווישן מיין וואָרט — אומשטיינסגעזאָגט — און מיין טאַט.

שוין נאָענט צו צען יאָר לאנג פרעג איך כסדר ביי זיך אליין: דארפסטו אליין, דו ייד, דו ייד, וואָס ווילסט בלייבן ייד, און אויך די דורות נאָך דיר זאָלן בלייבן יידן, דארפסטו אליין א נייעם תנך? דאַרשטסטו נאָך אים ווי א בלאָנזשענדיקער אין דער מדבר נאָך א קרוג וואסער? און שוין צען יאָר ענפער איך מיר אליין כסדר: — יאָ, איך דארף, איך דאַרשט.

און איך זאָג ווייטער צו זיך אליין: — אויב דו פילסט עס אין דיר אזוי שטארק, פילן דאָס זעלבע הונדערטער טויזנטער, וואָס זענען אן ערך אין קוואַליטעט אזעלכע יידן ווי דו, זיי פילן עס, כאָטש זיי זאָגן עס נישט ארויס.

.1946

* * *

צווייטער טייל

I. דערנערוזארק

מעדיטאציעס וועגן גאָט און וועגן יידישן גאָט

(פון א נישט־געדרוקטן בוך „תרי״ג מחשבות מיינע״).

* * *

פיזישע ארבעט פאר מענשן ווערט אלץ וויניקער און וויניקער. האָט די זאָרגעוודיקע נאטור אונטערגערוקט דעם ספּאָרט, כדי גוף אין דער וועלט זאָל נישט דעגענערירן. רעליגיע ווערט אלץ וויניקער און וויניקער. אָבער קיין במקום קומט נישט, אז נשמה זאָל נישט דעגענערירן.

וואָס וועט זיין — וואָס וועט זיין?

* * *

זוכן, שטרעבן, וועלן — מאכט אינטערעסאנט, אינטעליגענט, דער־הויבט.

גאָט זוכט נישט, שטרעבט נישט, וויל נישט גאָרנישט. יעדנפאלס — נישט צו דערוויזן, אז עס איז נישט אזוי.

דערפון דרינג איך ווייטער, אז ער איז נישט אינטעליגענט, נישט אינ־טערעסאנט און נישט דערהויבן.

איר וווּנדערט זיך אויף מיין חוצפּהדיקער, אָפענער גאָטלעסטערונג?

איך נעם מיר דאָס רעכט פון יענע מיטלאלטערלעכע יידישע רעליגיע־פילאָזאָפן, וואָס האָבן דערלויבט אָנצורופן בלויז די נעגאטיווע געטלעכע אטריבוטן, בלויז דאָס וואָס גאָט איז — נישט.

* * *

מיר זוכן גאָט. זוכט גאָט אונז? און אויב נישט — וויזשע קענען מיר אים געפינען?

* * *

צי זענען זיי זעלבשטענדיקע, אונזערע גייסטער, אָדער זענען זיי פראגמענטן פון צענטראלן וועלט־גייסט — געטלעך זענען זיי. גאָט קעמפט אין אונז — מיט אונז. ער האָט אפילו מורא פאר אונז.

עפּיס קומט דאָ פאָר. עס איז אָבער צו טיף אין אונז, קענען מיר נישט זען, פּונקט ווי אונזער אייגן אנטפלעקט הארץ, מוח ובכן נאָך וויניקער אונ־זערע נאַקעטע נשמות.

עפּיס קומט דאָ פאָר. מיר זענען אסך נענטער צו גאָט, ווי מיר ווייסן עס אליין.

* * *

פאַרוואָס ספּינאָזאַ האָט אין זיין פילאָזאָפישן סיסטעם איינגעשלאָסן נאָר צוויי געטלעכע אַטריבוטן — נישט צו פאַרשטיין. אַפילו ביי דער אַבסאָלוטער פאַרזיכטיקייט, וואָס ער האָט פּראַקטיקירט. האָט ער דרייסט געקענט כאָטש נאָך אַ דריי געטלעכע אַרטיבוטן איינשליסן אין זיין סיסטעם. למשל: דער ווילן פון אייביקן שאַפן.

עס קען זיין, אַז ספּינאָזאַ האָט דעם אַטריבוט געוואָלט איינשליסן אין זיין סיסטעם. איז ער אָבער שטיין געבליבן פאַר אַ רעטעניש: מיט דעם אייביקן שאַפן איז אַבסאָלוט פאַרבונדן דאָס אייביקע פאַרניכטן. איז וואָזשע? איז דאָס אייביקע שאַפן דער געטלעכער אַטריבוט, אָדער דאָס אייביקע פאַרניכטן? ביידע מיטאַמאָל קענען עס דאָך נישט זיין.

* * *

פונקט ווי מיר האָבן אין דער פיזישער וועלט מדרגות־ווייז: צוערשט אַנטדעקט די ערד, שפּעטער דעם זונען־סיסטעם, שפּעטער דעם אוניווערס, און אַסך אוניווערסן — אַזוי גייט עס אונז אין דער אַנטדעקונג פון די גייסטיקע מדרגות. צוערשט האָבן מיר אַנטדעקט די עקזיסטענץ פון אַ נשמה, שפּעטער האָבן מיר אַנטדעקט אירע פּסיכאָלאָגישע צוזאַמענהאַנגען. די נאָענסטע מדרגה וועט זיין צו אַנטדעקן די גייסטיקע אָפּהענגיקייט פון דער נשמה — דאָס איז שוין אויף דעם וועג פון דער גאָט־אַנטדעקונג. גאָט וועט זיך אַרויסווייזן אַסך פּשוטער, ווי מיר מיינען היינט אין דער אומפּעאיקייט דערווייל אים צו אַנטדעקן. נאָר אַז מיר וועלן אַנטדעקן די ערשטע העכערע מדרגה אין דער גייסטיקער וועלט, וועט עס אונז אַזוי גיין ווי אין די אַנטדעקונגען אין דער פיזישער וועלט. עס וועט דעמאָלט צוגיין גאַנץ גיך.

נאָר וועלן מיר — נאָך דער אַנטדעקונג פון גאָט — נישט בלייבן שטיין פאַר אַ רעטעניש פון אַן איבערגאָט?

דער געדאַנק איז צו שרעקלעך, צו אָפּגרונטיק.

* * *

איידער גאָט נעמט זיך צעשטערן אַ קרעאַטור, וואָס ער האָט פּראָדוצירט, קוועטשט ער פון איר אַרויס אַזויפיל רעפּראָדוקציע וויפיל נאָר מעגלעך. שפּעטער גיט ער זי איינגאַנצן אויף, לאָזט זי אויף הפקר. אָבער דווקא די גאָט־פאַרלאָזענע, אויסגעקוועטשטע, אַלטע קרעאַטורן הענגען מער אָן גאָט.

* * *

אַמאָל דאַכט זיך מיר, אַז גאָט איז נאָר דערפאַר אַזוי געפיל־לאָז און גרויזאַם (לויט אונזער מענטשלעכן באַגריף) ווייל ער ווייסט, אַז אונזער סיטואַציע איז נישט טראַגיש. עס איז פּונקט אַזוי ווי עס רירט נישט, למשל, אַ גוטהאַרציקן צאָן־דאָקטאָר אַפילו, ווען זיינער אַ פּאַציענט מאַכט קולות.

דער דאָקטאָר ווייסט, אַז אַ לאַדע סעקונדע וועלן די ווייטיקן אויפהערן און דעם פּאַציענט וועט זיין געהאָלפן. אַ פּראַקטיק האָט ער אַ גרויסע, קען אים, נאַטירלעך, נישט רירן דאָס געשריי.

* * *

איך האָב געזען אמאָל ווי אַ רחמנות־לאָזער, אַלטער פּראָווינץ־דאָקטאָר האָט אָפּערירט אָן נאַרקאָזע אַ צעניעריק פויערן־מיידעלע, וואָס אַ קו האָט געגומען אויף די הערנער. דאָס קינד האָט מיט אומענדלעכן גלויבן, מיט די בלויע, ברייט־געעפנטע אויגן געקוקט אין די האַלב־פּאַרוואַקסענע, האָריקע און בייזע אויגן פון דעם פּראָווינץ־דאָקטאָר.

אַז איך זע אַן אמת גלויביקן ביים דאַווענען, דערמאָנט זיך מיר באַלד אויטאָמאַטיש אָט די ערשט באַשריבענע סצענע.

* * *

באַמי זיך נישט, וועלטפאַרבעסערער, צו פאַרבעסערן די נשמה פון מענש, (האָט גאָט אַליין אמאָל געזאָגט צו אַ וועלטפאַרבעסערער) ער איז אַן אינטעגראַלער טייל פון מיר. און איך בין גאָט, און אָט אַזוי בין איך, און באַמי זיך נישט אומזיסט מיך צו פאַרבעסערן.

* * *

יעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך. און אַזוי ווי אַ וועלט מוז האָבן גאָט, איז קלאָר, אַז אין יעדן מענש איז דאָ גאַנצער גאָט. דער געדאַנק, אַז גאָט קען זיין נאָר איינער, איז נישט אַבסאָלוט לאָגיש. עס קען אויך זיין, אַז צווישן גאָט און מענשן זענען דאָ מיטל־וועזנס, וואָס זענען פאַר אונז אויך דערוויל פאַרהוילן.

קען זיין, אַז דאָס זענען טאַקע מלאכים, וואָס מענשן האָבן ריין אינטו־איטיוו אויסגעפונען.

און עס איז מעגלעך אפילו, אַז צווישן מענשן אַליין זענען דאָ מלאכים, די מיטל־וועזנס צווישן נידעריקערע באַשעפענישן און גאָט. פּונקט ווי אַלע מענשן זענען מיטלוועזנס צווישן חיות און העכערע וועזנס, אפשר מלאכים. גאַנץ מעגלעך, אַז די מיטלוועזנס צווישן מענש און גאָט האָבן מענשלעכע געשטאַלטן, נאָר מיר, כאָטש מיר זעען זיי, פאַרשטייען זיי נישט.

* * *

זייער טרויעריק און זייער אמת: אין דיר, אין אונז אַלע, אין מיר איז דער אַבערגלויבן אַסך שטאַרקער ווי דער גלויבן.

שוין זינט מיין קינדהייט טראָג איך אַלעמאָל קליינע חפצים מיט מיר. זינט די לעצטע צען־צוועלף יאָר טראָג איך אַלעמאָל מיט מיר עפּיס אַ מעשן האַנט־געלענק־רייפל, ווי עס טראָגן עס די אַפריקאַנער נעגערס. טאָמער האָב איך נישט דאָס מעשל מיט מיר, ווער איך זייער אומרואיק און קער מיך

גלייך אום אהיים עס צו נעמען. אָבער דאָס פּאסירט כמעט קיינמאָל נישט, ווייל איך בין זייער פּאָרזיכטיק בנוגע דעם מעשל. ווער ווייסט צי וואָלט איך עס גאָר איבערגעלעבט, ווען איך וואָלט אזא חפץ פארלוירן.

טרויעריק, אָבער אמת: דער אבערגלויבן איז שטארקער אין אונז, ווי אונזער גלויבן; אונזערע געטשן גרעסער אין אונז, ווי אונזער גאָט.

מען זאָגט, אז דאָס געפּיל פון א פלוצלונגען פאל איידער איינשלאָפן איז אן איבערבלייבעניש פון דער צייט, ווען מענש איז געשלאָפן אויף ביי־מער . . . אזוי, גלויב איך, איז אבערגלויבן אין חפצים אן איבערבלייבעניש פון גלויבן אין געטשקעס. געצנדינער שטעקן טיף אין אונז, אין דיר און אין מיר, טיפער ווי אונזער גאָט.

* * *

נישט עקזיסטענץ־אינסטינקט — עקזיסטענץ־באוווסטזיין איז גאָט. עקזיסטענץ־אינסטינקט, ווי ביי חיות, איז א צוגרייטונגס־מדרגה צו דעם עקזיסטענץ־באוווסטזיין.

אלע נפשות, וואָס באזיצן דאָס באוווסטזיין פון דער עקזיסטענץ (די מענשהייט בכלל אָבער נישט בפרט, דאָס הייסט — נישט אלע מענשן אָן אויסנאם) זענען אינערלעך פאריייניקט. זענען איינס, זענען גאָט. זיי זענען ווי א מין נעץ פון עלעקטרישע לעמפּלעך, אינערלעך פאריייניקט מיט דראָטן, אויסערלעך — ווי באזונדערע לעמפּלעך. לעשט זיך איינס אויס צוליב אינ־דיווידועלע סיבות, לייכטן די אנדערע אומגעשטערט.

מיר באזיצן דאָס באוווסטזיין פון דער קליינער עקזיסטענץ, יעדעס לעמפּל זיין עקזיסטענץ. מיר באזיצן אָבער נישט דאָס קלאָרע באוווסטזיין פון דער גרויסער עקזיסטענץ, דער קראַפט מיט וועלכער מיר זענען אלע פאר־בונדן.

* * *

אין איינער פון די אויסטראלישע הויפּטשטעט, בשעת א שרעקליכער סובטראָפּישער היץ, בין איך אמאָל ארויס פון די כלים און ממש געשריגן אויף א ראבאי:

— איך וויל אייך בלויז אויפמערקזאם מאכן, געערטער ראבאי, אז די גאָטלאָזע יידישע סאָציאליסטן, מיט אלע זייערע, ממש מוראדיקע טעותן, האָבן מער שייכות צו גאָט און די עטישע דינים פון תנ״ך, ווי איר, צוזאמען מיט אייער קאָנגרעגעישן, אייערע שעפעלעך, מיט אייער ממזריש יארמל־קעלע אויפן שפּיץ קאָפּ און אייער בלענד־ווייס טליתל.

* * *

אז איך טראַכט וועגן דער יידישער דערפינדונג (און אפשר בלויז ווי־דער־דערפינדונג, אָדער גאָר בלויז פּאָפּולאריזירונג) פון איין־גאָט־געדאנק,

מוז איך מיך באַלד דערמאָנען אָן דעם ערשטן מענטש, וואָס האָט אויסגעפונען דאָס האַלץ־אַרויסגעריבענע, אָדער שטיין־אַרויסגעקלאַפּטע פייער. מיסתמא האָט ער מיט שרעק באַלד א שליידער געטון דאָס אָנגעצונדענע שייטל האָלץ. אפשר האָט עס א וואַלד אָנגעצונדן, אים אַליין פאַרברענט.

אויך מיר האָבן אויפגעליכטיקט א וועלט מיט דעם איין־גאָט־געדאַנק — אונזער צופעליקער דערפינדונג.

עס איז צייט צו גיין א שריט ווייטער: נישט מער די ספּעקולאַטיווע, נאָר די עמפּירישע גאָט־דערקענונג דאַרף זיין אונזער אויפגאַבע איצט, נאָך דרייטויזנט יאָר אַרומטראָגן זיך מיט אונזער געטלעכער האַלאָוועשקע. די צייט איז רייף און די מכשירים זענען שוין דאָ. די וואָס האָבן געהאַט מיט דריי טויזנט יאָר צוריק דעם מוט צו וואַרפן די גרעסערע אידעע פון איין־גאָט אין דער שוואַרצער, געצנדינערישער וועלט אַריין, דאַרפן איצט האָבן דעם מוט צו וואַרפן די קלענערע אידעע פון אָנגעשטרענגטער, וועלט־געמיינזאַמער אַרבעט אַרום דער עמפּירישער גאָט־דערקענונג. און דערקענען קען מען אים, ווייל עס איז צו קלאָר, אז ער לעכצט, ער וויל זיך לאָזן דערקענען, ווו ער קען נאָר — קומט ער אַנטקעגן און עפנט פאַרן ליכטיקן טאָג פאַרהוילנקייטן פון זיין וואונדער־וועלט. ווי יוסף מיט זיינע ברידער איז גאָט שוין מיד פון צו זיין אינקאָגניטאָ.

און אפשר — אפשר איז ער שוין מיד פון דער גאַנצער וועלט־פירונג און וויל זי שוין איבערגעבן דעם מענטש? . . .

* * *

ליבע ביי מענטשן, חוץ סעקסועלער, איז זייער א געפערלעכע דערשיינונג פאַר גאָט. אויף ווי ווייט ער קען באַקעמפט ער עס. אין דער ליבע איז דערקענונג און דערנענטערונג צו גאָט. און פאַר דער דערנעטערונג האָט גאָט מורא. אין דער דערנענטערונג, און סוף כל סוף פאַרייניקונג, מיט אים איז דאָס אויפהערן פון יעדן קאַמף און אין דעם אויפהערן פון יעדן קאַמף איז דאָס אויפהערן פון לעבן. מיט דעם אויפהערן פון לעבן וועט זיך אויפהערן די עקזיסטענץ פון גאָט. ער איז דאָך דאָס לעבן. גאָט האָט מורא פאַר דער ליבע צווישן מענטשן — ברוכטיילן פון אים אַליין — ווייל דאָס פירט סוף כל סוף צו זיין אייגענער פאַרניכטונג.

נאָר מיט איין פאָרם פון ליבע באַנוצט זיך גאָט צו זיינע צילן. דאָס איז די סעקסועלע ליבע. גאָט גייט כסדר אויף דער ליניע פון לייכטסטן ווידערשטאַנד און דערפאַר האָט ער אויסגעקליבן די סעקסועלע ליבע־פאָרם אלס מיטל פון פאַרמערונג פון אַלע נפשות.

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אז גאָט איז פאַראינטערעסירט אין דעם האַס צווישן מענטשן און נישט אין ליבע צווישן זיי. דערפון איז קלאָר,

אז נישט ליבע, נאָר האס איז דער נאַטירלעכער צושטאַנד פון באַציאונגען צווישן מענשן. און — — — (ווי איז אונז!) נישט נאָרמאַל זענען די, וואָס האָבן ליב, חוץ מיט א סעקסועלער ליבע, מענשן, בעשעפענישן און אפילו גאָט. האָט ספּינאָזא געטראַכט וועגן דעם, ווען ער האָט געשאַפן דעם גע־דאַנק פון „אמאָר דעי אינטעלעקטואליס"?

* * *

און אפשר איז אונזער לעבן מיט זיין אויף — און אונטערגאַנג נישט מער ווי א גאַנג פון כוואַליעס פון א מין ים, וואָס מיר קענען אים פּונקט אזוי ווייניק ווי די כוואַליעס קענען דעם ים. און פּונקט ווי גלייכגילטיק צו די ים־כוואַליעס מיר קוקן אויף זייער אויף־און אָפּגאַנג, אזוי קוקט גאָט אויף אונזער לעבן. ער ווייסט, אז טראָפּנס, וואָס האָבן אָט געשיינט אין דער זון וועלן אין א רגע מער נישט זיין און אין דעם אטאָמען־צוזאמענשטעל שוין קיינמאָל מער נישט פאַרקומען. נאָר וואָס פאַר א באַדייט האָט עס. כוואַליעס בלייבן און ים בלייבט אויך. און רחמנות־האָבן איז נישטאָ וואָס. און פּונקט ווי מיר, מענשן, זענען גלייכגילטיק צום געשריי פון די כוואַליעס — אזוי איז גאָט גלייכגילטיק (און מיט רעכט) צום געשריי פון דער מענשהייט, בשעת זי גייט אויף און אָפּ, אויף און אָפּ.

* * *

אין חומש, אין גאַנצן תנך, איז נישטאָ קיין גלויבן אין א יענער וועלט. אזוי ווערט אָנגענומען. אָבער אז דו קוקסט טיפער אין חומש אריין זעסטו, אז דער גלויבן איז דאָ, נור דער גלויבן דריקט זיך נישט אויס אין אן אַב־סטראַקט־פאַנטאַסטישער יענער וועלט, נור אין א ווייטער־לעבן אויף דער וועלט, אייביק לעבן אויף דער וועלט אין די קומענדיקע דורות. אין דעם ליכט ווערן קלאָר די כסדרדיקע איבערחזרונגען פון די צוזאָגן פון גאָט צו די אבות, אז זייערע קינדער וועלן ירשענען דאָס לאַנד.

* * *

וואָס עלטער א מענש ווערט, וואָס מער מענשן ער דערקענט, אלץ אומ־ברחמנותדיקער ווערט ער.

איז דאָך גאָט עלטער פון אלע מענשן פון דער וועלט — און מענשן קען ער מער ווי יעדער, היינט ווי קענסטו דערוואַרטן רחמנות פון כביכול?

גאָט ליידט ניט פון דעם גרעסטן טייל פון די מענשלעכע אפעקטן. ער איז קיינמאָל נישט הונגעריק, נישט דורשטיק, עס איז אים נישט קאַלט און עס איז אים נישט הייס. אזוי זעט עס אויס. ער באַזיצט אטריבוטן, אָבער עס באַזיצן אים נישט קיין אפעקטן.

אָבער עס איז קלאָר, אז עס איז דאָ איין אפעקט, פון וועלכן גאָט ליידט, פונקט ווי די מענשן ליידן. דאָס איז דער אפעקט פון מאכט־שטרעבן, מאכט־באזיץ און מאכט־ווילן.

אויב אזוי קומט דאָך אויס, אז מאכט־ווילן איז דער איינציקער געט־לעכער אפעקט אין אונז . . .

עס איז מער ווי טרויעריק, אָבער אזוי זעט עס אויס.

* * *

ווען גאָט וואָלט געוואָלט, וואָלט ער דאָך געקענט שאפן דעם מענש מיט א פארטיקן און קלאָרן גאָט־באגריף. פונקט אזוי ווי דער מענש איז באשאפן געוואָרן מיט אן אפאראט צו זען די זון, דעם גאנצן אוניווערס, האָט ער דאָך געקענט באשאפן ווערן פון זיין באשעפער מיט אן אפאראט צו זען גאָט.

איז ער אָבער באשאפן געוואָרן מיט דעם דעפעקט — נישט צו קענען זען גאָט. אפילו נישט צו קענען אים באגרייפן.

און אויב אזוי איז דאָך דייטלעך קלאָר די געטלעכע כוונה אין דעם זין.

פונקט ווי א קעסטל, וואָס איז געמאכט געוואָרן פון א סטאָלאר אָן א פענסטערל — קען קיינמאָל נישט ליכטיק ווערן אזוי לאנג ווי דער סטאָלאר (אָדער אן אנדערער סטאָלאר און קיין „אנדערער גאָט" איז דאָך נישטאָ) וואָס האָט עס געמאכט, וויל נישט; אזוי לאנג וועט עס אויך נישט ליכטיק ווערן אין דער נשמה פון דעם מענש ווי לאנג דער גאָט, וואָס האָט אים געשאפן, וועט עס נישט וועלן. סאידן אן איבערגאָט וועט באפעלן.

אונזערע מענשלעכע האָפענונגען צו דערזען און פארשטיין גאָט זענען זייער מינימאלע.

* * *

די סובסטאנץ, ווי ספינאָזא רופט זי, און גאָט, ווי די גלויביקע רופן אים, איז לויט זיין נאטור אָן שום געפיל, ממילא אָן שום רחמנות.

אונזער שטארבן איז אים אזוי לאנגווייליק, ווי דאָס אויף און אָפּ פון די כוואליעס אין די גרויסע ליכטיקע אויגן־פענסטער פון א לייכטטורם . . .

אונזער קאמף קעגן טויט מאכט אים פאראינטערעסירט, וועקט אים אויף, שפאנט אים. ער פילט אין דעם אן אויפשטאנד קעגן זיך.

חברים, מענשן, גיט נישט אויף אייער אייביקן קאמף קעגן טויט! איר וועט סוף כל סוף דעם קאמף געווינען. אסך שלאכטן אין דעם קריג האָט איר שוין געוואונען. זיג אין דער מלחמה וועט זיין דערקענען גאָט. באזיגן טויט — דערקענען גאָט — איז איינס.

* * *

פאר קראנקע, פארשטאָפּטע מאָגנס— דאָס בעסטע מיטל: ביטערוואסער.

פאר קראנקע, פארשטאָפּטע נשמות — דאָס בעסטע מיטל: זיסוואסער פון רעליגיעזע צערעמאָניעס.

דער טיפסטער סוד פון דער וועלט איז א מאטעמאטישער, די רעטעניש וואס פון איינס ווערט צוויי, פון צוויי — פיר, און אזוי ווייטער. דאס וואס פון איינס ווערט צוויי פון דער נאטור אליין, אדער ריכטיקער פון צוויי — אסך (מיקראבן — צוויי, מענשן א צענדלינק, הייושעריקן א הונדערט א. א. וו.), אט דאס אנטהאלט דעם געטלעכן סוד. דער סוד פון גאט ליגט אין דעם סוד פון דער מאטעמאטיק. מיר קענען דאך נאר די אויסערלעכע געזעצן אירע, אבער נישט די אינערע. וואלטן מיר דערקענט דעם אינערלעכן סוד פון דער מאטעמאטיק, איר אינערלעכן, אמתן מעכאניזם — וואלטן מיר דערקענט גאט. — ווען פון איינס וואלט געווארן נאר איינס און אן אכטל — אדער עפיס ענלעכס — וואלט די וועלט אבסאלוט אן אנדער פנים געהאט. גאט איז דער ערשטער עלעקטראן. זיין אוניווערס האט זיך אנגעהויבן אין דער רגע ווען פון דעם ערשטן עלעקטראן זענען געווארן צוויי.

* * *

רעליגיע איז א פאפולערע טאשן־פאלקס־אויסגאבע פון דער פילאזא־פיע. נישט זעלטן איז אט די טאשן־פאלקס־אויסגאבע דורך ביליקע, ציניש־ע פאפולאריזאטארן אזוי פארשונדעוועט ווי א „טרוימביכל״ — און האט שוין קיין זכר מער נישט פון זיין מיסטיש־פילאזאפישן אנהויב.

* * *

אפט וועט איר אין פארצווייפלטע מאמענטן הערן א מענשן זאגן: נישטא קיין גאט אויף דער וועלט.

געוויינטלעך זאגט דער מענש אזא מין באמערקונג זייער הויך — און אין געדאנק אפילו נאך העכער. אזוי הויך, אז נישט נאר מענשן, נאר אויך גאט זאל דערהערן . . .

אין די ווערטער „נישטא קיין גאט אויף דער וועלט״ דריקט דער מענש אויס נישט נאר זיין טיפן גלויבן אין גאט, נאר אויך זיין גלויבן, אז גאט איז ממש צו דער האנט. אזוי נאענט איז ער — און ער וועט דערהערן די ווער־טער פון צווייפל אין זיין עקזיסטענץ, און וועלנדיק זיך רעהאביליטירן, וועט ער אפשאפן די סיבה, וואס האט ארויסגערופן דעם אויסגעשריי: נישטא קיין גאט אויף דער וועלט —

* * *

ספינאזא האט זיך דערטראכט צו צוויי געטלעכע אטריבוטן פון די אומ־צאליקע, וואס גאט פארמאגט. דענקען און אויסשפרייטונג. אין פשוט לשון: גייסט און מאטעריע. צו קיין דריטן אטריבוט פון גאט, אדער דער סובסטאנץ, האט ער זיך נישט דערטראכט. איך מיין, אז דער נאענסטער, דריטער, אט־ריבוט איז: געפיללאזיקייט.

* * *

אנדערש וואָלט גאָר אוממעגלעך געווען צו פאַרשטיין די גאַנצע פירונג פון דער וועלט.

אָדער די אָרגאַנישע וועלט איז נאָר א שטיף־וועלט צו גאָט.

אָדער גאָט איז נאָר א שטיף־גאָט צו אָט דער וועלט, דער אָרגאַנישער.

קיין נאָענטע, ערשטע קרובים זענען זיי זיכער נישט. אזיסט וואָלט ער זי נישט אזוי בייז באהאנדלט. א בליק אין די שטערן, א טיפערער טראַכט וועגן זיי איבערצייגט דיך באַלד, אַז די ריין פיזישע וועלט, אַן אָרגאַניש לעבן, ווערט פון גאָט בעסער באהאנדלט.

* * *

און אויב זי איז אפילו א דורכויס פיזישע וועלט — אונזער וועלט — גלויב איך אָבער דאָך, און מען קען דאָך אנדערש נישט גלויבן, אז מיט דער הילף פון גייסט וועט דערגאַנגען ווערן איר סוד. אפשר איז גאָט אין דער באַשאַפונג פון מענש, אין מענש — ריכטיקער, אליין ערשט באַוווסטזיניק געוואָרן. נישט קיין אינדיווידועו זענען מיר. וואָס מיר קומען אלץ וואַכער צום גאָט־באַוווסטזיין, צום וועלט־דערקענען, אַטאָמען פון גאָט זענען מיר נאָר, באַוווסטזיניקע אַטאָמען פון דער גאָט־עקזיסטענץ. מיט דער קולטור און ציוויליזאַציע אין אונז — וואַקסט, ווערט גרעסער, ווערט רייפער — גאָט.

* * *

וואָס מער מיר מענשן וועלן זיך מישן אין די געטלעכע אינטערעסן פון פירן די וועלט, אלץ ערגער וועט עס אונז זיין. זעט — דאָס לעבן פון די מוראַשקעס, אין פאַרגלייך מיט אונזערן, איז דאָך א גן עדן ממש. און נאָך אלע זאַכן זענען קוואַנטיטאַטיוו און פילאָזאָפיש זיי, און נישט מיר, די באַפעלקערונג פון דער וועלט. און זעט — זיי מישן זיך אבסאָלוט נישט אין די ענינים פון גאָט. זיי זענען עלטער פון אונז, ממילא דערפאַרענער און קליגער; זיי וועלן אונז זיכער איבערדויערן, אפשר וועלן מיר סוף כל סוף ווי זיי ווערן, לאָמיר זיך נעמען א מוסטער פון די מוראַשקעס.

* * *

די ערשטע פאָרם פון דער וועלט איז א קרייז, דאָס ערשטע געזעץ — גראַוויטאַציע און גראַוויטאַציע איז, טיפער פאַרשטאַנען, ליניע, גלייכע ליניע. קרייז און ליניע זענען די קאָנטורן פון די פאָרמען פון גאָט, זיין פיזיש פנים.

* * *

דריי־אייניקייט פון דער וועלט: היץ, קעלט, שטאָף —

היץ און קעלט קעמפן מיט זיך אַן אייביקן קאַמף אויף דעם אייביקן קאַמף־פעלד פון שטאָף.

* * *

אויב עס איז דאָ א גאָט, האָט דאָס נאָרמאַלע — אזויצוזאָגן — גלויבן אין גאָט מיט דער הילף פון דער רעליגיע קיין שום שייכות נישט מיט גאָט. דער גאָט איז בלויז דער גאָט פון די רבנים און גלחים און זייערע נאָכפאָלגערס, אָבער נישט דער גאָט פון דער וועלט. גאָט אנטפּלעקט זיך נור אוממיטלבאר. גאָט איז אבסאָלוטע ליבע — און ליבע אנטפּלעקט זיך אוממיטלבאר אָדער גאָרנישט.

* * *

איז גאָט אינטעליגענט? און אויב יאָ, איז עס פון אזא מין וואָס א מענש קען פארשטיין? האָט אינטעליגענץ בכלל א שייכות צו גאָט? אויב יאָ, זענען דאָך אין אונז גאָט־פראַגמענטן און דערפאר קענען מיר טאַקע אים נישט דערזען, פונקט ווי א שפיגל קען זיך אין זיך נישט שפיגלען, א וואַסער קען זיך נישט טרינקען. און אויב נישט — האָט דאָס דאָך בכלל קיין זין נישט צו זוכן גאָט מיט מענשלעכער אינטעליגענץ. מעגלעך, אז נור דערפאר קענען מיר גאָט נישט געפינען ווייל מיר האָבן אים שוין געפונען.

* * *

איך האָב געלעזן פּאָפּולערע אסטראָנאָמישע ביכלעך און זשורנאַלן. פּאָכ־מענישע קען איך דאָך נישט פארשטיין. עס איז מיר איינגעפאַלן, ניין, עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אז אין בעסטן פאַל איז די גאַנצע וועלט נישט מער ווי א באַלעם־שפּיל פון גאָט, טאַקע זייער ענלעך, אין תוך, צום באַלעם־שפּיל פון קינדער. די איינציקע זאַך, וואָס גיט דעם געטלעכן שפּיל די גרויסע חשיבות — זענען די גוואַלטיקע צייטשטרעקעס און קאָלאָסאַלע דימענזיעס פון זיינע באַלעמס און פון דעם שטח אין וועלכן ער שפּילט זיך מיט זיי.

* * *

מיט דער הילף פון ראַדיאָ און פון אוויאַנען האָלט דער מענטש ביים ארויס־רייסן א סוד פון דער נאַטור, פון גאָט. האָט זיך גאָט דערשראָקן און אָנגע־הויבן באַלד א מוראַדיקן קאַמף, אויף לעבן און טויט, מיט דעם מענש — טאַ־קע מיט דער הילף פון די זעלבע צוויי סודות, וואָס מען האָט פון אים ארויס־געריסן. נאַטור אָדער גאָט האָט זיך שוין נישט איינמאָל פאַר דעם מענש דערשראָקן און האָט זיך א וואָרף געטון אויף אים ממש מיט די פויסטן, ווי אין דער צווייטער וועלטן־מלחמה. אין תנ״ך האָט דאָס א נאָמען געהאַט: מבול. אָבער דער מענש איז פאָרט אַלעמאָל ארויפגעשווומען פון אויבן. אזוי וועט ער אויך איצט — אויף דעם מבול פון בלוט. אין קאַמף פון מענש מיט גאָט בלייבט אַלעמאָל דער מענש — דער זיגער. ער געווינט אַלע שלאַכטן — וועט ער אויך געווינען די מלחמה?

* * *

ווען גאָט וואָלט אויסגעזאָגט דער וועלט זיין אייביקן סוד וועגן אייביקן לעבן און וועגן אומקערן זיך פון די נשמות, וואָלט דאָך די וועלט אין יענער רגע לחלוטין שטיין געבליבן און וואָלט זיך מער פון אָרט נישט א ריר געטון. דערפון איז צו דרינגען, אז מיר וועלן דעם סוד קיינמאָל נישט דערגיין. דאָס אויסזאָגן אונז דעם סוד וואָלט געווען א פולע סתירה צום גאנצן וועלטבאשאף און וועלטגאנג און דאָס וועט גאָט קיינמאָל נישט טון.

* * *

אויב עס איז דאָ ערגעץ א וועג צו גאָט צוריק, צום גאָט־פארשטיין, פירט דער וועג דורך דיין מאמען, דעם דורכאויסיקן פארשטיין דיין מאמען. אירע הויפּטאטריבוטן זענען גאָטס אטריבוטן.

* * *

אָט אזוי מיינען מיר אלעמאָל טעותדיק, אז דורך דער אנטוויקלונג פון אונזער גייסט און גוף האָבן מיר זיך דערנענטערט צו גאָט און מיר האָבן רחמנות אויף די נידעריקערע באשעפענישן, אויף די חיות, אויף די שטילע ביימער. דער אמת איז אָבער, אז צוליב אונזער גייסט דערווייטערן מיר זיך פון גאָט, פארזעלבשטענדיקן מיר זיך; און וואָס זעלבשטענדיקער, אלץ ווייטער פון גאָט. און די ביימער זענען אוממיטלבארער און ממילא נענטער צו גאָט און ווייסן נישט־וויסנדיק דאָך פיל מער פון זיינע סודות.

* * *

מיר קענען נישט פארשטיין די מולטיפּליקייטן פון גאָט ווייל די וועלט איז פשוט צו גרויס פאר אונז. אין קוואָנטום צו גרויס. פארגלייך די מעגלעכ־קייטן און חילוקים צווישן מענש און חיה אין קוואָנטום און דו וועסט בעסער פארשטיין די מעגלעכקייטן פון גאָט. די קוואַליטעט איז די זעלבע ביי מענש, גאָט און חיה.

* * *

געצנדינעריי איז גאָרנישט אזוי אומזיניק ווי עס דאכט זיך אויס. דו זאָלסט קיינמאָל נישט פארגעסן, אז דער מענש, וואָס האָט דערפונדן די געצן, איז געווען נענטער צו גאָט — אין צייט — ווי דער מענש, וואָס האָט פאר־וואָרפן דאָס געצן־דינען. קען זיין, אז עס זענען פארהאנען גרויס־געטער און קליין־געטער. פיזישע געטער און גייסטיקע געטער. קען זיין אז פיזישע געטער זענען דאָ אסך און א גייסטיקער נאָר איינער. און קען אויך זיין פונקט פארקערט. אוודאי איז די ביז איצטיקע געצן־דינעריי, וואָס מיר קענען זי פון דער קולטור־געשיכטע, געווען א קליין־געצן־דינעריי. עס קען אָבער זיין, אז מיר וועלן סוף כל סוף פארענדיקן אין א גרויס־געצן־דינעריי.

* * *

אלע זענען מיר גאָט־פראגמענטן, וואָס זענען צוליב סיבות ארויסגע־שווומען אויף דער אויבערפלאך. מיר שטארבן נישט — מיר קערן זיך נאָר

אום. מיר זענען ווי די עלעקטרישע לעמפלעך. מען צינדט זיי אָן — מען ברענגט ארויס אַנזעעוודיק די קראַפט. מען לעשט זיי אויס — די קראַפט גייט צוריק צו איר קוואל, זי פארשווינדט נישט, זי קערט זיך נאָר אום. אונזער זכרון צעפּלאָנטערט אונז. וואָלטן מיר געלעבט בלויז מיט אינסטינקטן — וואָלטן פאר אונז די זאכן פיל קלערער געווען. זכרון איז נור א שטעקן אין די רעדער מיט וועלכע מיר באוועגן זיך אלץ שנעלער און שנעלער צו דער דערקענטעניש פון גאָט.

* * *

וואָס איז דען דער גלויבן פון די גלויביקע? נישט מער ווי דער גלויבן אין ווייטער־עקזיסטענץ. און איך גלויב פשוטער; איך גלויב, אז די וועלט איז שוין יענע וועלט, מיינע מיטמענשן שוין נשמות פון יענער וועלט. פון אלע ביז איצטיקע וועלטן. די זעלבע אַקטיאָרן, די זעלבע בינע. עס בייטן זיך נור די דעקאָראַציעס, דער גרים, דאָס שפּילשטיק. אלץ איבעריקע איז אייביק. און נאַטירלעך אז אייביק איז דער דירעקטאָר־רעזשיסער־מחבר אין איין . . . פערזאָן.

* * *

פארוואָס פארשאפט אונז נישט קיין נחת דאָס גוטע פּונקט ווי דאָס שלעכ־טע ? עס איז דאָך נישט מער ווי קאָנטראַסט. גאָט האָט נחת פון ביידע — פון שלעגער און פון געשלאָגענעם. ער האָט נחת פון דעם ריטם פון גוטס און שלעכטס. דאָס איז אפשר דער גאנצער סוד פון דער נאטור. מיר נעמען זי אויף צו איינזייטיק; לויט אונזער נאטור. אָבער דאָס איז א פאלשע אויפ־פאסונג. — איז אָבער „דער נאָר אונזערער" — און מיר קענען דעריבער נישט זיין אנדערש.

* * *

דער גרויסער סוד פון זיין און נישט זיין אין דער וועלט וועט זיך אזוי פשוט אמאָל אנטפלעקן ווי דער סוד פון א קינדערשן קאליידאסקאָפּ. און אזוי אנטוישט ווי דאָס קינד וועלן אויך מיר בלייבן. אָט צוליב דעם אָ האָט עס געלוינט צו צעברעכן דעם שיינעם, מיט אזויפיל פארבן שפּילנדיקן, קאליי־דאָסקאָפּ ?

* * *

פאר אלעם גוטן זאָרגט זיך גאָט. פאר אלעם שלעכטן — דער מענש. גאָט שטעלט צו דעם ערשטן עלעמענט, דער מענש דעם צווייטן. אזוי ארבעטן מיר האנט אין האנט און באשאפן דאָס לעבן.

* * *

אין 17טן יאָרהונדערט, אין מזרח־אייראָפּע, די צייטן פון נתן נטע האנאָ־ווער, איז דאָס פּנים פון מענש פארשעמט געוואָרן — אין 20טן יאָרהונדערט, איבער דער גאנצער וועלט — אויך דאָס פּנים פון גאָט.

* * *

איך האָב אמאָל אין מיין קינדהייט געזען ווי א פויער האָט ארייננגעשטופּט אין איין זאַק א הונט מיט א קאַץ און האָט זיי געטראָגן ביידע אויף די פּלייצעס צו א טייך צום דערטרענקען. דאָס באַרען זיך פון די צוויי אומגליקלעכע באַשעפענישן אין דעם פינסטערן זאַק האָט אויף מיר געמאַכט אן איינדרוק אויף מיין לעבן לאַנג. און ווי אָפט איך לעז דעם תנ״ך — אזוי אָפט דערמאָנט זיך מיר יענער גרויזאַמער קאַמף אין פּויערישן זאַק. אזוי באַרען זיך בלינד גאָט מיט געטש מיט מענטש אין דעם זאַק פון דעם דאָזיקן מוראַדיק בלינדן בוך, דעם דאָזיקן מוראַדיקן און גרעסטן בוך — נישט נאָר ביז דער צייט, ווען עס איז אויפגעשריבן געוואָרן — נאָר אפשר עד סוף כל הדורות.

* * *

איך גלויב —

איך גלויב אין גאָט — ווי קען איך דען אנדערש, איך בין דאָך א ייד.

איך גלויב קריטיש — ווי קען איך דען אנדערש, איך בין א ייד.

איך גלויב אין גאָטס נביאים, און אויך קריטיש, ווארום אויך זיי האָבן קריטיש געגלויבט. אומקריטישער גלויבן איז דאָך געצנדינסט, און געצנדינסט איז דאָך אוודאי נישט יידיש.

איך גלויב אין די נביאים פון תנך און אין נביא פון ברית חדשה. אָבער אין אים צום קריטישסטן, ווייל זיין תורה האָט לחלוטין נישט אויסגעהאלטן די קריטיק פון דער ווירקלעכקייט.

איך גלויב אין ספּינאָזא, אין מאַרקס, אין פרויד, אין איינשטיין, אין פּרץ. איך גלויב אויך אין דעם, וועמעס נאָמען איך רוף נישט אָן ווייל ער איז נאָך נישטאָ, אָדער שוין דאָ און מיר קענען נאָך זיין נאָמען נישט.

איך גלויב, גלויב — אָבער וואָס פאַר א גלויבן איז דאָס, אויב ער איז כסדר קריטיש?

עס איז א פראַגע פון א וואָרט. אפשר פּאַסט זיך דאָ ״טאַקע אן אנדער וואָרט. אפשר: איך בין פאַרגלויבט אין — —

* * *

א וואָרטזאָגער (דיכטער, שרייבער) וואָס רעגולירט זיינע באַציאונגען צו מענטשן לויט זייער באַציאונג צו אים איז נישט מער ווי א האַנטווערקער. דעם נאָמען גאָט טאָר ער קיינמאָל נישט דערמאָנען, ווייל אויך גאָט רעגולירט נישט זיינע באַציאונגען צו מענטשן לויט זייערע באַציאונגען צו אים.

אָט אין די שטעכווערטלעך לגבי גאָט איז דאָ די גאַנצע מענטשלעכע שיפלות און נעבעכדיקייט.

* * *

אייביק איז דער קאַמף צווישן מאַן און פרוי, גייסט און מאַטעריע, נשמה און גוף, ייד און גוי, ירושלים און רוים, וואָרט און פליש, אינהאַלט און פאָרם, טאָג און נאַכט, ליניע און קרייז, גאָט און מענטש —

אומענדלעך ווי די אטריבוטן פון גאָט זענען די מאָדוסן פון קאמף. אפילו צווישן די ערשטע צוויי אטריבוטן — געדאנק און אויסשפרייט לויט ספינאָזא — איז דאָך אייביקער קאמף. אלע קאמפן זענען דאָך טאקע בלויז מאָדוסן פון קאמף צווישן די צוויי אטריבוטן.

און דאָך איז ערגעץ דאָ פארשריבן א לעצטער קאמף. א קאמף אָן א זיג, אָן אן אנטשיידונג.

דערפון דרינגט?

דערפון דרינגט, אז אין יענעם מאָמענט ווען די צוויי אטריבוטן וועלן אויפהערן צו קעמפן וועט גאָט ווידער בלייבן אָן מאָדוסן, בלייבן אזוי ווי ער איז געווען איידער די וועלט איז באשאפן געוואָרן. וועט די וועלט ווידער ווערן איינס, אן עקזיסטענץ, אָן לעבן — בלויז זיין.

איז שוין אפשר בעסער פאר אונז, מענשן, אָט דער אייביקער קאמף.

* * *

איך גלויב — און ווי לאנג איך וועל קיין קעגנבאווייזן נישט האָבן, וועל איך גלויבן — אז די מענשהייט פון מיין וווין־פלאנעט — כלל און יחיד צו־גלייך — איז דער אינטעליגענטסטער באשאף פון גאנצן אוניווערז. אז די מענשהייט בכלל און יעדער מענש בפרט זענען די אינטעליגענטסטע וועזנס, ממילא די גאָטנאָענטסטע.

אן אלטער געדאנק.

נישט אומזיסט פילט יעדער מענש אזוי פעסט אין זיך, אז ער איז דער צענטער פון דער וועלט. ער איז עס טאקע.

סאידן דו האָסט קעגנבאווייזן.

* * *

איך גלויב, אז דאָס גלויבן אין איין איינציקן גאָט איז צייטווייליק. א צייטווייליקע מדרגה פארן לעצטן אמת וועגן וועלט־באשאף און סוף.

איך גלויב אזוי ווייל איך וויל מיך וואָס מער דערווייטערן פון די געצן־דינער, וואָס האָבן געמיינט, אז זייער אמת איז דער לעצטער.

א מענש, וואָס גלויבט, אז זיין איצטיקער אמת איז דער לעצטער, איז א געצן־דינער.

* * *

אוודאי זענען די רעליגיעזע יידישע צערעמאָניעס שיין. קיין חוק ולא יעבור זענען זיי נישט. איך קען מיך אָן זיי לחלוטין באגיין. און אויב איך פּראַקטיקיר דאָ און דאָרט איינע פון זיי, איז עס באָר לשם דער שטייגערישער יידישער קליין־קולטור אין וועלכע זיי האָבן זיך פארוואנדלט. צו דער עטישער יידישער גרויס־קולטור האָבן זיי מער קיין שייכות נישט. די צערעמאָניעס, ווי בכלל דער גאנצער יידישער רעליגיעזער ארום־און־ארום זענען שוין לאנג,

לאַנג אַרויסגעפֿאַלן פֿון ייִדישן גרויס־אוצר, עטישן גרויס־אוצר, זײַ זענען שוין לאַנג אויסגעביטן אויפֿן טעגלעכן שטייגער־קליינגעלט. באַלאַנגען צו אונזער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט, נישט מער פֿאָלקשאַפֿט.

פּראַקטיקירן זײַ מיט אַ שמייכל — אוודאי גוט. פּראַקטיקירן זײַ מיט אַ שטרענגער מינע פֿון אַ כּהן, אָדער אַ נבֿיא — קאָמיש.

זײַ זענען נישט מער קיין סיג לתּורה, נייערט אַ סיג ל׳ייִדישקייט, אַ צוים וואָס לאָזט עס נישט אַנטוויקלען זיך, גיין פֿאָרויס, וואָס אַט דאָס איז ייִדישער ווי אַלע, אַלע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

* * *

פּראַקטיק, רוטין — גאָר וויכטיקע זאַכן אין דער וועלט. אין הילכות גאָט־זוכן האָבן מיר ייִדן די גרעסטע פּראַקטיק און רוטין, און אפֿשר דער־פֿאַר, טאַקע דערפֿאַר, נאָר דערפֿאַר וועלן מיר ברענגען דער וועלט דעם לעצטן גאָט־געדאַנק. און דעמאָלט וועלן מיר נישט אומזיסט האָבן געבויגן דרײַ און אַ האַלב טויזנט יאָר אונזער רוקן אונטער דער לאַסט פֿון איין־גאָט־געדאַנק.

* * *

ייִדן זענען דאָס גאָט־זוכנדיקע פֿאָלק צווישן די פֿעלקער. צופֿאַל? נישטאָ קיין צופֿאַל. גורל? ס׳איז דאָ אַ גורל. שליחות? גורל איז גורם שליחות.

אַ קליינער מיעוט זענען מיר צווישן די פֿעלקער פֿון דער ערד. דאָס גאָט־זוכנדיקע פֿאָלק.

אָבער נישט גרעסער איז אויך דער מיעוט פֿון די גאָט־זוכער ממש אין אונזערע אייגענע רייען. אפֿשר איינער צו הונדערט. אפֿשר נאָך ווייניקער.

מיעוט בתּוך מיעוט. אָבער עס גייט נאָך ווײַטער. אויך צווישן די גאָט־זוכער זענען נאָר עטליכע, וואָס זוכן אים אויף אַן אמת. קומט דאָך אויס, אַז אויף אונזער גאַנצן פּלאַנעט זענען דאָ נאָר עטלעכע ליכטיקע פֿינטעלעך. אַזוי וואָלט עס געווען ווען צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט וואָלטן נישט אויך געווען — אין יעדן פֿאָלק — צו עטלעכע אויפֿריכטיקע גאָט־זוכער. דאָס זענען די פֿאַרבלאָנזשעטע ייִדן. מען קען זאָגן דאָס וואָרט און אַזוי זײַ רופֿן, מחמת זײַ אַליין רופֿן זיך אַזוי.

* * *

אויף אַ לוויה אַ ייִדישער אין אַמעריקע איז מיך אַמאָל באַפֿאַלן אַ רציחה אויפֿן רבֿ, וואָס האָט פּונקט געהאַלטן די דרשה איבערן אָפֿענעם אָרון און איך האָב אים ממש דורכגעשטאָכן מיט די אויגן. איך האָב באַמערקט ווי ער מיט זיך אויסצוציען די ווערטער כּדי אויסצופֿילן די 15 מינוט צײַט, וואָס מען האָט בײַ אים געקויפֿט. טראָפּנס שווייס, ווי קליינע טרערן, זענען אַרויס אויף זײַן שטערן אונטער דער קאָמישער רבֿ־ראַביי־יאַרמלקע.

און פּלוצלונג האָב איך אַלץ דערזען אין אַ קאָמישן ליכט, און באַלד ווידער איז מיך אַ רחמנות באַפאַלן אויף דעם ייִד. וואָס וויל איך דען פון אים, די יאַרמלקע איז דאָך דער זשלויב ביי וועלכן ער, זיין ווייב און זיינע קינ־דער שטייען און האָבן געבעך פּרנסה. איך האָב געקוקט און געקוקט און אַ געלעכטער האָט געצוקט אין מיר מחמת איך האָב שוין מער נישט געזען קיין יאַרמלקע אויף זיין קאָפּ נאָר אַ זשלויב און אַן איבערגעקערטן דערצו . . .

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ מיט גאָט — ווער קען עס מיר זאָגן?

* * *

אין מהות פון יעדער רעליגיע איז שליחות, וועלן זיך אויסשפּרייטן. אזיסט רעדוצירט זי זיך צו אַ שבט־גלויבעניש, אַ געצן־דינסט. מחמת גאָט און גאַנצע וועלט איז דאָך איינס.

וואָס פאַר אַ נאָנסענס צו זאָגן, אַז די ייִדישע רעליגיע איז אין תוך נישט מיסיאָנעריש.

זי איז עס. נישט אָבער אין זינען פון די פּאָפּולערע קריסטלעכע מיסיעס. זי פּראַקטיקירט נישט דאָס מגייר זיין גוים. זי וויל זיי בלויז דורכדרינגען מיט אירע אידייען. זי אימפּאָרטירט נישט קיין נשמות, זי עקספּאָרטירט זיך אַליין אין די נשמות אַריין.

* * *

אַ פיר־איינִיקייט פון פיר גרויסע סודות איז גאָט.
סוד פון אין סוף אין חלל.
סוד פון אין סוף אין צייט.
סוד פון טויט.
סוד פון איך.

אין דער זעלבער רגע ווען איינער פון די פיר סודות וועט אַנטפּלעקט ווערן — וועלן זיי אַלע אַנטפּלעקט ווערן.

קענסט עס זען מיט די אויגן: די פיר סודות זענען ווי די פיר פיס פון אַ שווערן טיש.

קוים הויבסטו איינעם פון זיי אַביסל אונטער, האָסטו אין דער זעלבער רגע אַלע אונטערגעהויבן. פּלוצלונג וועט איינער פון די פיר סודות ליגן אַן אַנטפּלעקטער פאַר אונז. און מיט דעם איינעם — אַלע איבעריקע דריי.

* * *

אין דער ייִדישער אור־רעליגיע איז קיין משיח־וויזיע און קיין יענע־וועלט־וויזיע נישט געווען. אַלץ — דאָ. יענע וועלט איז געווען די וועלט פון די קומענדיקע דורות. דערפאַר דאָס אַזוי אָפּטע צוזאָגן: איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, איך וועל דיר געבן דאָס לאַנד. אין די קינדס־קינדער איז געווען יענע וועלט. און יעדער קומענדיקער מענש — משיח.

אַז דאָס לאַנד איז אַוועקגעשוווּמען פון אונטער די פיס און די אמתע יע־בע־וועלט איז צעקרישלט געוואָרן, האָט מען זיך ווידער געמוזט נעמען צו אַן אויסגעטראַכטער יענער וועלט, אַן אויסגעטראַכטן משיח.

* * *

זיגמונד פרויד גלויבט און באַווייזט, אַז משה איז נישט געווען קיין ייד לויט זיין אָפּשטאַם. ער כאַפּט זיך אַביסל צוריק און ער טרייסט: יאָ־ייד אָדער נישט־ייד זענען דערוויַיל נאָר היפּאָטעזן, זיכער אָבער איז, אַז די טרעגער פון משהס אידייען זענען די יידן געווען. דאָס קען קיין שום טעאָריע פון דעם יידישן פאָלק נישט מער אָרויסרייסן. דאָס זענען געשיכטלעכע אמתן.

משהס אויפּטו איז געווען אין וואָרט — הייסט עס. דער אויפּטו פון די יידן — די טאַט.

די נשמה פון וואָרט איז די מעשה — זאָגט דער הייליקער יאַקאָבוס.

וואָרט, מעשה, וואָרט־און־מעשה. דריי גאַנגען אין דער וועלט. נישט דער ערשטער, נישט דער צווייטער, דער דריטער דאַרף זיין דער יידישער גאַנג. מעג אַפילו דער אָנהויב פון דעם גאַנג האָבן געווען — לויט פרוידן — בלויז מעשה.

* * *

דער לעצטער, ריכטיקער: דער ערשטער, גאָטגעדאַנק, דער אמתער, וועט זיין אַזוי פּראָסט און פשוט און קלאָר לגבי דעם איצטיקן מאָנאָטעאיסטישן, ווי ער אַליין איז געווען לגבי דעם פּאָליטעאיסטישן געדאַנק.

.1917—1947

מעדיטאַציעס וועגן יידישקייט און אַנטי־יידישקייט

* * *

צען אַפּאָלאָגעטישע ווערק פון אַ דיכטער וועגן זיין פאָלק און איין קריטיש און שטראָפנדיק ווערק. די אַפּאָלאָגעטישע וועלן אָפּפאַלן ווי אַרבעס פון אַ שטיינערנער וואַנט — דאָס קריטישע וועט בלייבן ווי אַ דאָרן אין לע־בעדיקן פלייש.

אין דעם זינען איז דער תנ״ך אַ מאָדנע בוך. פון איין זייט איז עס פול מיט „אויסדערוויילט פאָלק״ און פון דער אַנדערער זייט איז עס פול מיט האַרבסטער שטראָף.

און אָט דאָס איז טאַקע דער סוד פון דער גרויסקייט פון תנ״ך און פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק. וואָלט דער תנ״ך געווען בלויז אַן אַפּאָלאָגעטיש בוך, וואָלט דאָס פאָלק מער קיין פאָלק נישט געווען און זיין ביבל מער נישט קיין לעבעדיק בוך.

און דאָך פארמאכט מען איינעם היינט אזוי ברוטאל דאָס מויל, אויב מען וואגט נאָר צו זאָגן א קריטיש וואָרט וועגן דעם אייגענעם פאָלק — און דער עיקר וועגן דעם יידישן פאָלק.

* * *

גוטע גוים האָבן פיינט יידן, וואָס אנטלויפן צו זיי פון זייער יידישקייט אוועק.

זיי זיינען — מיט רעכט — חושד, אז די אנטלויפנדיקע יידן באהאלטן עפּיס אויס ביי זיי, פארוואנדלען זיי אין אוניווערסאלע גנבה־פּאסערס.

* * *

א בייזוויליקער עסטרייכישער דייטש, וואָס איז געווען מיט מיר אין ווין באפריינדעט, (געארבעט צוזאמען אין איין באנק) האָט מיר אמאָל געזאָגט:

— פארוואָס האָבן די טעכניקער אויסגעטראכט נאָר א בליץ־אפּלייטער, פארוואָס האָבן זיי אויך נישט אויסגעטראכט קיין יידס־אַפּלייטער? באוויזט זיך א ייד אויפן האָריזאָנט — באלד אין דער ערד אריין מיט אים — און אויף דער ערד וואָלט פונקט אזוי ווייניק יידן־פּראָבלעם געווען, ווי עס איז דאָ דונער־פּראָבלעם . . .

— נישט געזאָרגט הער שט. — האָב איך מיין דעמאָלטיקן פריינט גע־ענפערט — זיי טראכטן שוין וועגן דעם, די טעכניקער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1915 אין ווין.

* * *

דאָס איינציקע פאָלק אין דער וועלט, וואָס האָט נישט גענוג די ווערט צו זיין יידן — זענען די יידן אליין.

ווילט מיך פארשטיין : זיין א ייד איז נישט א לאדע וואָס, דאָס איז א גרוי־סער כבוד, א קלייניקייט: צו זיין ייד. צו טראָגן אזא כבוד מוז מען באזיצן א ים מיט נאטירלעכן טאקט און ווערדע־געפיל. און לאָמיר זיך נישט נארן — מיר האָבן עס נישט. נייןן, מיר זענען נאָך נישט דערוואקסן צו דער הויכער מדרגה צו האָבן דעם כבוד און אויך דאָס רעכט צו זיין יידן.

* * *

די יאהודים און די אָרטאָדאָקסן האָבן טאקע נישט געהאט קיין גוטן אויס־בליק אין פאָרויס אריין, בשעת זיי האָבן ביז דער 1939 מלחמה, ארויסגעזאָגט זייערע מיינונגען, אז דאָס יידנטום עקזיסטירט נאָר און קען נאָר עקזיסטירן אלס א רעליגיעזע, פילמיליאָניקע וועלט־סעקטע.

מיר אָבער, פון די יידישע פּארטייען און באוועגונגען פון אלערליי ריכ־טונגען, האָבן יאָ געהאט א גוטן בליק אין פאָרויס אריין, בשעת מיר האָבן עקשנותדיק באצייכנט דאָס יידישע פאָלק ווי א פאָלק.

די אָרטאָדאָקסן און יאהודים האָבן אָבער געהאט א גוטן בליק אין צוריק אריין. זיי האָבן געהאט זייער א גוטן היסטאָרישן זכרון. מיר האָבן געהאט

— נאַטירלעך — גול צוקונפטס־דערפאַרונג. אַנדערש איז דאָך נישט מעגלעך אין דעם פּרט. זיי אָבער האָבן געהאַט דרײַטויזנט יאָר פאַרגאַנגענהייטס־דערפאַרונג.

* * *

פראַזע פון אַן אַגיטאַציע־רעדע פאַר אַן עולם יאַהודים אין אַמעריקע:

— אײַערע בערדיקע, אַלטע אבות פון פאַר פירטויזנט יאָרן געדענקט איר און איר פאַרהייליקט זיי, נאָר אײַערע ברידער מיט די קרומע פּלייצעס פון אַרבעט און לערנען און קרענק און פּונקט אַזעלכע בערד ווי די אבות פירטויזנט מײַלן פון דאַנעט ווילט איר אפילו אין חלום נישט געדענקען. אוודאי, און איך ווייס פאַרוואָס: פיר־טויזנט יאָרן אויף צוריק קען מען נאָר שיקן א זיפץ, אָבער פיר טויזנט מײַלן אויף צוריק דאַרף מען שיקן א מטבע. איז שוין טאַקע פּראַקטישער צו פאַרהייליקן די אבות, איידער צו געדענקען די ברידער.

* * *

אַז מיר, יידן, הויבן אָן אַנטוויקלען א נײַעם יישוב, האָבן די פעלקער נאָר איין טענה צו אונז, אַז מיר זענען נישט קיין אַסימילירבאַרער עלעמענט. זיי ווײַזן אָן אויף אונזער געשיכטע אין אַנדערע לענדער. זיי פאַרגעסן אָבער, אַז מיר זענען דווקא יאָ אַסימילירבאַר און ניט אַסימילירבאַר זענען מיט אונז זייערע רעגירונגען. וואָרום די פעלקער אַליין זענען יאָ אַסימילירבאַר, האָבן א נאַטירלעכע תאווה צו געמישטע חתונות מיט אונז, פּונקט ווי מיר מיט זיי. איך האָב אָט דעם איידלען געטלעכן ווילן מיט א באַוווסטזיניקער כוונה גע־רופן: תאווה. מיר זענען אַן אַסימילירבאַרער עלעמענט, מען דאַרף אונז נאָר געבן א פּאָר דורות צײַט. אַסימילירן הייסט דאָך פאַרדייען, און איידער מען פאַרדייעט דאַרף מען דאָך צעקייען און וואָס מער מען קײַט, אַלץ בעסער פאַרדייעט מען שפּעטער, און דאָ קומט פאַר א מאָדנע זאַך: אָדער די פעלקער וואָלטן אונז וועלן אָן קייען באַלד גאַנצערהייט פאַרשלינגען, ממש ווי הונגע־ריקע וועלף, אָדער זיי קייען אונז און קייען און אַז עס קומט צום נאַטירלעכן שלונג — שפּײַען זיי אונז אויס. (דאָס קלאַסישע בײַשפּיל דערצו איז דײַטש־לאַנד). אָבער אין דער אמתן זענען מיר אַסימילירבאַר. אפילו אין פּוילן האָבן זיך — נאַטירלעך, דערוויַל קליינע ראַנד־טיילן פון אונז — קאָמפּלעט אַסי־מילירט, אויסערלעך און אינערלעך.

* * *

קענסטו דיר פאָרשטעלן, אַז פראַנצויזן, אָדער אינדיער זאָלן הונדער־טער יאָרן לאַנג, און אין מיליאָניקע מאַסן רעדן אַן אַנדער שפּראַך ווי פראַנ־צויזיש, אָדער אורדו־אינדיש און בלײַבן פראַנצויזן, אָדער אינדיער?

און דאָך איז עס אַזוי נאַטירלעך, אַז יידן זאָלן הונדערטער יאָרן לאַנג, און אין גרויסע מאַסן, רעדן נישט קיין יידישע שפּראַך און בלײַבן יידן.

מיט וואָס איז דאָס צו דערקלערן? זענען מיר טאַקע א פענאָמענאַל פאָלק? אויב אזוי איז אונזער עיקר־פענאָמען — אונזער שפּראַכלאָזיקייט.

* * *

א באַוווסטזיניקער פראַנצויזישער ייד האָט מיר אמאָל געזאָגט, אז ער באַלאַנגט גלייכצייטיק אַלע הונדערט פּראָצענט צום פראַנצויזישן, און אויך צום ייִדישן פאָלק. עס איז פּונקט אזוי ווי מען קען גלייכצייטיק זיין א פולבאַ־רעכטיקטער מיטגליד אין צוויי פאַריינען, אָדער קלובן.

מען קען נישט בכן גלייכצייטיק באַלאַנגען צום פראַנצויזישן און צום ענגלישן פאָלק — האָב איך שפּעטער רעזאָנירט אליין — אָבער גלייכצייטיק צום פראַנצויזישן און צום ייִדישן פאָלק קען מען יאָ באַלאַנגען. דאָס זענען צוויי פאַריינען מיט נישט עגאַלע צילן, זיי קאָנקורירן נישט.

און צו וועלכע צוויי פעלקער באַלאַנג איך? — האָב איך מיך אליין גע־פרעגט.

איך ווייס נישט. און דאָס איינציקע, וואָס איך ווייס, אז איך באַלאַנג צום ייִדישן פאָלק און צום וועלט־פאָלק, אָדער ריכטיקער: צום פעלקער־פאָלק, וואָס דאַרף ערשט קומען. און דאָ איז עס מיר איינגעפאַלן, אז די צוויי פעל־קער זענען יאָ סותר איינע די אַנדערע.

און עס איז מיר געוואָרן זייער כאַאָטיש־ייִדיש צו געמיט און איך האָב א פערטל שעה לאַנג (מיר זענען געפאָרן אין א באַן) געקוקט אויף דעם פראַנצוי־זישן ייד און גאָרנישט מער פאַרשטאַנען פון דעם פאַרשאָלטענעם רעטעניש, נישט קיין פּראָבלעם איז עס — בין איך דערגאַנגען — נאָר א רעטעניש.

* * *

ייִדישע וועלט־ציילונג ווערט דורכגעפירט — —
נאַטירלעך, אז דאָס איז בלויז א שיינער חלום.

אויף בלויע בלעטלעך ווערן קאָנסקריבירט די קוואַליטעטס־יידן, אויף ווייסע קאַרטלעך — די קוואַנטום־יידן.

אזא ייִדישע פאָלקס־ציילונג איז באמת נויטיק. זי וואָלט געגעבן סענסאַ־ציאָנעלע רעזולטאַטן. מיר האָבן דאָך אפילו, כפי שאצונג, קיין אנונג נישט פון פאַרהעלטניש צווישן קוואַנטום־יידן און קוואַליטעט־יידן.

וואָס א קוואַליטעט־ייד איז? — עס איז א ייד, וואָס האָט אן אנונג וועגן דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און וויל זיין אנונג מיט וויסן פאַרטיפן, האָט אן אינטערעס צו דער ייִדישער איצטיקייט און ווייזט זיין אינטערעס מיט מעשים ארויס, האָט א חלום וועגן דער ייִדישער צוקונפט און חלומט אים טאַקע אזוי אָפט ווי מעגלעך.

קוואַנטום־יידן זענען אַלע איבעריקע. ראַסע און שמד שפּילן אין דעם פאַל קיין שום ראָלע נישט. (ביישפּיל: וואַרשיינלעך איז קאַליא טעפּער, דער משומד, א גאַנץ פיינער קוואַליטעטס־ייד).

* * *

אין בוענאָס איירעס.

מיר זענען געווען אויף באַזוך ביי א שוועד־קראַנקען, אַלטן מאַן, א נוטה למות. איז אַריינגעקומען נאָך איין פריינט און האָט געזאָגט, אַז אָט ערשט האָט ער געזען איינעם פון די פּלאַקאַטן, מיט וועלכע די גאַנצע שטאָט איז באַהאַנגען: קיין יידן טאָרן מער נישט אַריין אין אונזער לאַנד און אַלע יידן, וואָס זענען שוין אינעווייניק, דאַרפן וואָס גיכער אַרויס!

דער נוטה למות האָט זיך א שטאַרקן קרום געטון. איך האָב מיט צער א קוק געטון אויף אים. ער האָט מיר געזאָגט: איך ווייס, וואָס איר טראַכט . . .

— ? — —

— וואָס וועט זיין, אַז איך וועל אַרויפקומען אויף יענער וועלט און וועל דאָרט ביים אַריינגאַנג אויך טרעפן אַזא מין פּלאַקאַט: קיין יידן טאָרן מער נישט אַרויף אויף יענער וועלט און די וואָס זענען שוין דאָ, דאַרפן וואָס גיכער אוועק.

עס האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען א שוידער פון די ווערטער. צווישן אונז איז געווען אויך איין גוי. מיר האָבן אים אויפגעקלערט אונזער גע־שפּרעך. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען א גוי אַזוי דורכגענומען פון יידישן צער, ווי דעמאָלט. ענדלעך האָט ער פאַרשטאַנען.

* * *

איר האָט פּראָקלאַמירט די ריינקייט פון אייער ראַסע אין בלוט. מיר אָבער, יידן, האָבן נישט אַזא מיסטישע באַציונג צו בלוט, ווי איר. אן אַנ־דערע מיסטישע באַציונג האָבן מיר. די מיסטישע באַציונג צו אונזער גייסט. און אָט די ראַסישע ריינקייט פון אונזער גייסט — אָט די פּראָקלאַמירן מיר.

* * *

מיין קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקט פאַר יידן איז פּראָסט און פּשוט: זאָל אונז די וועלט געבן א לאַנד, זאָל עס זיין טראָפּיקאַל, אָדער אַרקטיש, אָדער טעמ־פּערירט, עס איז קיין חילוק נישט. דער עיקר איז, אַז עס זאָל זיין גרויס גענוג און עס זאָל נישט האָבן קיין שום אויסערלעכע, אָדער אינערלעכע פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען. זאָל מען אין יענעם לאַנד אויסבויען קאָמפּלעט איין איינציק שטעטל פאַר פינף טויזנט נפשות און זאָל מען די דאָזיקע פינף טויזנט נפשות באַזעצן פּלאַנמעסיק. מער איז נישט נויטיק. זאָל נאָר די אימיגראַציע אין יענעם לאַנד זיין פולשטענדיק פריי, נישט ווייניקער פריי, ווי זי איז אַמאָל

געוועזן אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע. אין אַ צענדלינק יאָרן אַרום וועט דאָרט זיין אַ יישוב פון אַ מיליאָן נפשות.

איך גלויב אין דעם כוח פון מענש אַלס מענש און איך גלויב אין דעם טאָפּלטן כוח פון יידן אַלס מענשן.

און אויב מיינע ווערטער וועלן אין אַ צענדלינק יאָרן אַרום נישט שטי־מען מיט דער ווירקלעכקייט, מעגסטו טון מיט מיר, וואָס דו ווילסט אַלס שטראָף, אפילו אויפהענגען, ווייל אויב מען קען אפילו אויף דעם אופן נישט לייזן די יידן־פראַגע איז מיין לעבן סאַי־ווי גאָרנישט ווערט.

* * *

דאָס איינציקע פאָלק, וואָס פאַרשטייט נישט דאָס יידן־פּראָבלעם — נישט טיילן פון אים און נישט דאָס גאַנצע — איז דאָס יידישע פאָלק.

א שאַלנדיקער : — וויאַזוי?

גאַנץ פּשוט. דאָס יידישע פאָלק זעט אייביק דאָס יידישע פּראָבלעם פון אינעווייניק אויס. און דאָס יידישע פּראָבלעם איז דווקא פון אַזאַ מין, וואָס ווערט אייביק פון דרויסן קרעאירט, אַרויפגעוואָרפן אויף אונז, געשאַפן. און אָנהויבנדיק מיט די קאַוקאַזישע באַרג־יידן, יידן פון תימן און ענדיקנ־דיק מיט די הונדערט־פּראָצענטיקע וואַרשעווער יידן און די היפּער־קולטורעלע דייטשע יאהודים — זעט דאָס יידישע פאָלק די יידישע פּראָבלע־מען אייביק נאָר פון אינעווייניק אויס. ניין, דאָס יידישע פאָלק וועט קיינמאָל די יידישע פּראָבלעמען אויף אַן אמת נישט פאַרשטיין. מיר דאַרפן זיך ווענדן צו אַן עקספּערט־קאָמיסיע, צוזאַמענגעשטעלט פון דרויסנדיקע — אפשר וועט אונז די קאָמיסיע העלפן.

* * *

די יידן־פראַגע איז אומלייזבאַר נאָר אין פאַקט, אין טעאָריע און אין חלום איז זי דווקא יאָ לייזבאַר. אָט, ווען מען וואָלט די טויערן פון דער אימיגראַ־ציע אין אַמעריקע פאַרמאַכט מיט צען יאָרן שפּעטער — נישט אין 1924, נאָר אין 1934 — וואָלט די וועלט־יידן־פראַגע געוועזן געלייזט.

ווען — —

דער „ווען” גייט אונז נאָך פונקט ווי דער וועלטן־האַס.

* * *

אַמאָל, אַמאָל האָט זיך די וועלט פאַרנומען אָדער מיט וועלט־מלחמות, אָדער מיט יידן. היינט האָבן מיר פּראָגרעסירט. די וועלט פאַרנעמט זיך היינט גלייכצייטיק מיט וועלט־מלחמות און מיט יידן.

* * *

דער וועלטס פאַלשע נביאים האָבן איר איינגערעדט, אַז מיר — יידן — זענען דער זינדיקער שעיר און מען דאַרף נאָר אונז וואַרפן לעזאזל און די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן. די טעזע איז אַ פּשוטע און אַ פּראָסטע און די

וועלט גלויבט אין איר און אונטער איר דעקמאַנטל קענען דער וועלטס פאַלשע נביאים טון וואָס זיי ווילן מיט דער וועלט.

דער אמתער יידישער נביא וועט זיין דער (און ער וועט אויך זיין א וועלט־נביא) וואָס וועט קענען פונקט מיט דער זעלבער קלאָרקייט דערווייזן זיין אמת, ווי דער וועלטס פאַלשע נביאים זייערע ליגנס, אז מיר זענען נישט קיין זינדיקער באָק, מיר יידן, און אז עס האָט קיין שום זין נישט צו וואַרפן אונז לעזאזל, אפילו נישט, ווען מיר וואָלטן יאָ זינדיק געוועזן, מכל שכן, אז מיר זענען עס נישט.

* * *

דאָס יידישע לעבן פאַרמאָגט נישט קיין גאַנצע מענשן.

איז איינער באַפליגלט מיט דעם פּאַטאָס פון נביאישן גייסט, האָט ער נישט קיין וואָרט־טאַלענט. האָט איינער יאָ אזא מין וואָרט־טאַלענט, וואָס נביאים קענען זיך דערמיט באַנוצן, האָט ער נישט קיין נביאישן פּאַטאָס. יעדנפאַלס איז עס אזוי זינט 1939.

* * *

אונזער פאָלק עקזיסטירט ווייל עס איז נוצלעך. עס איז אפילו אמת, אז עס איז נישט נוצלעך פאַר זיך, נאָר פאַר אנדערע, אָבער עס איז נוצלעך. אַט האָט רוסלאַנד אונזער פאָלק געדאַרפט. אַט האָט דייטשלאַנד אונזער פאָלק געדאַרפט, און אזוי פון אומדענקבאַרע צייטן אָן.

אַט עקזיסטירן — למשל — פערד. שיינע, געזונטע, טאַלענטפולע באַשעפענישן. און עס איז דאָך מער ווי קלאָר, אז נאָר אפשר א טויזנטסטער טייל פון דער פערדהייט פון דער וועלט עקזיסטירט צוליב זיך אליין. אַלע איבעריקע עקזיסטירן צוליב אנדערע באַשעפענישן — צוליבן מענטש.

עס איז מעגלעך, אז אין דער געשיכטע פון דער וועלט — ווען עמיץ וואָלט אימשטאַנד געוועזן א קוק צו טון אויף איר פון גאַנץ הויך — זענען מיר נישט מער ווי אַן אָביעקט.

* * *

עס זענען אפשר פאַרהאַנען פעלקער — ניין, עס זענען זיכער פאַרהאַנען פעלקער, וואָס עקזיסטירן אַבסאָלוט, עקזיסטירן פאַר זיך אלס פעלקער. מיר אָבער, יידן, עקזיסטירן רעלאַטיוו אין דעם ווילן, דער פאַרשטעלונג, די ליידנשאַפטן, אינטערעסן, שטימונגען און אזוי ווייטער פון אנדערע פעלקער. איך וואָלט דאָס נאָך בילדערישער באַצייכנט אזוי: אנדערע פעלקער עקזיסטירן אלס בילדער, ריכטיקע בילדער, אַבסאָלוטע בילדער, מיר אָבער עקזיסטירן בלויז אלס שפּיגל־בילדער. מיסטעריעזע שפּיגל־בילדער, אָפּבילדער פון עפּיס, וואָס האָט אַמאָל עקזיסטירט אלס בילד. און איצט עקזיסטירן מיר נאָר אויף אזויפיל, אויף וויפיל די פעלקער קוקן אריין אין דעם מיסטעריעזן שפּיגל, וווּ עס באַווייזט זיך אונזער מיסטעריעז בילד.

* * *

יידן פון אלע לענדער — פאַרייניקט אייך, איר האָט גאָרנישט מער צו פאַרלירן ווי אייער גלות. צו געווינען האָט איר . . . אויך גאָרנישט.

* * *

די פּרוכּפּערדיקייט פון יידישן פאָלק איז בלי שום ספק א רעזולטאַט פון דער אַזוי שטאַרק פּראָפּאַגירטער און אָפּגעהיטענער ערשטער מצווה פּרו ורבו. — ביים און פאר דעם סעקסועלן אקט קעמפן אין מענש אַלערליי העמונגען. העמונגען פון בושה, פון עקאָנאָמיע, פון רחמנות. קומט אָבער דער געזעץ־געבער און ברעכט אלע דאַמבעס, רוקט אוועק די העמונגען, לאָזט פריי די ליידנשאַפטן. וואָס מיר בושה, ווער מיר עקאָנאָמיע, וואָס מיר רחמנות. און דער רעזולטאַט: די פּרוכּפּערדיקייט פון אונזער פאָלק אין סתירה צו יעדן שכל הישר. מיט דעם נאָכלאָזן פון דער מאַכט פון דער רעליגיע איבער אונזער פאָלק, וועט אויך נאָכלאָזן די פּרוכּפּערדיקייט.

וואָס דאַרפן מיר די פּרוכּפּעדדיקייט נאָך אלע זאַכן? ביי אַנדערע פעלקער איז קוואַנטום אויך אַן ענין. קוואַנטום מיינט אַסך סאָלדאַטן און שטייערן אַסך. ביי אונז אַבער וואָס מער קוואַנטום אַלץ מער צרות. אין דער דעפּענסיווע, וואָס קלענער מען איז, אַלץ ווייניקער ציל־ברעט.

* * *

אַן אייביק פאָלק זענען די כינעזער, זייער אייביקייט איז געזיכערט אָן שום באַזונדערער אָנשטרענגונג. די קאָנצענטרירטע, קאָמפּאַקטע מאַסע זיכערט זיי דאָס אייביקע לעבן, מאַכט זיי אומצעשטערבאַר.

אַן אייביק פאָלק זענען אויך מיר, די יידן. אונזער אייביקייט איז אויך געזיכערט אָן שום ספּעציעלער אָנשטרענגונג. אונזער צעשפּרייטקייט, אַבסאָלוטע צעשפּרייטקייט מאַכט אונז אומצעשטערבאַר.

עקסטרעם אַנדערע סיבות און די זעלבע ווירקונגען.

נאָר פונקט ווי דאָס לעבן פון די כינעזער איז אומגליקלעך און זינלאָז, אַזוי איז אויך אונזערס.

* * *

די אוממענשלעכסטע הויפּט־טעזע פון דעם אַנטי־מענש איז: פאָלק איז אידיאָט.

די צווייטע הויפּט־טעזע: צוויי־טויזנט יאָר האָט מען דעם אידיאָט איינגערעדט, אַז דער ייד איז שולדיק אין אַלץ, וועט ער עס זיכער גלויבן נאָך אַ טויזנט יאָר, די טויזנט יאָר פון דריטן רייך.

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז אָט די צוויי הויפּט־טעזן האָט דער אַנטי־מענטש באַקומען פון אַ ציניש אייביקן סטודענט אין אַ ווינער נאַכט־אַסיל. זינט יעמאָלט שטייען די ווערטער אייביק פאַר די אויגן פון דעם אַנטימענש: זיי וועלן שטיין פאַר זיינע אויגן אַזוי לאַנג ביז ער וועט באַזיגט ווערן. (1940).

* * *

אַמאָל בין איך אין שיקאַגאָ געזעסן אויף אַ „סאָציאַליסטישער בר מצוה־פייערונג״ און עס האָט געפייערט און געפלאַמט פאַר בושה דאָס פּנים פון מיין נשמה. און אין אויפריכטיקסטן צער פאַר ביידע געטער, פאַרן יידישן און פאַרן סאָציאַליסטישן, האָב איך געפליסטערט צו דער דאַמע, וואָס איז מיט מיר מיטגעווען אויף דער בר־מצווה: פון דעם שטייגער פון דער אַלטער היים און וועלט איז געוואָרן אַ פיגר אין דער נייער היים און וועלט.

* * *

זענען דאָס אפשר גאָר די יסורים פון שטאַרבן, וואָס מיר יידן גייען דורך אין איצטיקן 1940־טן יאָר זינט קריסטוסעס געבורט?

אָדער זענען דאָס גאָר די לעצטע און שטאַרקסטע ווייען פון אונזער גע־בורט אַלס דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון דער וועלט?

אויב די געבורט פון איין איינציקן מענש קען אַמאָל געדויערן דריי טעג אפילו, קען דאָך די געבורט פון אַ זעכצנמיליאַניקן יחיד — אַן אויסדערוויילט פאָלק — געדויערן צוויטויזנט יאָר, וואָס איז דאָך נאָך פיל ווייניקער ווי אפילו דריי־פערטל פון איין איינציקן מיליאָן טעג . . . און מיר זענען דאָך זעכצן־מיליאָנען־קעפּיק.

* * *

וואָלט דער נאַטירלעכער אַסימילירונגס־פּראָצעס פון דעם דייטשן יידנטום מיט דעם דייטשטום אָנגעהאַלטן נאָך איין דור, אָדער צוויי, וואָלט ער געווען פולשטענדיק פאַרענדיקט. און עס וואָלט געווען — ענדלעך — אַ קלאַסישער, עוואָלוציאָנערער ביישפּיל פון דער אַסימילירבאַרקייט פון די יידן. אָט די פּערפעקטקייט פון דעם משל, זיין עוואָלוציאָנערער פאַרלויף, וואָלט אפשר געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין דער יידישער געשיכטע אין דער ריכטונג פון איר אויפלעזונג און פאַרענדיקונג. דאָס וואָלט אפשר געווען טאַקע דער אָנ־הויב פון סוף פון יידישן פאָלק.

וואָזשע טוט גאָט?

איך הויב טאַקע אָן — נאָך דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק — צו גלויבן, אַז גאָט האָט דאָס אַלץ געטון. ער װיל אונז בשום אופן נישט פאַרניכטן, נישט געוואַלטזאַם און נישט עוואָלוציאָנער.

* * *

אָרעם יידיש לעבן, אפילו קיין פאַנטאַזיע האָסטו אויך נישט.

זע וויפיל פאַנטאַזיע עס האָבן דיינע דם־שונאים אין זייער אָנגריף אויף דיר. און דו, אין דיין פאַרטיידיקונג, האָסט דאָך און ווייזט דאָך גאָר קיין פאַנטאַזיע נישט אַרויס.

און אפשר איז דאָס דערפאַר ווייל דער אָנגריף איז אַלעמאָל פאַנטאַסטי־שער ווי די פאַרטיידיקונג . . . דאָס איז אַזאַ מין אייביק געזעץ.

און מיר זענען אייביק אין דער פאַרטיידיקונג — און דאָס איז שוין געוואָרן אונזער צווייטע נאַטור.

* * *

מיר יידן גייען יעדער אַרום מיט אַ קליינעם סענטימענטאַלן פידעלע אין דער נשמה, וואָס וויינט אייביק אויף טויט און אויף אונטערגאַנג.

זיי אָבער גייען אַרום מיט קליינע, אומבאַמערקטע רעוואָלווערלעך — גרייט אין אַן אולטראַקריטישן מאָמענט אַ שאָס צו טון און אַ סוף צו מאַכן. דאָס איז דערפאַר ווייל דער גלויבן אין יענער וועלט איז אורשפּרינגלעך זייערער, זיי זענען די דערפינדער און זיי גלויבן טאַקע אין איר. אונזער „יענע וועלט" איז אַ פּלאַגיאַט פון זייערער, וואָס מיר האָבן אָנגענומען אין זעלבסט־פאַרטיידיקונג פאַר זיי, צו זיין אַזוי שטאַרק ווי זיי, און אינערלעך גלויבן מיר נישט אין איר. אפשר פון קלוגשאַפט.

* * *

נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון די נירענבערגער געזעצן האָט דער פּעסי־מיסט אין מיר כסדר פּאַטעטיש געשריגן:

יידיש פאָלק, די מלחמה פאַר אונזער באַפרייאונג איז דערווייל געענדיקט. מיר האָבן דעם קאַמף פאַרשפּילט. מיר דאַרפן זיך צוריקציען אויף אונזערע לעצטע, דעפענסיווע און נאָך קיינמאָל נישט באַזיגטע פּאָזיציעס. דאָס זענען די פּאָזיציעס פון אונזער אומבאַצווינגבאַרן גלויבן אין דער מענשהייט. זי מוז דאָך אַמאָל ווערן אויסגעלייזט און מיט איר וועלן מיר אויך אַרויסגעלייזט ווערן. וויקלט איין די נאָך נישט צעריסענע פאָנען פון אונזער אייביקן קאַמף. לאָמיר אין דער שטיל און פון קיינעם נישט באַמערקט צוריקגיין אויף אונזער לעצטער פּאָזיציע, דער לעצטער און דער אומבאַזיגבאַרסטער.

* * *

אַן אייביקער פּאַציענט איז די מענשהייט, די יידן זענען איר טערמאָ־מעטער. מיט דעם צושטאַנד פון האַס און ליבע צו זיי קען מען מעסטן דאָס געזונט פון דער מענשהייט.

* * *

פּונקט ווי אַ בוים קען נישט פּלוצלונג פון זיך אַליין אַרויסוואַקסן, נאָר ער איז אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער עוואָלוציע פון אומצאָליקעביימער־דורות, אַזוי קען אויך אַ געדאַנק פּלוצלונג פון זיך אַליין נישט אַרויסוואַקסן, יעדער געדאַנק און יעדעס געזעץ איז אַ רעזולטאַט פון אַן אומענדלעכער קייט פון געדאַנקען און געזעצן.

משה איז זיכער נישט געווען דער שעפער פון די צען געבאָט, אָ קאָמ־פּילאַטאָר איז ער געווען, אָבער זיכער איז ער געווען דער גענ[י]אַלסטער קאָמפּילאַטאָר פון געזעצן, וואָס די וועלט האָט ביז אים און אויך ביז אַצינד בכלל געהאַט. שוין זיין פאַרשטענדניש פאַר פאָרם, די קיילעכדיקייט פון צען

געבאָטן איז ממש א סופער־געניאַלער איינפאַל. איך ווייס נישט צי די געבאָטן וואָלטן אזוי דערפאַלגרייך געווען, ווען זיי וואָלטן געווען עלף אין צאָל, אָדער ניין.

* * *

אין א בריוו צו א פריינט אין פוילן האָב איך ערב דער וועלט־מלחמה נומער צוויי געשריבן: אוועק, אוועק דארפן מיר פון דאָרט, אלץ מיט זיך נעמען, וואָס עס לאָזט זיך נאָר, און אוועק פון דאָרט. אפילו די בית עולמס דארפן מיר מיטנעמען, איינפּאקן די קברים און מיטנעמען זיי.

דער פריינט האָט געפרעגט: צו וואָס דארפן מיר מיטנעמען די קברים?

איך האָב נאָך אין דער לעצטע רגע צוריקגעשריבן: אזוי ווי איינער, וואָס האָט אָפּגעוווינט ביי א באַלעבאָס אסך יאָרן, איז אָבער אלעמאָל געפּייניקט און באליידיקט געוואָרן פון אים, ווען ביים ארויסציען זיך פון דער אומפריינטלעכער דירה אפילו די טשוועקעס פון די ווענט ארויסציען, אזוי פיל איך בנוגע די קברים.

* * *

און עס וועט קומען אמאָל א צייט, אז אין אלע לענדער פון דער וועלט וועט די יידן־פראגע זיין פארענטפערט — און נאָר איין לאנד וועט אויך נאָך דעמאָלט בלייבן אויף דער וועלט, וו די יידן־פראגע וועט נאָך אלץ נישט זיין פארענטפערט און דער נאָמען פון דעם לאנד איז פוילן.

עפּיס מיסטישעס איז דאָ אין דעם. זיי האָבן אונז פיינט מיט אן אומאויסלעשלעכער שנאה און זיי האָבן אונז גלייכצייטיק ליב מיט אן אומאויסלעשלעכער ליבע. כמעט יעדער פּוילישער שרייבער האָט באשריבן יידן אין זיינע ווערק, איינע מיט ליבע ביז משוגעת און אנדערע מיט האס ביז משוגעת. זיי האָבן ליב — די מענער פון פוילן — אונזערע פרויען און האסן אונזערע מענער. עס איז א מיסטיש־סעקסועלער ענין — די פּויליש־יידישע באציאונגען. דאָס איז נישט קיין עקאָנאָמישער און אוודאי נישט קיין רעליגיעזער ענין.

(1938).

* * *

אָפט דאכט זיך עס מיר, אז עס זענען בכלל קיין יידן אויף דער וועלט נישטאָ. יעדנפאלס איז אזא פאָלק נישטאָ. יידיש פאָלק איז נישט מער ווי עפּיס א קינסטלעך אויסגעטראכטע און איינגערעדטע זאך. סאי דאָס — אזויצוזאָגן — יידישע פאָלק רעדט איין דער וועלט, אז עס איז א פאָלק און סאי די וועלט רעדט איין א געוויסער גרופּע מענשן, אז זיי זענען יידן.

* * *

משה האָט גוט געוווּסט, אז עס איז געמיין און נידעריק צו פארטרייבן פעלקער פון זייער היים און זיך אוועקזעצן אויף זייער אָרט, האָט אים דאָס געוויסן ווי געטון, האָט ער עס פארענטפערט מיט דער געוואלטיקער אידעע

פון אן אויסגעקליבן פאָלק. און כדי עס זאָל קענען טאַקע זיין אן אויסדער־וויילט פאָלק, האָט ער געשאַפן א געוואַלטיק עטיש געזעצבוך. דאָס געוויסן האָט געפּייניקט, האָט ער פאַרענפערט מיט וואָס נאָר ער האָט געקענט. סוף כל סוף האָט ער, ווייזט אויס, בכלל באַפוילן דעם קאַמף אויפצוגעבן, זיך באַגנוגענען מיט דער עטישער מיסיע; איז ער אָבער איבערגוואַלטיקט געוואָרן, און — אָדער ער איז אליין אַנטלאָפן, אָדער ער איז אומגעבראַכט געוואָרן, און א רעאַל־פּאָליטיקער האָט פאַרנומען זיין אָרט און דורכגעפירט דאָס, וואָס משה האָט נישט געוואָלט דורכפירן.

* * *

איר קענט דאָך אלע דאָס וואָרט וועגן זינדיקע מיטלען צום הייליקן ציל. ווי איז צו אונז — יידן.

מיר זענען דאָך דאָס אייביקע הייליקע מיטל צו די זינדיקע צילן פון דער וועלט.

* * *

פאַרוואָס זענען יידן אזא שרייעוודיק פאָלק: — האָט ביי מיר אמאָל געוואָלט דערגיין אן אויסטראַליער, א גרויסער אָנהענגער פון יידישן געניוס.

דאָס איז דערפאַר, האָב איך אויפגעקלערט, ווייל יידן קענען לרוב עטלעכע שפּראַכן, זענען זיי שפּראַכלעך אלעמאָל אין אן עקספּלאָזיוון צושטאַנד. געדאַנקען, וואָס זוכן אן אויסדרוק ביי יידן, זוכן אָפט אָט דעם אויסדרוק גלייכצייטיק דורך דריי מירן, דריי שפּראַכן, און אָפט מער, נו שטופּן זיי זיך, קנוילן זיך.

דער אויסטראַליער האָט באַנומען. און אויך מיר אליין האָט מיין נישט ערנסטע אויפקלערונג אָנגעהויבן זייער ערנסט פאָרצוקומען.

* * *

אָפט טראַכט איך: וואָס וואָלט געוועזן ווען דער זעלבער היטלער וואָלט צוליב א פאַרקערטער סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן זיין אַנטיסעמיטיזם, געכאַפּט געוואָרן אין פּונקט אזא ליידנשאַפטלעכן פילאָסעמיטיזם . . . צי וואָלט ער אויך די מאַסן פּונקט אזוי געקענט מיטרייסן מיט זיך? דעמאָלט וואָלט מען געקענט דעצידירן צי נאָר דעמאַגאָגיע אין איר ריינסטער פאָרם אַנטשיידעט וועגן מאַסן־באַוועגונגען, אָדער נאָך עפּיס, וואָס מען וואָלט געקענט אָנרופן מאַסן־אינטערעסן, אָדער מאַסן־ליידנשאַפטן.

* * *

אן אויסטראַליער דאַמע, איינשפּראַכיק, ווי אלע אַנגלאָ־סאַקסן, האָט מיך אמאָל אָבסערווירט אין א פאַרשידנאַרטיקער געזעלשאַפט פון אלערליי יידן פון אלע וועלטן. זי איז אַריינגעפאַלן אין א ווילדן התפעלות איבער מיין פילשפּראַכיקייט. זי האָט באַמערקט ווי איך רעד מיט זעקס פערזאָנען — מיט יעדן אן אנדערע שפּראַך.

—גאָט אין הימל, וויפיל שפּראַכן רעדט איר דען? — האָט זי געפרעגט פאַרוואונדערט.

—איינע בעסער, איינע ערגער, איינע גאַנץ שלעכט — רעד איך די זעקס געוויינטלעכע יידישע שפּראַכן.

— ? —

—נו: יידיש, העברעאיש, פּויליש, רוסיש, דייטש און ענגליש. עס זענען אפילו נאָך פאַרהאַנען אַ פּאָר יידישע שפּראַכן, אָבער איך קען זיי אפילו שלעכט אויך נישט.

* * *

פאַרוואָס יידן שרעקן זיך מער פאַרן פּערזענלעכן טויט ווי אלערליי אַנדערע פעלקער?

ווייל אין אונטערבאַוווסטזיין פון נישט־יידן איז דאָ אַ זיכערקייט, אַז נאָך זייער פּערזענלעכן טויט וועט לעבן בלייבן זייער פאָלק. אַ קאָלעקטיוו פאָלקס־לעבן וועט בלייבן אייביק נאָך זייער אינדיווידועלן טויט.

אָבער יידן — יעדער ייד פילט, צי מיט רעכט, צי מיט אומרעכט, אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, אַז ער איז שוין דער לעצטער ייד. נישט נאָר איינער פון לעצטן דור איז ער, נאָר ער, פּערזענלעך איז טאַקע דער לעצטער ייד.

* * *

אַ יידישער יוגנטלעכער אמעריקאַנער געבוירענער, האָט מיר אַמאָל אין ניו־יאָרק, נאָך בייוווינען אַ זיצונג פון באַלייבטע יידישע קולטור־טוער, געזאָגט:

מען קען נישט שטיין אין אַ קראָם און מאַכן כסדר מיט די הענט און מאַכן קולות מיטן מויל און מאַכן זיך פאַרקויפנדיק און זיין בייז פאַרוואָס די קראָם איז שטענדיק ליידיק, אָן קונים, און דערצו האָבן אַבסאָלוט ליידיקע פּאָליצעס און פאַרקויפן גאָרנישט.

מער האָט מיר יענער יונגער מענש נישט געזאָגט, מער האָט אים די זאַך נישט אינטערעסירט. עס איז אים נישט געגאַנגען אין לעבן, אַז די אלטע און באַלייבטע לייט זאָלן דווקא יאָ עפּיס פאַרקויפן און נישט בלויז מאַכן מיט די הענט. ער האָט נאָר פעסטגעשטעלט אַן אָבסערווירטן פאַקט, וואָס איז אים זייער קאָמיש פאָרגעקומען. ער האָט נישט געוווסט, דער יונגער מענש, אַז ער האָט זיך צוגערירט צו דער סאַמע טיפסטער וווּנד פון אונזער יידישער איצטיקייט אין גרעסטן יישוב — אמעריקע.

* * *

די פּראָפעסיאָנעלע יידישע אינטעליגענץ — נישט נאָר וואָס זי פּראָדוצירט נישט קיין יידישע גייסטיקייט, נאָר זי קאָנסומירט זי אפילו נישט, און דאָס וואָלט דאָך שוין יאָ געדאַרפט זיין איר פליכט.

* * *

יידן, מנהיגי הדור, וואָס זיצט איר מיט פאַרלייגטע הענט? די צייט איז געקומען איצט, אָדער קיינמאָל נישט, איצט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ארויפצושטייגן א טרעפּ העכער ארויף אויף דער לייטער — דער גרויסער לייטער צו גאָט.

מיר האָבן געשאפן, אָדער פּאָפּולאַריזירט — עס איז אלץ איינס, דעם גע־דאנק פון גאָט, פון איין גאָט. דער געדאנק האָט זיך אָנגענומען אין דער וועלט, אבסאָלוט אָנגענומען. דער צווייטער געדאנק איז: דער זין פון לעבן איז קודם כל לעבן — לא תרצח! דער דריטער און דער לעצטער געדאנק, די דריטע טרעפּ: גאָט איז דערקענבאר, לאָמיר אים מיט געמיינזאמער אָנשטרענגונג — מעג זי אויך צענטויזנט יאָרן געדויערן — דערקענען. דורך דער דערקענט־ניש פון גאָט וועלן נישט נאָר יענע ווערן אומשטארביק, וואָס וועלן לעבן דע־מאָלט, ווען דאָס דערקענען וועט פאָרקומען, נאָר עס וועלן אויך ווערן אומ־שטארביק די וואָס לעבן היינט.

* * *

אין נייַנצעטן יאָרהונדערט איז דורך אונז, יידן, דורכגעגאנגען א כוואַליע פון אסימילאַטאָרישע טעאָריעס, אָבער קיין פּראַקטישע אסימילאַציע פון אונ־זער פאָלק האָבן מיר דעמאָלס נישט געהאט. יעדנפאלס נישט אין קיין כוואַ־ליעס און נישט אין קיין שטראָמען.

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן מיר א כוואַליע פון פּראַקטישער אסימילאַציע אין אלע לענדער פון דער וועלט, אָבער די טעאָריעס פון דער אסימילאַציע זענען ממש ווי אינגאנצן אויסגעשטאָרבן.

* * *

אונזער יידיש לעבן איז כסדר איינגעשטעלט אויף עקסטענסיווער ווירט־שאפט. עקאָנאָמיש עקסטענסיוו — מיר זענען סוחרים. קולטורעל — עקסטענ־סיוו, מיר זענען וועלט־באגליקער.

בין איך נייגעריק דעריבער וויאזוי עס וואָלט אויסגעזען אונזער יידיש לעבן, ווען מיר וואָלטן כאָטש א צייט לאנג געווען איינגעשטעלט אויף אינ־טענסיווער ווירטשאפט: עקאָנאָמיש קליין־פּראָדוקטיוו און קולטורעל — השכלהדיק אין פּושטן זינען פון דעם וואָרט.

מיר דאכט זיך, אז מיר וואָלטן דורך דעם בייט פון עקסטענסיווער אויף אינטענסיווער נאַציאָנאלער עקאָנאָמיש־קולטורעלער ווירטשאפט זייער גיך דעגענערירט.

איז לאָמיר שוין בעסער בלייבן ביי אונזער עקסטענסיווער נאַציאָנאלער ווירטשאפט.

* * *

אָט זענען די דריי גרויסע תקופות פון דער — אזויגערופענער — איי־ביקער יידישער עקזיסטענץ:

יידישע געבורט און מלוכה — תקופה איינס — די מלוכהשע.

נאָך דער צעשטערונג פון דער מלוכה ביז היטלער — תקופה צוויי — די רעליגיעזע תקופה.

זינט היטלער ביז גאָט ווייסט ווען — תקופה דריי — די נאַציאָנאַלע תקופה.

* * *

ווען דער פּאַיאַץ פון דער בלוטיקער אַרענע פון וועלט־צירק — —

ווען מיר יידן וואָלטן פאַר דער וועלט אַרויסגעקומען מיט אַ דערקלע־רונג, אַז מיר ווילן מער נישט לעבן, אַז מיר ווילן באַגיין אַן אומבלוטיקן זעלבסט־מאָרד, אַז מיר וועלן מיט אַלע מיטלען זיך אויפהערן צו פאַרמערן — וואָלט אָט די דערקלערונג אונזערע די וועלט אויפגעשווידערט, וואָלט די וועלט פּלוצלונג טיף באַנומען, טיף דורכגענומען געוואָרן מיט אונזער טראַגעדיע.

פאַרוואָס איז ביז איצט קיין שום יידישער פירער נישט אָפּן אַרויסגע־קומען מיט אַזאַ מין לאָזונג? מיר געפינען זיך נישט אין קיין שום קאַמף מיט דער וועלט, נישט אין אָפּענסיוון און נישט אין אַ דעפענסיוון קאַמף. וואָס קלענער די פלאַך, אויף וועלכער מען קען אונז שלאָגן, דאָס בעסער פאַר אונז. נישט נאָר פאַרקירצן אונזערע פראָנטן דאַרפן מיר, מיר דאַרפן זיי דעמאָבילירן אינגאַנצן.

* * *

יעדער ייד האָט זיך זיין אייגענע וואַנט, דורך וועלכער ער שלאָגט זיך דורך מיט מי מיט זיין אייגענעם קאָפּ.

* * *

איך שטיי אויף דעם דעק פון שיף בשעת אַ לייכטן שטורעם. איך קוק אויף דער נאַטור, וואָס קערט איצט וועלטן, וואַיעט, קוויטשעט, ווילדעוועט.

איך האָב ערשט שעהן־לאַנג געלעזן יידישע געשיכטע.

עס ווערט מיר אַזוי פרעמד צו מוט. איך פיל מיך פּלוצלונג אַזוי פרעמד דאָ אין אָט דער אוממיטלבאַרער נאָענט צו דער נאַטור. די נאַטור איז אַ גוישע זאַך. און אויב גאָט שאַפט די נאַטור, איז אויך גאָט אַ גוישע זאַך. און אויב די גאַנצע וועלט איז גאָטס, איז אויך די גאַנצע וועלט אַ גוישע זאַך.

מיר, יידן, האָבן דאָ פאַרבלאָנזשעט אויף אָט דער גרויזאַמער וועלט, ווייזט אויס.

* * *

איר האַלט אין איין שרייען און טומלען, אַז דאָס יידישע פאָלק געפינט זיך אויף שיידוועגן.

ניכאַי וואָלט איר גיכער אַזוי געטומלט וועגן וועג־ווייזערס, יידישע וועג־ווייזערס, ווייל אָן זיי זענען דאָך פּשוטע שיידוועגן אָפּגרונטן ממש.

* * *

לייוויק האָט ערגעצוווּ אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז אין ייִדישן לעבן זענען כסדר אַקטיוו גלייכצייטיק צוויי שטראָמען ,איין שטראָם פון וועלן אונ־טערגיין און דער צווייטער פון פּונקט אַזוי וועלן לעבן.

א קליינע דערגענצונג דערצו פון מיין ווייניקייט:

פיזיש וויל אונזער מאַסע שטאַרק, שטאַרק לעבן — און גייסטיק וויל די דאָזיקע מאַסע אונזערע גלייכצייטיק שטאַרק, שטאַרק אונטערגיין.

* * *

דאָס ייִדנטום, דאָס איז אַזאַ מין געאָלאָגישער פענאָמען מיט אַסך שפּראַכ־לעכע פלאַסטן, שיכטן. דאָס ייִדנטום איז אַזאַ מין בוך, וואָס מען האַלט עס אין איין איבערזעצן אין אַלערליי שפּראַכן. און מען קען אַלץ נישט געפינען די ריכטיקע שפּראַך אין וועלכער עס צו איבערזעצן. אָט דאָס איז ייִדנטום און ייִדישקייט.

* * *

דאָס ייִדישע פּראָבלעם איז אַ מין בונט פון אַסך שלעסער פון אַלערליי גרויס און מעטאַל און קאָנסטרוקציע. אַ מין בונט פון אַלערליי שלעסער, וואָס הענגט אויף דעם טויער צום גאָרטן פון ייִדישן גליק אין דער וועלט.

מען קען די אַלע שלעסער נישט עפענען מיט איין שליסל. מען קען דעם גאַנצן ייִדישן פּראָבלעם נישט פאַרענפערן מיט איין שאַבלאָנעם ענפער.

אַסך שלעסער — אַסך שליסלען, אַסך פּראָבלעמען — אַ סך ענפערס.

* * *

דער אַבסאָלוטער דערקענונגס־סימן פון אַ ייִד איז, אַז ער רעדט ייִדיש. דערפאַר טאַקע אַנטלויפט אונזער פאָלק אין אַזאַ מין פּאַניק פאַר אָט דער שפּראַך. טיף אין דער נשמה פון יעדן ייִד איז דאָ אַ ווילן צו אַנטלויפן פון ייִדישקייט. הויך און אָפן גיט מען עס טאַקע נישט צו. אָבער דאָס אַנטלויפן פון ייִדיש איז אי לעגאַל און אי עס איז נישט קיין אָפיציעלע בושה פאַר אַלע איבעריקע ייִדן.

* * *

איך זוך די סינטעזע פון דעם ייִדישן וועלט־געדאַנק. איך זוך דעם טרעגער פון אָט דעם סינטעטישן ייִדישן וועלט־געדאַנק: איך זוך דעם סינטע־טישן ייִד.

* * *

ווי אומאינטעליגענט מיר ייִדן זענען, זענען מיר דאָך נאָך אַסך אינטע־ליגענטער ווי נישט איין אַנדער פאָלק, וואָס שפּילט אַ היפּשע ראָלע אין דער וועלט.

ווי שלעכט מיר זענען, זענען מיר אַלץ נאָך בעסער פון אַסך, אַסך פעלקער.

דאָס זאָג איך גלאַט אַזוי, פון דער ביטערניש פון מיין האַרץ אַרויס. און גלויבט מיר, אַז קיין ברעקל שאָוויניזם איז אין מיינע ווערטער נישטאָ. פּונקט

ווי ער איז טאַקע נישטאָ אין מיין האַרץ, מיין האַרץ, מיין מוח, מיין נשמה — זענען אַבסאָלוט ריין פון יעדן מינדסטן ברעקל שאָוויניזם.

* * *

אין אַ יידישער געזעלשאַפט האָט מען אומצאָליקע מאָל דערמאָנט דעם פּזמון, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אַן אייביק נעגאַטיוו געפיל אין דער וועלט. איך האָב אַריינגעוואָרפן אויך מיינע דריי גראָשן געדאַנק אין דעם פּרט: נישט אַנטיסעמיטיזם איז אַן אייביק געפיל אין דער וועלט, נאָר אייביק איז דער ווילן נקמה צו נעמען פון אומשולדיקע, אויף וועלכע עס לאָזט זיך אַרויפֿוואַרפן די אייגענע שולד. אַז אַ פרוי אין אַ שטוב, אין וועלכער עס איז קיין שלום בית נישטאָ, וואַרפט אין כעס אויף דער ערד אַ טעלער — איז דאָס אַנטיסעמיטיזם אין זיין ריינסטער געשטאַלט, אָבער אונטער אַן אַנדערן נאָמען.

* * *

אַדאַנק אונזער מאָדנער סיטואַציע צווישן די פעלקער פון דער וועלט זענען מיר מער מענטש און ווייניקער פאָלק. די אַנדערע פעלקער — פאַרקערט: זענען מער פאָלק און ווייניקער מענטש. און אסור מיר אויב איך וואָלט מיך וועלן בייטן מיט די אַנדערע פעלקער.

* * *

פאַרהאַנען יידן, וואָס באַלאַנגען בלויז צו דער ספערע פון אונזער עטישער גרויס־קולטור. משל: פּראָפעסאָר איינשטיין.

פאַרהאַנען יידן, וואָס באַלאַנגען בלויז צו דער ספערע פון אונזער שטייגערישער קליין־קולטור. משל: אַ וואַרשעווער יידישער דראָזשקאַזש.

פאַרהאַנען יידן, וואָס באַלאַנגען צו אונזער קולטור לויטביידע מאָדוסן. משל: (נעמט מיר ניט פאַר אומגוט די באַרימערישקייט) איך אַליין.

* * *

אַמאָל כאַפּט מיך אַרום אַזאַ מין יידישע פאַרצווייפלונג, אַז איך וואָלט אַזוי אַרומגעלאָפן פון איין יידישן פירער צום צווייטן און וואָלט זיי אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן און געשריגן: פאַרוואָס — קליין מענטשעלע — האָסטו נישט דעם מוט צו קומען דרייסט צו די יידישע מאַסן און זיי זאָגן דרייסט און אָפן: איך האָב אייך אין דער אמתן גאָרנישט וואָס אָנצובּיטן, און האָב אין דער אמתן אייך נישט ווו צו פירן. ראַטעווע זיך אַליין ווער עס קען און ווי ער קען.

* * *

ביז צו דער „הוזיאַ־נאַ־זשידאַ״־העצע אויף שלום אַשן צוליב זיין „דער מאַן פון נוצרת״, האָב איך געמיינט, אַז נאָר אויסערלעך לעבן מיר יידן נאָך אַלץ איז אַ מין פּערמאַנענטן מיטל־עלטער. נאָך דער העצע האָב איך מיך אָבער איבערציי‌גט, אַז אויך אינערלעך לעבן מיר נאָך אַלץ פונקט אין דעם זעלבן מיטל־עלטער.

* * *

אמאָל האָב איך שעהן־לאנג וועגן דעם געטראַכט, אז מיר יידן וואָלט נויטיק געדארפט האָבן א מין ספּעציעלן יידישן עספּעראַנטאָ, א ספּעציעלע יידישע הילפס־שפּראַך. איך האָב געטראַכט און זיך נישט דערטראַכט. אריינגעקומען א פריינט, האָב איך אים דערציילט וועגן מיינע טראַכטונגען וועגן אן אל־יידישער הילפס־שפּראַך. דער פריינט האָט זיך צעלאַכט:

— און יידיש?

— גאָרנישט איינגעפאלן, האָב איך מיך א קלאַפּ געטון אין גראָב־קעפּיקן שטערן.

א נארישע געשיכטע, אָבער ביז גאָר א סימפּטאָמאַטישע. עפּיס מיינט דאָס צופעליקע פארגעסן.

* * *

דער איינפלוס פון יידן אויף דער וועלט דארף זיין אן אינעווייניקסטער, אן אינטענסיווער, אן אינערלעכער, אן עטישער. דער איינפלוס דארף נישט שטאמען פון עקאָנאָמיע, אָדער גאָר רעוואָלוציע, וואָס זענען אלעמאָל לויטער דרויסן ביידע.

דער אינערלעכער איינפלוס דערוועקט צום ווינציקסטן האס ביים באַאיינפלוסטן און ער איז דערצו צום דויערהאפטיקסטן. אָט אויף דעם געביט ליגט די אמתע יידישע וועלט־צוקונפט. וועלן מיר עס אמאָל פארשטיין? —

* * *

איך האָב פיינט די יידישע גראָבע יונגען, וואָס ווילן נישט וויסן פון קיין שום יידישע אינטעלעקטואלן — נישט ווייניקער ווי איך האָב פיינט יידישע אינטעלעקטואלן, וואָס ווילן נישט וויסן פון קיין יידישע גראָבע יונגען.

* * *

אמתער אחדות איז דעמאָלט, ווען איינער ליידט פאר אלע און אלע ליידן פאר איינעם.

יידישער אחדות זעט אָבער אויס אזוי: אלע ליידן פאר איינעם, אָדער ריכטיקער — מען מאכט אלע ליידן פאר איינעם, אָבער איינער ליידט נישט פאר אלע, פשוט דערפאר ווייל עס זענען נישטאָ קיין מיטלען צו צווינגען אים דערצו.

* * *

אמאָל זענען מיר — יידן — געוועזן אן עם הספר.

היינט זענען מיר אן עם הצייטונג.

* * *

אָבער אז יידן וועלן באַקומען די אבסאָלוטע און פולע פרייהייט, וועלן זיי דאָך אונטערגיין, צי ווייסט איר דען נישט דערפון?

יאָ, אָבער אין יענעם מאָמענט וועלן זיי שוין אויך האָבן זייער וועלט־שליחות דערפילט און וועלן אויך שוין איבעריק זיין אויף דער וועלט.

* * *

די וועלט שטרעבט צום איבערמענש, וואָס זאָל זי אויסלייזן.

און מיר, יידן, דארפן שטרעבן צום איבער־ייד, וואָס זאָל אונז אויסלייזן. איידער מיר וועלן דעם איבער־ייד דערגרייכן — וואָס וועט אפשר אויך גלייכצייטיק טאקע זיין אן איבערמענש — וועט אונזער אויסלייזונג נישט קומען.

* * *

ביי אלע אנדערע פעלקער הויבט זיך יעדע באוועגונג אָן ווי א סטיכיע און גייט אריבער אין אָרגאניזאציע.

ביי אונז יידן הויבן זיך לרוב באוועגונגען אָן ווי אן אָרגאניזירטע זאך, אָבער מיט דער צייט גייען זיי אריבער אין סטיכיע און אין כאָאָס.

* * *

ווען יידן וואָלטן א פאָלק געווען, וואָלטן זיי דאָך — נאָך דעם, ווי די יידישע רעליגיע האָט פארלוירן איר טאָטאליטארע מאכט — געשאפן אן אָל־נאציאָנאלן יידישן און אפאליטישן דערציאונגס־סיסטעם. זיי האָבן עס אָבער נישט נאָר נישט געטון, נאָר טראכטן אפילו דאָס נישט צו טון. און אז עמיץ רעדט וועגן דעם, האָט ער אזא פנים ווי א מיושבער, וואָס רעדט צו משוגענע שטיינער און דולע קלעצער.

* * *

איבערגלויבן און גלויבן גייען כסדר האנט אין האנט.

אָט איז, למשל, מילה אן אינטעגראלער באשטאנדטייל פון יידישן גלויבן. און איז אין דער אמתן איבערגלויבן אין דער ריינסטער פאָרם.

איבערגלויבן איז דער סימבאָלישער טייל פון גלויבן, וואָס דאָס פּראָסטע פאָלק דערהויבט צו גלויבן גופא, ווייל אין תוך איז דאָס פּראָסטע פאָלק געצנדי־נעריש געגייגט.

* * *

וואנדערן איז א קאַטעגאָרישער אימפעראטיוו פון דער יידישער געשיכטע.

צופיל יוירונגס־שטאָף פארמאָגן מיר. לאָזט מען אָט דעם שטאָף צו לאנג אויף איין אָרט — איז נישט נאָר, וואָס ער פערמענטירט צו ראפיד אויסער־לעך, נאָר אינערלעך הויבט ער אָפּט אָן צו פוילן.

וואנדערן איז קאַטעגאָרישער אימפעראטיוו פון דער יידישער געשיכטע.

* * *

גוים גייען כסדר ארום מיט קליינע זעלבסט־מאָרד־רעוואָלווערן אין זייע־רע פארהארטעוועטע נשמות, דערפאר איז זיי אויך גרינגער דאָס לעבן. גרינ־גער דאָס לעבן און אויך גרינגער דער טויט. און מיר, יידן, גייען ארום מיט קליינע ווייגעשריי־סירענעס אין אונזערע פארווייכטע נשמות. דערפאר איז אונז שווערער דאָס לעבן און נאָך שווערער דער טויט.

* * *

איז עס בלויז גאָטס טייוולשער שפאס, וואָס ער פרוכפערט אזוי און מערט אזוי אונזער יידיש פאָלק? האָט ער א העכערע כוונה דערביי?

איז אויף ווענזשע האלט ער דעם סוד ? מיר האָבן דאָך שוין גאָר קיין כוח נישט מער.

* * *

נישטאָ קיין לייזונג פון די יידישע פּראָבלעמען אָן דער לייזונג פון די וועלט־פּראָבלעמען, דאָס איז מער ווי קלאָר און מער ווי לאָגיש.

אָבער איז דען דאָ א מעגלעכקייט צו לייזן די וועלט־פּראָבלעמען?

* * *

שווארצע נעגערס זענען נאָר דאָ אויף צוויי וועלט־טיילן, מיר יידן זענען די ווייסע נעגערס פון דער וועלט — און צעשפּרייט אין יעדן וויטסטן וויב־קעלע אירן.

* * *

דער הויף־נאַר פון דער וועלט, אָט דאָס, וואָס מיר זענען, מיר יידן.

אין היסטאָרישן פארנעם איז אונזער ראָל נישט טראגיש — נאָר טראַ־גיקאָמיש.

* * *

מיר זענען א פאָלק — מיר יידן — וואָס פון אינעווייניק פארשטייען מיר זיך אליין נישט, און פון אויסנווייניק ווערן מיר פון אנדערע נישט פארשטאַ־נען.

פון אינעווייניק — אומפארשטאנען לחלוטין, פון אויסנווייניק מיס־פאר־שטאנען לחלוטין. אָט דאָס זענען מיר — יידן.

* * *

וואָס מער איך זע פון דעם יידישן פאָלק אין אלע טיילן פון דער וועלט, אלץ מער ווייס איך וועגן אים. נאטירלעך. אָבער אלץ ווייניקער פארשטיי איך עס.

* * *

אָט ווען מען וואָלט זיך אזוי געקענט האלב־שמדן, אָפּטיילן זיך אויף פעסט פון דעם בלויז קוואַנטיטאַטיוון, פאסקודנע־גלייכגילטיקן טייל פון אונ־זער פאָלק — דער ערשטער פון די דאָזיקע האלב־משומדים וואָלט איך גע־ווען. כאָטש — אויף וואָס קען מען זיך אפילו האלב־שמדן?

* * *

די מייסטע רבנים: זיי זענען לחלוטין נישט נענטער צו גאָט, ווי אלע איבעריקע יידן, זיי האָבן נישט קיין שייכות מיט אים פילאָזאָפיש, זיי דינען אים נישט, פארשטייען אים נישט, האָבן אים אפילו נישט ליב. פאר זיי איז ער א באלעבאָס, וואָס כאָטש אים אליין זעט מען נישט — זעט מען גאנץ פינקטלעך יעדן חודש דעם געהאלט זיינעם, דאָס איז דער איינציקער שייכות פון די רבנים מיט גאָט. גאָט האָט דאָך קיין שום שייכות נישט מיט רעליגיע, נאָך ווייניקער מיט רעליגיעזער צערעמאָניע.

און דאָך זענען אויך צווישן די רבנים פארהאנען גרויסע היילִיקע אויס־נאָמען, פאר זיי האָב איך דרך ארץ. כאָטש זיי זענען אויך רעליגיעז, זענען זיי

אויך נאָענט צו גאָט. רעליגיע שליסט נישט אויס גאָט — זי האָט נור נישט קיין שייכות צו גאָט.

* * *

פּילאָ האָט געזאָגט: ווי די כוהנים אין א מלוכה זענען די יידן צווישן די פעלקער. יהודה הלוי: דאָס הארץ צווישן די גלידער פון א גוף — דער ייד אין דער וועלט.

אין אומענדליכע ליניע צווישן אומענדליכע קרייזן — גלויבט דער, וואָס שרייבט די ווערטער.

* * *

כאָטש אונזער נומעריש פאַרהעלטניש צו דער וועלט איז ווי איינס צו הונדערט, און לרוב אסך ווייניקער, איצט — ווי איז אונז — 12 מיליאָנען קעגן 2200 מיליאָנען, איז אָבער אונזער אידעען־פאַרהעלטניש צו דער וועלט ווי איינס צו איינס, אָדער העלפט צו העלפט. אידעע קעגן אידעע. ניין, נישט קעגן: אידעע צו אידעע.

* * *

אָפּטמאָל דאכט זיך מיר, אז דער טעטראגראמאטאן — יהוה — האָט נישט נאָר א שייכות צו גאָט אין דער וועלט, נייערט אויך צו ייד אין דער מענש־הייט. ייד איז געוועזן, איז און וועט זיין. ווי גאָט קען מער פון דער וועלט נישט אנטלויפן און וועלט נישט פון גאָט — אזוי אויך ייד פון דער מענשהייט און מענשהייט פון ייד. אין אלע אייביקייטן געבונדן.

* * *

קין, ברודער אונזערער אין בלוט, פאַרוואָס ווילסטו אויך נישט זיין אונזער ברודער אין גייסט ? וואָס זענען מיר שולדיק, וואָס גאָט אינטערע־סירט זיך מער מיט אונז? איז דען נישטאָ קיין אנדערער אופן פון אָפּרעכענען זיך מיט אונז דערפאַר — ווי ברודער־מאָרד? קין, זיי דער היטער פון אונזער גוף און מיר וועלן היטן דיין גייסט דערפאַר. נאָר א קורצע צייט אזוי און מיר וועלן זיך אויסגלייכן און וועלן גלייכע ברידער זיין. מיר ווילן דאָס. מיר שטרעבן דערצו. דאָס איז דער זין פון דער וועלט.

* * *

אין עקאָנאָמיש־פּאָליטישן זינען זענען מיר, יידן, אין די לענדער פון דער זייט ים — טאָטאלע אימיגראנטן. אין גייסטיקן זינען זענען מיר עס נישט, קענען עס נישט זיין און עס איז ניט גוט פאַר די אימיגראציע־לענדער, אז מיר זאָלן עס זיין.

* * *

אונזערע חכמים האָבן געלערנט: יעדער איינער ייד זאָל זיך פּערזענלעך באטראכטן ווי ער פּערזענלעך וואָלט אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים. אונזער וואנדערגעשיכטע פון די לעצטע יאָרן באפעלט: יעדער איינער גוטער ייד זאָל זיך באטראכטן ווי ער פּערזענלעך וואָלט געבליבן אויף יענער זייט אין די אומגליקלעכע לענדער — און האנדלען אין דעם זינען.

* * *

האס איז א מיסטישע זאַך.

אנטיסעמיטיזם איז דער מעכטיקסטער פון די מאָדוסן פון האס.

עקאָנאָמישע סיבות פון אנטיסעמיטיזם זענען נישט מער ווי א מאסקע, וואָס ער טוט זיך אליין אָן, אָדער א שלייער מיט וועלכן אנדערע שלייערן אים.

אטריבוטן פון גאָט — לויט ספינאָזא — כאָטש ער זאָגט עס מיט אנדערע ווערטער: מאטעריע און גייסט. אטריבוטן פון מענש — אויך לויט ספינאָזא — כאָטש ער זאָגט עס קיינמאָל נישט בפירוש: ליבע און האס.

אנטיסעמיטיזם שטעקט טיף, טיף אין די וואָרצלען פון בראשית פון מענש־באשאַף. מיט דער פונדאמענטאלער ענדערונג פון דער מענשליכער נשמה וועט ער פארשווינדן.

* * *

עס מאכט זיך א פאל — אין א שטארק צעקריגטער שטוב — גיט איינער פון די שטוביקע, א ברודער, א מאמע, א קינד, א סטראשע מיט זעלבסט־מאָרד. מאָמענטאַן פארשווינדט דער קריג. לעשן זיך אויס די ליידנשאפטן ווי מיט שלאגסרעגן געטראָפן. טויט איז נאָך עלעמענטאַרער (אויב עס איז בכלל מעגליך עלעמנטאר און עלעמענטארער) ווי האס.

לאָמיר, יידן, אפשר א פרווו טון אָט דאָס מיטל אין דער צעקריגטער שטוב פון דער וועלט. לאָמיר זי א סטראשע טון מיט אונזער נאציאָנאלן זעלבסט־מאָרד. דאָס וועט אפשר דער וועלטס נשמה אויפטרייסלען ביז אין אלע פונדא־מענטן און דער אנטיסעמיטיזם וועט פארשווינדן פון דער וועלט.

אפשר.

* * *

עס איז כמעט אן אקסיאָם, אז האס איז גייסטיקער עלעמענט אין דער וועלט.

אנטיסעמיטיזם איז שטאָף פון יענעם עלעמענט.

עלעמענט גאָלד איז דאָ אומעטום, דער עיקר אין ים, אין מינימאלע דאָ־זעס. פארהאנען אָבער ערטער ווו גאָלד דערשיינט אין גרודעס. „נאגעטס".

פארהאנען צייטן און לענדער אין וועלכע דער עלעמענט האס טרעט אויף אין גרודעס. דאָס זענען די צייטן פון אנטיסעמיטישע אויסברוכן, לענדער פו־לע מיט אנטיסעמיטיזם.

* * *

קען מען דען אן עלעמענט פון דער וועלט ארויסרייסן? ניין. דאָס איינ־ציקע וואָס מיר דארפן זיך באמיען איז: דעם עלעמענט האס, זיינע גרודעס, צו צעקלאפן, צעשטויבן, אויפטיילן איבער דער וועלט בעסער; אָפשאפן דעם עלעמענט — אומזיסטע מי.

* * *

איך קום פון א משפחה פון גליענדיקע, הארציקע, שיר נישט פאנאטישע נאציאָנאליסטן יידישע. און דאָך איז קיינער פון אונז קיינמאָל קיין שאָוויניסט נישט געווען. מיר האָבן ליב פאָלק, און אביסל ליבער — ווי דאָס איז נאטיר־

לעך — אונזער פֿאָלק. דער אויסגעהאַלטנסטער נאַציאָנאַליסט אין אונזער משפּחה איז געווען אונזער עלטסטער ברודער. און דאָך האָב איך אים אַמאָל געזען ווישן זיך די טרערן — און ער איז געווען אַ האַרטער און געפּריוווטער מענש — ווען ער האָט געזען און געהערט אוקראַיִנישע פֿאָלקס־לידער גע־זונגען און געטאַנצט דורך פּויערים אין דאָרף. ניין, נאַציאָנאַליזם איז נישט דער פֿאָטער פון שאָוויניזם, שאָוויניזם איז נישט דאָס קינד פון נאַציאָנאַליזם. ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען. זיי זענען אפילו נישט קיין קרובים.

* * *

ווערטער צו זיך אַליין: (ביי אָן אָפן, נאַכטיק פענסטער)

וויי איז מיר, וויי, ווי גערן וואָלט איך אַנטלאָפן פון דיין טוכלע הויז ישראל.

זענען אָבער אַלע אַרויסגענג, אַלע טירן און פענסטער פאַרשטעלט מיט גוים.

אין דרויסן פּרעסט די גוישע שווערט.

און דרינען זשאַווערט דער יידישער זשאַווער.

און וואָס טו איך דאָ, וואָס טו איך דאָ אין מיטן דערינען?

איך וויל דאָך גאַנץ פּשוט צו גאָט. צו אונזער אַלעמענס גאָט. צום גאָט פון דער וועלט.

דאָרט ווו שטערן לייכטן. ווו גאָט שוועבט צווישן זיי.

(אַ קוק צום הימל אַרויף)

וויי איז מיר, וויי. אויך צווישן די שטערן זענען דאָ יידן און גוים. איינע פון זיי ווינקען יידישלעך, אַנדערע לייכטן שטאַר און שטאַרק און גלייך אין די אויגן אַריין און גויש.

* * *

אונזער פיזישע מאַכטלאָזיקייט ברענגט אונז, יידן, כסדר צום אייביקן קוואַל פון דערפרישנדיקער גערעכטיקייט און דורשטיקע קוקן מיר צו דעם קוואַל און לעכצן נאָך די אייביק דערפרישנדיקע וואַסערן. אַן אַלטע מעשה.

און ביים קוואַל הויערן און לויערן וועלף און שלאַנגען. די וועלט די נישט־יידישע.

און פּונקט ווי דאָס לעמעלע אין דעם מעשהלע וועט קיינמאָל די וועלף נישט איבערצייגן, אַז אויך אים קומט אַ כלעפּטש וואַסער פון קוואַל, און ער האָט געגוג פאַר אַלעמען, ווייל — נישט אין וואַסער גייט עס, נאָר אין בלוט, אַזוי וועלן מיר די וועלט נישט איבערצייגן מיט ווערטער.

און דאָך — קיין אַנדערער וועג צום קוואַל איז נישטאָ, און אויך נישט קיין אַנדערער קוואַל.

עס מוז דאָך אמאָל קומען א רגע ווען די וועלף וועלן זאט זיין מיט בלוט און דעמאָלט וועט זיין אונזער שעת הכושר.

* * *

נישטאָ קיין יידנטום. עס איז דאָ בלויז אן אידעע פון יידנטום.

* * *

זינט מיר וויסן וועגן אונזער שליחות, ווילן מיר זיין דאָס וועלט־דער־לייזנדיקע, פארבלוטיקטע לעמעלע.

זינט די וועלט ווייסט וועגן אונזער שליחות פארוואנדלט זי אונז אין איר זינדיקן באָק, אין איר שעיר לעזאזל.

פונקט ווי אין שלום עליכם׳ס „פארכישופטן שניידערל".

דער חילוק איז נאָר, וואָס דעם שניידערל האָט זיך געחלומט א קעטירל מילך.

דער וועלט חלומט זיך כסדר א ים מיט בלוט.

* * *

און פונקט איצט, ערב דער וועלט־אויסלייזונג גיבן מיר אויס אזויפיל נאציאָנאלע ענערגיע צו שאפן נאָך איין קליין נאציאָנאל מלוכהלע.

נאָר אז יידן שפארן זיך איין — העלפט גאָרנישט.

עס האָבן גאָרנישט געהאָלפן די רייד פון שמואל הנביא קעגן א מלך־מלוכה.

און וואָס זאָל שוין העלפן היינט קעגן א מלוכה סתם — אז אפילו רייד פון א שמואל הנביא זענען נישטאָ. אדרבא, היינט רעדן גאָר די שמואל׳ס לטובת א מלוכה.

די רייד האָבן נישט קיין שייכות און שטעלן זיך נישט אנטקעגן אלערליי טעריטאָריאלע יידישע קאָנצענטרירונגען צוליב קולטור־שטייגערישע צילן.

* * *

אקסיאָם: ווי ליכט און וואַרעמקייט זענען אידענטיש, אזוי אידענטיש איז ליבעראלע יידן־פּאָליטיק פון א מלוכה מיט איר אינערליכער גערעכטיקייט און עטישקייט. דעריבער : נישט בלויז פון מיין עגאָיסטיש־יידישן שטאנד־פונקט, נאָר אויך פון מיין אלמענשלעכן עטישן שטאנדפונקט, האלט איך אלעמאָל מיט דער מלוכה, וואָס איז גוט צו יידן. פון אזא מלוכה קען איך אלעמאָל דערווארטן מער אבסאָלוטע גערעכטיקייט. און וואָס גרעסער און שטארקער אזא גוטע־צו־יידן מלוכה איז, אלץ מער קען איך גלויבן אין דער דויערהאפטיקייט אירער, אלץ מער דארף איך מיך רעכענען מיט איר.

* * *

נייע דאָגמען — לאכסטו — נייער תנ״ך — כיכיקעסטו — —

איצט — האלסטו זיך ביי די זייטן — ווען מיר האלטן ביי א נייער יידי־שער מלוכהשאפט —

זאָג איך דיר, אז דווקא דערפאַר, ווייל מיר האלטן אין אזא מאָמענט אין אונזער געשיכטע, ווען די פארווירקלעכונג פון די ציוניסטישע אידעאלן איז אזוי נאָענט — ווען עס איז דאָ די געפאר, אז מיר זאָלן רעדוצירט ווערן צו א לאנד־פאָלק לו יהי די אביסיניער — אָן א שום שמץ פון פאראכטונג צו זיי, חלילה — דארפן מיר זיך פארגרייטן מיט א צווייטן תנ׳ך באצייטנס, וואָס זאָל אונז נישט לאָזן איינדרימלען אין שאָטן פון אונזער פייגנבוים, איינגע־שלעפערט דורך דעם זאפט פון אונזער ווייַנשטאָק . . .

* * *

עס מוז, עס מוז געפונען ווערן א קולטור־אידעאל, פאר דעם מאָדערנעם ייד אין אמעריקע.

און אויב מען קען נישט געפינען — מוז מען קויפן פאר געלט. אין אמעריקע קויפט מען דאָך אלץ פאר געלט. מילא קויפן איז א שפּאס, אָבער אויפס כוח מוז מען געפינען.

מיר יידן ווייסן דאָך, אז אפילו די גרעסטע אידעאלן, די אוודאי און אוודאי נישט, וואקסן נישט פון זיך אליין. מען טראכט זיי אויס. צי אין פער־ציק טעג און נעכט אין די בערג מיט גאָט, צי אין פערציק יאָרן אויף א בוי־דעם־שטיבל מיט גאָט און מיט זיך.

און אויב מען קען נישט געפינען דאָס גרויסע קלינגוואָרט פאר דעם ייד אין אמעריקע איז כאָטש דערווייל דאָס קלינגוואָרט וועגן דער נויטיקייט פון אזא קלינגוואָרט.

און אויב קיין חכם איז נישט קלוג גענוג צו געפינען א נאציאָנאל־קול־טורעלע פלאטפאָרמע שוין איצט — איז זאָל מען דערווייל נאָכזאָגן די פלאַט־פאָרמעס פון די יידישע באוועגונגען אין איראָפּע פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה: קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

און זאָלן זיך מיט דער קולטורעלער יידישער אויטאָנאָמיע פאקטיש בא־נוצן היינטצוטאָג בלויז איינער פון הונדערט יידן אין אמעריקע, בלויז איי־נער פון טויזנט, וועט דאָס זיין דער זוימען.

מיר יידן האָבן זיך קיינמאָל נישט געשראָקן און דארפן זיך ווייטער נישט שרעקן פאר מינימאלע גרופּעס, וואָס טראָגן מאקסימאלע יידישע אידעען.

* * *

די צייט פון יידן אלס וועלטפאָלק איז נישט פארביי, נאָר זי הויבט זיך ערשט איצט אָן. כל זמן ציוניזם איז געווען אן אידעאל — איז וועלטפאָלק געווען בלויז א באשיידענע ווירקלעכקייט.

איצט, אז ציוניזם ווערט — שטראָפּט מיך נישט פאר די רייד, פּאָליטי־קער יידישע — באשיידענע ווירקלעכקייט, וואקסט אויס אין א גיגאנטישער גרויס די וועלט־פאָלק אידעע. אדרבא, אין ליכט פון דער באשיידענער ווירק־

לעכקייט פון ציוניזם וואקסט זי אריבער אלע גרעניצן, אין אלע דריי דימענ־זיעס, פון אמאָל.

און מיט דער וועלט־פאָלק־אידעע — די אידעע פון דער וועלט־שפּראך אונזערער — יידיש.

אויך די צייטן פון יידיש הויבן זיך ערשט אָן.

א טעריטאָריע ערגעץ־ווו פאר יידן וועט ארויסשפּרינגען און איר לשון וועט זיין יידיש.

א טעריטאָריע פאר די יידן אין רוסלאנד צעוויקלט זיך — און איר לשון איז שוין יידיש.

דער המשך פון דער יידישער וועלט־קולטור וועט זיך פארזעצן אין יידיש.

אויך העברעאיש וועט דורך יידיש געווינען. יידיש וועט נישט דערלאָזן, אז זיין אוראלטע הערליכע מאמע זאָל פארזינקען אין א ווינקל. אזוי ווי שלמה המלך האָט אמאָל זיין מוטער בת שבע נעבן זיך אויפן טרוין אוועקגעזעצט, אזוי וועט יידיש אוועקזעצן העברעאיש נעבן זיך אויפן וועלט־רייטוואָגן, נישט חלילה די וועלט צו באצווינגען, נאָר דאָס וועלט־הארץ צו געווינען פאר די שיינ־גרויסטיפקייטן פון די רייד פון דעם מלך און זיין הערליכער מוטער.

* * *

אין אונזער ערשטן תנך זענען מיר געווען אָנגרייפער, אין אונזער צווייטן וועלן מיר זיין פארטיידיקער.

אין דעם ערשטן האָט גאָט אָנגעגריפן דעם מענש.

אין דעם צווייטן וועט זיך פארטיידיקן מענש קעגן גאָט.

אין דעם ערשטן האָבן מיר אָנגעגריפן די וועלט דורך און מיט גאָט.

אין דעם צווייטן וועלן מיר זיך פארטיידיקן קעגן די אנגריפן פון דער מענשהייט.

אָנגרייף און פארטיידיקונג אין אסך, אסך מאָדוסן אונטערשיידן די צוויי תנך'ן.

* * *

ווען עס וואָלט חלילה וואר געוואָרן היטלערס חלום, דאָס יידנטום איינ־גאנצן אויסגעקוילעט און נאָר איין באוווסטזיניקער ייד וואָלט ערגעץ געבליבן, וואָלט אָט דער ייד אָבסערווירט אזא מין מענשהייטס־קאַטאַקליזם, אזא צוזא־מענברעכן פון יעדער שפּור פון מענשליכער קולטור, אזא מין ארייננפאלן אין אייביקן תהום אריין, אז אָט דער איינער ייד די וואָלט בפועל ממש געזען דעם פיזישן אמת פון דעם מכלומרשט צו אבסטראקטן אקסיאָם, אז פונקט ווי ייד אָן וועלט, אזוי קען אויך וועלט אָן ייד נישט לעבן.

* * *

אין יעדן דור זענען זיי אויפגעשטאנען אונז צו פאַרטיליקן, אָבער אין קיין שום דור האָבן זיי אזוי בחוש נישט געזען, אז זיי זענען אויך אויפגעשטאנען זיך אליין מיטצופאַרטיליקן.

* * *

1945־1946־1947 — דאָס ערשטע מאָל זינט די וועלט שטייט, זינט יידן ווערן געהרגעט, האָט די וועלט אלס גאנצע, צוליב דעם היטלער־מאנסטער, דערפילט א שולדיקייטס־באוווסטזיין לגבי אונז יידן. עס איז זייער א דעליקאַטע סיטואציע — מחמת די וועלט, פונקט ווי א יחיד, וויל גערן פטור ווערן פון דעם שולדיקייטס־געפיל. אין אזא צייט איז נויטיק די אייגנעאלטנסטע און קליגסטע יידישע פירערשאַפט, אין אזא צייט דאַרפן מיר יידן אַרויסווייזן אלע אונזערע מעלות און נאָר מעלות. אָבער פונקט אין דער צייט האָבן זיך טיילן פון אונזער פאָלק דערמאַנט, אז מיר האָבן אויך סיקריקין געהאַט און מען דאַרף דורך היינטיקע סיקריקין־מעשים אויפפרישן די אַמאָליקע ענליכע מעשים פון מעסער־העלדן פון אונזער פאָלק. און די וועלט מיט איר שולדבאוווסטזיין שטייט און קוקט צו און קוועלט פון נחת און עס ווערט איר אלץ גרינגער און גרינגער. * * *

אויפרודערן דאָס שולד־געפיל פון דער וועלט לגבי אונז איז אוודאי גוט, אָבער אין דער זעלבער צייט און אין דערזעלבער מאָס מוז מען אויך אויפרודערן דאָס חוב־געפיל פון ייד אליין לגבי דעם אייגענעם פאָלק, יאָ, לגבי דער וועלט, וואָס מער מיר פאַרגעסן אונזער חוב, אלץ מער פאַרגעסט די וועלט איר שולד. * * *

די צייט פון די צייטן איז געקומען, דער נירנבערגער פראָצעס האָט עטאַבלירט, צום ערשטן מאָל אין דער וועלטס געשיכטע, דאָס וואָס די נביאים האָבן געזאָגט — א פעלקער־געריכט. יעדע שעה אין יעדן טאָג דאַרפן מיר דאָס געדענקען און זיך אָנשטרענגען צו זיין דערוואַקסן צו אָט דער שעה, צו אָט דער צייט פון די צייטן. * * *

נישט איינמאָל, און נישט האָבנדיק קיין ערד אונטער די פיס, נייערט נאָר עקאָנאָמישע טאַלענטן און אויך אָפטמאָל מיטלען דערצו, האָבן מיר קאַפּיטאַליזירט ספּעציעלע עקאָנאָמישע וועלט־סיטואציעס. איצט געפינען מיר זיך, צוליב דעם שולדגעפיל פון דער וועלט לגבי אונז, אין א ספּעציעלער פּסיכאָלאָגישער וועלט־סיטואציע. אָבער שטאָט צו קאַפּיטאַליזירן זי מיט גרויסן באַדאַכט, שפּילן מיר האזארד, שטעלן מיר איין אונזער גאַנצע וועלט־געשיכטע אויף דער אומזיכערער קאַרט פון איין וועלט־שעה.

* * *

ווען די גאַנצע וועלט לגבי אונז איז געוועזן גוי — זענען מיר געוועזן ייד. דאָס ערשטע מאָל ווייזן זיך דינע סימנים, ליכטיקע שטראַלן מאחורי

הפרגוד פון דער וועלט־געשיכטע, אז זי ווערט אויך אביסל ייד לגבי אונז, און פונקט אין דער צייט צווינגען אונז געוויסע פארטייען צו ווייזן דער וועלט דאָס גוישסטע פנים אונזערס, וואָס אין דער אמתן איז עס אבסאָלוט נישט כאראַקטעריסטיש פאר אונז.

* * *

איין גורל! דער איינציקער אבסאָלוטער אטריבוט צו דערקענען א ייד.

איינמאָל בין איך אין האנג־קאָנג געזעסן אין א קאפע ביי א טישל מיט נאָך דריי יידן. אן ארץ־ישראלי, אן איראקער, אן אדריאַנאָפּאָלער און איך, א ווארשעווער. מיר האָבן נישט געהאט קיין געמיינזאם מאמע־לשון, נאָר פיר יידישע מאמע־לשונות: לשון קודש, אראביש־יידיש, לאדינא און יידיש. קיין געמיינזאמע געשיכטע, איינער האָט געקענט בלויז דעם חומש, איינער דעם תנך, איינער האָט גאָרנישט געוווּסט, און איך — אָט אזויפיל וויפיל מען קען וויסן האָבנדיק געלעזן די גרויסע יידישע היסטאָריקער. קיין געמיינזאמע רע־ליגיע אין טיפסטן תוך, יאָ, צוויי זענען בכלל נישט רעליגיעז געווען. קיין געמיינזאמע ראסע. און אזוי ווייטער. און דאָך — ווען מיר וואָלטן אלע פיר געווען אין די יאָרן 1939־1944 אין אייראָפּע, וואָלטן מיר אלע געהאט איין געמיינזאמען — גורל. גורל איז דער איינציקער אבסאָלוטער אטריבוט צו דערקענען א ייד.

* * *

אפילו לויט סטאלינען, דעם סופער־מארקסיסט, היסטאָרישן מאטעריא־ליסט, דיאלעקטיקער, רעאלפּאָליטיקער, וואָס נישט נאָר שטייט ער אויף דער ערד, נאָר איז ממש מיט שטיוול איינגעגראָבן אין איר, איז די דעפיניציע פון וואָרט נאציע אט אזא: א נאציע איז א היסטאָריש אויסגעבילדעטע, שטאנד־האפטיקע געמיינזאמקייט פון מענטשן, אנטשטאנען אויף דער באזע פון גע־מיינזאמקייט פון שפּראך, טעריטאָריע, עקאָנאָמישן לעבן און פּסיכישער סטרוקטור, וועלכע אנטפּלעקט זיך אין דער געמיינזאמקייט פון דער קולטור. — — — ווי איר זעט האָט אפילו די דאָזיקע אולטרא־ראציאָנאליסטישע דע־פיניציע א מיסטישן שפּאלט. זי זאָגט „פּסיכישע סטרוקטור". ניין, נישטאָ קיין שום שפּאלט אין דער וועלט צו אנטלויפן פון דער נאציאָנאלער פראגע. זי שטעקט אין אונז ווי אונזער מוח, אונזער הארץ, אונזערע אויגן. און אזוי דעליקאט דארף מען זי באהאנדלען און דעמאָלט וועט זי זיין א ברכה, טאקע ווי די אויגן, דער מוח, דאָס הארץ.

* * *

מיט אל זיין שכל האָט ספּינאָזא נאָר צוויי אטריבוטן פון דער סובסטאנץ דערקענט — געדאנק און אויסשפּרייטונג. און מיט אל דעם שכל פון אלע דענ־קער פון דער וועלט האָט מען זיך ביז איצט בלויז צו איין אבסאָלוטן אטרי־בוט פון ייד דערטראכט: שותפותדיקער גורל.

* * *

כמות־יידן זיינען אלע יענע מענטשן, וואָס האלטן זיך אליין פאר יידן, אָדער די וועלט האלט זיי, צוליב וועלכע נישט איז סיבות, פאר יידן. מיט די איכות־יידן איז שוין דער ענין שטארק, שטארק קאָמפּליצירט.

דער סך הכל פון אלע קוואַנטום־יידן, נעמט אָן די וועלט, איז דאָס יידי־שע פאָלק.

אזוי פירט זיך טאקע די וועלט. מער פאָלקס־קוואַנטום, מער קוואַליטעט. מער שטייערן, מער סאָלדאטן, מער ערד איז נויטיק.

ביי אונז איז קוואנטום אפט בלויז באלאסט.

א פארצווייפלט געוואָרענער ייד, ווען איך האָב אמאָל די טעאָריע קלאָר געמאכט, האָט אין זיין הילפלאָזיקייט פאטעטיש אויסגערופן: — אָבער יעדער קוואנטום־ייד איז דאָך טעאָרעטיש און פאטענציעל א פאָטער פון אן אלבערט איינשטיין.

און איך בין אנטשוויגן געוואָרן, ווייל איך האָב באנומען די וויכטיקייט פון יידישן קוואנטום.

* * *

ער איז געוועזן אן אנטשיידנדיקער קעגנער פון דער אידעע פון יידי־שער אויסדערוויילטקייט, ספינאָזא, אָבער אויך ער האָט באנומען, אז משה האָט די אידעע געמוזט צוטראכטן צוליב פּאָליטיש־סטראטעגישע צילן, אפילו אין זיין צייט שוין, ווען מיר זענען בלויז א קליין וואנדערפאָלק געוועזן. על אחת כמה וכמה איז די אידעע וויכטיק סטראטעגיש, פּאָליטיש און אלס פארטיידי־קונגס־וואָפן ווען מיר זענען אן אלט, גרויס, וועלט־וואנדערפאָלק געוואָרן, און די וועלט־שנאה צו אונז איז מיט דריי טויזנט יאָרן עלטער געוואָרן און א מידקייט שיילט אונז פון אינעווייניק אויס ווי פּרוכנע אין אן אור־אלטן בוים. קענסט זי נישט אקצעפּטירן, די אידעע פון אויסדערוויילטקייט, דארפסט זי אָבער אויך נישט אויסלאכן.

* * *

אויב אָט די הייליקע לאָיאליטעטס־דרייאיינקייט — לאָיאל צו דיין יידיש פאָלק, לאָיאל צו דיין ערשטן שכן־פאָלק, לאָיאל צו דעם מין מענש, איז אין דיר — ביזטו אן עכטער ייד.

די לאָיאליטעט צו דיין אייגן פאָלק — איז דאָך זעלבפארשטענדלעך.

די לאָיאליטעט צו דיין ערשטן שכן־פאָלק קענסטו נאָר דאמאָלט אויפגעבן, ווען דאָס פאָלק, אָדער די מלוכה וויל דיך דערשטיקן, ווי דאָס צארן־רוסלאנד אמאָל, דאָס נאצי־דייטשלאנד נישט לאנג.

די לאָיאליטעט צום מין מענש קענסטו אפילו דעמאָלט נישט אויפגעבן ווען דער מין מענש איז אזוי גלייכגילטיק צו דיר, אין דיין העכסטער נויט, ווי ער איז געוועזן אין 1933־1945. דיין אייגענער, עלטסטער יידישער מיטאס

זאָגט: איין גאָט האָט איין מענש באַשאַפן. צווערשט גאָט, שפּעטער מענש, שפּעטער 1700 יאָר נאָר מענש, און ערשט דעמאָלט דער ערשטער ייד — אברהם.

* * *

לערן דיינע קינדער : (אין וועלכן לאַנד פון דער וועלט עס זאָל נישט זיין)

1. די יידן פון דעם לאַנד זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער מלוכה.
2. דאָס יידנטום פון דעם לאַנד איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם וועלט־יידנטום.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך מאָדולירט, ניין, כמעט אָפּגעשריבן, פון די באַשלוסן פון דער ערשטער יידישער לערער־קאָנפערענץ אין באַנייטן פוילן נאָך דער נאַצי־אָקופּאַציע.

* * *

די בריטישע אימפּעריע און ראַטן־פאַרבאַנד האָבן אַלס ערשטע מלוכות אין דער ניי־צייט געטון גרויסע חסדים מיט אונזער פאָלק. די בריטישע אימפּעריע דורך באַהאַנדלען אונז ווי אַן איינהייטלעך וועלטפאָלק, דער ראַטן־פאַרבאַנד דורך קוואַליפיצירן דעם אַנטיסעמיטיזם ווי אַ פאַרברעכן. ביידע די מלוכות האָבן זיך דערמיט פאַרדינט אַן אייביקן דאַנק פון אייביקן פאָלק. ביידע די מלוכות זענען מוראַדיק שאָקירט צוליב דער היסטעריע מיט וועלכער טיילן פון אונזער פאָלק באַקעמפן זיי — אַרויסווייזנדיק דערמיט דאָס אַבסאָלוטע פעלן פון היסטאָרישן טאַקט.

* * *

צווייטמאָל האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד — ווילנדיק צי צופעליק, דער פאַקט שטייט פעסט — גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק געראַטעוועט. איינמאָל דורך אַריינלאָזן הונדערטער טויזנטער יידן, ווען די גאַנצע וועלט איז פאַר זיי פאַרשלאָסן געווען. צום צווייטן מאָל דורך אַרויסלאָזן די זעלבע יידן פון אַ הערמעטיש פאַר עמיגראַציע פאַרשלאָסענעם לאַנד. דאָס וואָס אַ גאַנצע רייע יחידים, גראַד פון די צווייטמאָל געראַטעוועטע, האָט זיך גענומען צום פאַרעפּנטלעכן רעוואָלאַציעס וועגן דעם לאַנד — וואָס האָט זיי איינמאָל געשענקט דאָס לעבן און דאָס צווייטע מאָל די פרייהייט פון וואַנדערן — איז אַ סימן, אַז וואָס שייך דיפּלאָמאַטישער דיסציפּלין האַלטן מיר, דאָס אוראַלטע וועלט־פאָלק, אין ערשטן יאָר פון אַ קליינשטעטלדיקן דרדקי־חדר. די דאָזיקע ווערטער האָבן קיין שום שייכות נישט צום עצם ענין פון קריטיקירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר זיינע מעטאָדן.

* * *

איך קען אַביסל די וועלט־מאַפּע פון דער פּראַקטיק פון צען יאָר וועלט־רייזעס און אַזוי גיך איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערהערט וועגן דעם טעריטאָריאַליסטיש־יידישן סורינאַם־פּראָיעקט, האָט באַלד אַ וויזיע אַ שיין געטאָן:

יידיש וועלטפּאָלק — א וועלט־אדלער. זיין גוף אין ארץ ישראל, דער שפּיץ פון זיין רעכטן פליגל איז ביראָ־בידזשאַן, דער שפּיץ פון לינקן פליגל איז סורינאַם.

* * *

צו די, וואָס לאכן איבערן פּראָיעקט פון די טעריטאָריאַליסטישע יידישע גרופּן צו עטאַבילירן א יידישן צענטער אין סורינאַם מיט א קולטורעלער יידישער אויטאָנאָמיע, און דער עיקר טאקע מיט יידיש, אלס דעם אָפיציעלן לשון:

נישט ווייניקער ווי די יידן אין אייראָפּע דארפן אזא טעריטאָריע צוליב די פיזישע נויטן, דארפן די יידן אין אמעריקע אזא טעריטאָריע צוליב זייערע גייסטיקע נויטן.

אויב דער יידישער עקאָנאָמיש־פיזישער קאָלאָס, דער איבער־פינף־מיליאָניקער יישוב אין אמעריקע וואָלט געוווסט, אז יידישע קולטור לעבט און טאקע אונטער זיין נאָז ממש, וואָלט דאָס ליים פון זיין קאָפּ באלעבט געוואָרן מיט מוח און דער שטיין פון זיין הארץ מיט לעבעדיקן אָטעם. ווארום דער חילוק צווישן דעם אמעריקאניש־יידישן קאָלאָס און דעם קאָלאָס פון דער דניאל־וויזיע איז, אז יענער האָט פיס פון ליים און דער האָט א קאָפּ פון ליים, כאָטש פיס פון מעטאל.

ווי דעם מהר״לס באלעבנדיקער אטעם וואָלט די נאָגענטשאפט פון אזא טעריטאָריע מיט קולטורעלער אויטאָנאָמיע געווירקט אויף דעם גוטן קאָלאָס, וואָס זיין ראָל אין דער יידישער געשיכטע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן.

* * *

לאנגזאם שלאָגט זיך שוין דורך אומעטום דער געדאנק פון אינטעגראלער יידישער קולטור פאר אלע יידן. אפילו יידיש און העברעאיש הויבן זיך אָן לאנגזאם צו דערזען קעגנזייטיק. די, ווי עס האָט זיך געדאכט, צוויי סאמע צעקריגטסטע ברידער אין אונזער יידישער משפחה.

און עס איז שוין צייט א וואָרף צו טון א וואָרט — עס איז אלעמאָל צייט, עס וועט לייזער לאנג נישט זיין צו שפּעט — וועגן אינטעגראלער יידישער וועלט־פּאָליטיק.

אויב אינטעגראלע יידישע קולטור הייסט קעגנזייטיקע אנערקענונג, קעגנזייטיק געניסן איינער פון אנדערן, הייסט אינטעגראלע יידישע פּאָליטיק דאָס קעגנזייטיקע זיך נישט־פארלייקענען און נישט באקעמפן עד חרמה.

* * *

אָן ענגלישער פּאָליטישער פּרינציפּ אין א מלוכה איז: צוויי פּארטייען, איינע רעגירט און די אנדערע קאָנטראָלירט.

אזוי ווי מיר האָבן נישט קיין יידישע מלוכה און ביי אונז רעגירן, אָדער ווילן רעגירן, אָדער עס דאכט זיך זיי, אז זיי רעגירן, אלע פּארטייען —

דארפן און מוזן מיר האָבן אַלעמאָל א שטאַרקע פּאַרטייליאָזע גרופּע, וואָס זאָל זיי אַלעמען קאָנטראָלירן. זי מוז אָבער איר אום־און איבערפּאַרטייאיש־קייט כאָטש פינף־מאָל א טאָג דאָקומענטירן; ביי דער ברכה, ביי שחרית, ביי מנחה, ביי מעריב און צו קריאת שמע, און אפילו א זעקסט מאָל אויך — צו חצות. מיט איין וואָרט — צו יעדער רגע.

.(1946)

* * *

אַלע פעלקער באַזיצן זייער קולטור אויף צוויי בולט אָפּגעטיילטע פלאַכן. די איינע איז די עטישע גרויס־קולטור, וואָס יעדעס פאָלק באַזיצט אין א קלענערער אָדער אין א גרעסערער מאָס. אָפט איז אין אָט דעם אוצר פשוט אַריינגעפלאָכטן די געשיכטע פון דעם פאָלק. אויב די געשיכטע האָט עטישע גרויס־אידעען געהאַט. די צווייטע פלאַך איז די שטייגערישע אָדער עטנישע קליין־קולטור. פון דעם מין באַזיצט יעדעס פאָלק א היפּש ביסל.

צוליב זיבן מאָל זיבן סיבות זענען ביי אונז יידן מער בולט, ווי ביי אַנ־דערע פעלקער, אָט די דיסטינקטע צוויי פלאַכן פון דער עטישער יידישער גרויס־קולטור און דער עטנישער יידישער קליין־קולטור.

* * *

ווי די דריי אבות אונזערע, וואָס זענען לויט דער מסורה אונזערער גע־קנופּט און געבונדן דורך בלוט און דורך גייסט—אברהם און יצחק און יעקב—אַזוי זענען די דריי אַבסטראַקטע אבות אונזערע, די דריי לשונות, די דריי גרויס־לשונות אונזערע, געקניפּט און געבונדן מיט דעם בלוט פון אונזער געשיכטע און מיט דעם גייסט פון אונזער אייביקייט —

לשון קודש — אברהם,
לשון ארמית — יצחק,
לשון יידיש — יעקב.

* * *

א קלינגוואָרט וואָלט עס זיין געדאַרפט פאַר די יידן אין אַמעריקע, ניין, פאַר די יידן פון דער וועלט א קלינגוואָרט, וואָס זאָל יעדן טאָג אַריינקלינגען אין יעדן יידישן אויער. א קלינגוואָרט? ווייניק — א צווינגוואָרט וואָלט עס זיין געדאַרפט:

זיין א ייד הייסט קענען לכל הפּחות צוויי לשונות; איינס — דיינס, און דאָס אַנדערע דאָס לשון פון דיין מלוכה, אָדער פון דעם פאָלק אין וועמעס גאַסטפריינטלעכער מיט דו וווינסט.

און אין ארץ ישראל — דריי לשונות. העברעאיש, יידיש און א מלוכה־אָדער לאַנד־לשון.

אויב פאַר אַלע יידן פון אַ גאַנץ יאָר און אַ גאַנצער וועלט איז געגוג צוויי לשונות, פאַר די עליטע־יידן, וואָס זיי האָבן פּרעטענציעס צו זיין, און איך זאָג עס אָן קיין שום איראָניע, דאַרפן זיין פאַרפליכטנדיק דריי לשונות.

אויב מיר וועלן האָבן אַ טעריטאָריע ערגעץ־ווו־וווּ מיט יידיש אַלס הויפּט־לשון — וואָלטן מיר דאָרט געדאַרפט אויפשטעלן אויך דעם דריי־לשונות פּרינציפּ: יידיש, העבעראַיש און די לאַנד־אָדער מלוכה־שפּראַך.

* * *

איך האַלט פון דאָגמעס, איך האַלט אוודאי פון דיברות ווי מעכטיקע פּאַק־טאָרן אין לעבן פון אַ פאָלק. אין טעגלעכן לעבן זענען אַפילו דאָגמעס וויכטי־קער ווי דיברות. והא ראיה: די שלשה עשר עיקרים פון דעם רמב״ם זאָגן פרו־מע יידן יעדן טאָג — נישט אַזוי אָבער די עשרת הדיברות.

* * *

די יידישע געשיכטע אינטעגרירט סאַי ווי אַלץ, וואָס גרויס, און אַלע, וועמער גרויס איז געווען ביי יידן. יאָזעפוס פלאַוויוס איז לאַנג אינטעגרירט. דער רעליגיעזער גרעץ האָט אינטעגרירט דעם אַנטירעליגיעזן ספּינאָזאַ און געלאָזט אים שטאַרבן מיט אַ געטלעכן קוש, דער נאַציאָנאַליסט דובנאָוו האָט פאַרענטפערט דעם זעלבן, אַבסאָלוט אַנאַציאָנאַלן, פילאָזאָף און אים אוועקגע־זעצט אין דער מזרח־וואַנט פון יידישן גייסט־פּאַנטעאָן. פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס מיר דאַרפן איצט איינער דעם אַנדערן באַקעמפן עד חרמה. די גע־שיכטע האָט אָדלער־פליגל, פאַרוואָס זאָלן מיר איצט גראָבן ווי די בלינדע קראָטן אין דער ערד?

* * *

1947. מיט וועלכער נאַציאָנאַלער באַרעכטיקונג — פרעג איך — וואָגן מיר איינצורייסן זיך מיט דער גאַנצער וועלט? אויב מיר האָבן שוין פאַר־וואָרפן אונזער געשיכטע, אַז זי זאָל זיין אונזער לערער — כאָטש פון נאָענסטן איצט דאַרפן מיר דאָך עפּיס קענען לערנען. מה דאָך, אַז מיר האָבן געשריגן קעגן היטלערן און געהאַט דעמאָלט פאַרבינדעטע סאַי אין ענגלאַנד, סאַי אין אַמעריקע און סאַי אין רוסלאַנד און עס האָט נישט געהאָלפן — — ווי קען אונזער געשריי העלפן איצט. איצט שרייען מיר דאָך קעגן אונזערע פריער־דיקע פאַרבינדעטע. ווערזשע איז איצט אונזער פאַרבינדעטער? מיר דאַרפן גרויסע וויזיאָנערע פאַרויסגייער. און מיר האָבן אַפילו עטלעכע. נאָר די וויזיאָ־נערן האָבן מורא פאַר די קליינע פּאַרטיי־פּירערלעך, ווייל די מאַסן זענען מיט זיי. אין דער אמתן זענען אָבער די מאַסן מיט די וויזיאָנערן, נאָר זיי טאָרן נישט זייערע וויזיעס, וואָס גאָט האָט אָנגעצונדן אין זייערע הערצער, באַהאַלטן אונטער שעפעלעך.

* * *

די גרויסקייט פון יידישן געדאנק איז נישט דאָס וואָס ער איז דאָס אש פון אויסגעברענטע וועלטן, נאָר דאָס וואָס ער איז דער אייביקער פונק אין אָט דעם אש, א פונק פון א ניי פייער און א ניי ליכט.

* * *

און אויב מיר האָבן א חשבון מיט דער וועלט, און מיר האָבן אים, און עס איז אפשר דער גרעסטער חשבון אין דער גאנצער וועלטס געשיכטע, לאָמיר אים פאַרלייגן אין אונזער גרויסן יידישן וואָרט און נישט אין אונזערע קליינע פיזישע מעשים, וואָס וועלן זיך סאי ווי קיינמאָל נישט קענען אָנזען אויף דער ארענע פון דער פיזישער גבורה פון דער וועלט־געשיכטע. דאָס האָט נישט קיין שייכות צו די געטאָ־אויפשטאנדן, וואָס זענען געוועזן אויסדרוקן פון גייסטיקער גבורה און נישט פון פיזישער.

* * *

מיר האָבן אלעמאָל געדאַרפט און וועלן דארפן אין אלע היינטן אָרגאַניזירן דעם אינטעגראלן יידישן געדאנק, סאי דעם קולטורעלן און סאי דעם פּאָליטישן. אָט די הערלעכע, צווייזייטיקע יידישע מטביע, און נאָר זי, קען אויסקויפן ביי אונזער גורל א גוטע צוקונפט און דערלאנגען זי אונזער פּאָלק.

* * *

און אויב עס זעט זיך א וועלכער נישט איז שטעג דורך דעם דערנער־וואַרק פון די אלע מחשבות און טראכטענישן דאָ פריער, איז זיין נאָמען: אינטעגריטעט — אזוי גוט קולטורעלע ווי גוט אויך פּאָליטישע. דאָס און נאָר דאָס לערנען אונז די צוויי אטריבוטן פון דער יידישער געשיכטלעכער סובסטאנץ, איר דריי און האלבטויזנטיעריקע אויסשפּרייטונג איבער דער וועלט און איר דריי און א האלב טויזנט יאָרן אלטער געדאנק.

.1917־1947

II. הדרגות

זיבן קליינע געדאַנקען וועגן איין גרויסן געדאנק

.1

א ווייסטער חלום האָט זיך מיר היינט א האלבע נאכט געחלומט — די ערשטע האלבע נאכט. עס האָט זיך מיר געחלומט, אז איך בין געוועזן אין געטאָ. באקומען אן ערלויבניש צו באזוכן מיינע פריינט אין וואַרשעווער געטאָ. נאָר אזוי גיך איך בין דאָרט אריין — האָב איך באלד פאַרשטאַנען, אז קיין דערלויבניש ווידער ארויס פון דאָרט וועל איך שוין נישט מער באַקומען. אין חלום בין איך געגאנגען באזוכן א פריינט אויף דער דזיקע־גאַס. געגאנגען צוזאמען מיט א באקאנטער פרוי. עס איז אונז אנטקעגן געקומען

אויפֿן טראָטואַר א נאַצי־סאָלדאַט. איך האָב אויף דער גיך א פֿרעג געטון ביי דער באַקאַנטער, וואָס איך האָב איצט צו טון. זי האָט מיר געענפֿערט, אז איך דאַרף אוועקבויגן דעם קאָפּ. א מאַן טאָר נישט קוקן אויף זיי. פֿרויען מעגן. איך האָב אַזוי געטון. שעהן לאַנג האָט זיך דער ווילדער חלום געצויגן. עס איז געווען די ערשטע האַלבע נאַכט. איך האָב מיך אומרויק געוואָרפֿן אין שלאָף, אָנגעשטויסן זיך מיט דעם קאָפּ אָן דער וואַנט און זיך איבער־געוועקט. אָבער כאָטש איך האָב שוין גוט געוווּסט, אז עס איז א חלום געווען — באַרויקט האָב איך מיך נישט. אויך דער רויקער שלאָף פֿון דער צווייטער האַלבער נאַכט האָט קיין באַרויקונג נישט געבראַכט. דער חלום גייט מיר נאָך א גאַנצן טאָג. וועט מיר אפשר נאָכגיין א גאַנץ לעבן.

אז ס׳איז געוואָרן פֿרי — זענען מיך אַלערליי מחשבות, ווי די בינען, באַפֿאַלן און איך האָב מיר געטראַכט, אז דאָס איז דער ריכטיקער טאָג פֿאַר חשבון הנפש. א גרויזאַמער ייִדישער חלום — דאַרף קומען א קלאָרער ייִדי־שער חשבון הנפש נאָך אים.

איך זאָג שוין נישט „אויסקלערן" — אָבער איז דען טאַקע נישט מעג־לעך אַפֿילו צו קלערן מחשבות וועגן א גרויסן ייִדישן געדאַנק, וואָס זאָל אין אונזערע צעטרייסלטע נשמות ווידער אַריינשטעלן א חוט השדרה? איז דען טאַקע נישט מעגלעך אַפֿילו צו מעדיטירן וועגן אַזאַ מין געדאַנק? וואָס פֿאַר א געדאַנק מיר זאָלן היינט נישט אויסטראַכטן, וועט ער בשום אופֿן נישט זיין מער פֿאַנטאַסטיש לגבי דער איצטיקער וועלט, ווי דער געדאַנק פֿון איין גאָט אין יענער וועלט פֿון פֿילגעטעריי, ווען מיר — ייִדן — האָבן אים אין דער וועלט געבראַכט.

2.

אמת איז, אז דאָס אַריינבריינגען פֿון גרויס־געדאַנקען, אין דער וועלט פֿון קליינלעכקייטן און קליינלעכע מענטשעלעך, מאַכט אונז אומגליקלעך שוין פֿון דור דורות. אָבער ווייזט אויס, אז דאָס מזל אונזערס איז שוין אַזאַ. אָט די און נישט קיין אַנדערע ראָלע האָט אונז דער געניוס פֿון דער וועלט־גע־שיכטע צוגעטיילט. פֿאַרוואָס גראַד אונז? זענען מיר דען לפֿי ערך ווייניקער קליינלעך ווי אַנדערע פֿעלקער? און אפשר איז עס טאַקע צוליב דעם ווייל מיר זענען איבער דער וועלט צופֿעליק צעשפּרייט און זענען דערפֿאַר גוטע וועלט־אַגענטן פֿון נייע, גרויסע געדאַנקען. און אפשר זענען מיר טאַקע צו־ליב דעם איבער דער וועלט צעשפּרייט געוואָרן? אָבער דער געדאַנק איז שוין אָן אתה בחרתנו׳דיקער און ער איז מיר פֿרעמד.

הערש דוד נאָמבערג איז אַמאָל געקומען פֿון בערלין קיין וואַרשע. ער האָט דאָרט בייגעוווינט א היטלעריסטן־פֿאַרזאַמלונג. עס איז געווען אָן אַכט

יאָר פאר היטלערס קומען צו דער מאכט, האָט ער אונז געזאָגט: איך ווייס שוין פאַרוואָס די גוים זענען אזוי בייז אויף אונז. זיי זענען בטבע מענשן און גאָרנישט מער. זיי זענען היינט גוט, מאָרגן שלעכט — און פאַרקערט. זיי האָבן ליב דאָס לעבן אָט אזוי ווי עס גייט און מיר זענען געקומען און אַרויפ־געוואָרפן אויף זיי עפּיס אַן אבסטראַקטע מאָראל, וואָס זיי האָבן שוין מיט צוויי־טויזנט יאָרן צוריק צוליב אומפּאַרזיכטיקייט אָנגענומען און וואַרגן זיך מיט איר נאָך ביז היינט. די רעליגיע אַליין קענען זיי שוין נישט אוועקוואַרפן, שוין צופיל אריינגעקראָכן אין איר, נו איז „טאַכטער דיר זאָג איך — שנור דיך מיין איך"... נאָמבערג האָט זיך דעמאָלט נאָך נישט גוט אָריענטירט אין וועזן פון היטלעריזם. איצט איז שוין די נאָדל, וואָס נאָמבערג האָט דע־מאָלט אזוי וווּנדערלעך געפאָנט, פון זאַק אַרויס. איצט איז שוין: טאָכטער דיר זאָג איך און דיך מיין איך.

פראַנץ ווערפעל האָט אַרויסגעבראַכט א געדאַנק, אז אין אַקט פון א מתנה ליגט דערנידעריקונג פאַר דעם נעמער. וואָס גרעסער די מתנה — אַלץ גרעסער די דערנידעריקונג. ווי גרויס מוז דעריבער זיין דאָס דערנידערי־קונגס־באַוווסטזיין פאַר א מענשהייט לגבי איינס א פאָלק, וואָס האָט איר געבראַכט גאָט אלס א מתנה... דערפון נעמט זיך דער אומאויסלעשלעכער יידן־האַס.

און דאָך — ווי עס ציט א נאַכטפליג צום פלאַם — און דווקא נאָך דער נאַכט מיט דעם וויסטן חלום — ציט עס מיך און ציט צו טראַכטן מחשבות וועגן א נייעם געדאַנק אזא, וואָס מיר יידן דאַרפן ברענגען דער וועלט—ווייל דער געדאַנק פון איין גאָט איז שוין אויסגעשעפּט ביז צום דנאָ. ער איז שוין פאַרעלטערט. ער דאַרף שוין רענאָווירט ווערן. ער דאַרף שוין אפשר איג־גאַנצן געביטן ווערן. און אפשר איז דער צער, וואָס די וועלט טוט אונז איצט אָן נישט מער ווי א מין גיגאַנטיש היסטאָריש מאָנען פון דער מענשהייט: גיב אונז ווידער א געדאַנק דו זעסט דאָך ווו מיר האַלטן שוין, גיב אונז ווידער א געדאַנק — ראַטעווע אונז — יידישער ברודער אין דער פעלקער־משפחה. אפשר זענען די אַלע ליידן, וואָס מען טוט אונז, נישט מער ווי א געוואַלטיקע און וועלטהיסטאָרישע מאָנונג: טו דיין חוב — זיי ממלא דיין שליחות!

.3

אבסאָלוט אמת איז אפשר בלויז איין געדאַנק אין דער וועלט. אָבער צו דעם געדאַנק האָבן מיר זיך נאָך נישט דערטראַכט. דער גאָט־געדאַנק, דער אמת וועגן גאָט. און אַלע איבעריקע געדאַנקען און לאָגישע שלוסן זענען נאָר רעלאַטיוו. טייל זענען ווייניקער — טייל מער רעלאַטיוו — אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן.

דער מאַרקסיסטישער געדאַנק פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם איז אויך אונטערגעוואָרפן צו אַט דעם געזעץ. גאָר טיילווייז איז ער אמת. אינגאַנצן לייקענען אים נישט אויך די אַנטימאַרקסיסטן און אינגאַנצן באַווייזן קענען אים אויך נישט די איבערצייגטסטע מאַרקסיסטן.

אַזוי ווי מען קען די עכטקייט פון מעטאַלן פּריוון מיט כעמישע שטאָפן, אַזוי קען מען די אַבסאָלוטע עכטקייט פון געדאַנקען פּריוון, ווען מען מישט זיי מיט — טויט. און אויף דעם מאַרקסיזם קען מען אויף דעם אופן אויס־פּריוון.

נישט געקוקט אויף אַלע אָנשטרענגונגען לאָגיש צו באַווייזן, אַז דער מענש ווערט אויסשליסלעך — אָדער כמעט אויסשליסלעך — באַווירקט פון זיינע עקאָנאָמיש־מאַטעריעלע אינטערעסן — איז אָבער דער מענש נאָך אַלץ און אַלץ מער גרייט צו שטאַרבן פאַר ריין אַבסטראַקטע נשמה־אינטערעסן זיינע, ווי פאַר די מאַטעריעל־פיזישע אינטערעסן פון זיין גוף. קיינער פון די מיליאָנען און מיליאָנען מענשן, וואָס גייען איצט אין טויט אריין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָלט זיך נישט געלאָזן אומברענגען פאַר אַביסל מער פוטער אויפן טיש. רוקט מען זיי אָבער אונטער אידעאַלן פון נאַציאָנאַלן אָדער אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם — גייען זיי שוין גערן אין מאַסן אין טויט אריין.

ובכן — פּריוווט מען גרויסע אידעען מיט דעם כעמישן פּריוו־מיטל: טויט, קומט קלאָר און דייטלעך אַרויס, אַז אַבסטראַקטע, ממש ריין פילאָזאָפישע אידעאַלן זענען פיל, פיל וויכטיקער אפילו ביי דער פּשוטסטער מאַסע, ווי מאַטעריעל־פיזישע אינטערעסן.

.4

איך קער מיך אום צו מיין שרעקלעכן חלום, וואָס איז, ביים היינטיקן טאָג, (נאָוועמבער 1941) שרעקלעכסטעווירקלעכקייט פאַר צוויי דריטל פון מיין פאָלק און איך טראַכט: מיט וואָס, טאַקע מיט וואָס וואָלט איך אויפגעהאַלטן דאָס פלעמל פון מיין לעבנס־ליכט, ווען אויך פאַר מיר וואָלט מיין שרעקלעכער חלום געוועזן שרעקלעכע ווירקלעכקייט?

איך וואָלט אין אַזאַ פאַל געהאַט דריי וועגן פאַר מיר. איין וועג וואָלט געוועזן — ראַטעווען זיך דורך . . . טויט. דער צווייטער וועג וואָלט געוועזן — גאָר קיין וועג נישט — געדאַנקענלאָז דורכלעבן פון טאָג צו טאָג, ווי אַ חיה, וואַרטן אָן אַ ציל — כאַטש מיט האָפענונג, ווייל עס ליגט אין דער חיה־שער נאַטור פון מענש — צו האָפן. דער דריטער וועג וואָלט געוועזן — אַן אידעאַל, אַ יידישער גרויסער אידעאַל, אַזוי גרויס ווי עס זענען געוועזן די אידעאַלן פון די מיליאָנען און אָבער־מיליאָנען פון מענשן פון אַלע פעלקער,

ראסן און קלאסן, פון אלע נעכטנס און אלע היינטן — וואָס האָבן זייער לעבן געגעבן א זין און אפילו זייער טויט האָבן זיי געגעבן א זין.

א יחיד — ווי א חיה קען לעבן מיט יחידישע, קליינלעכע אינטערעסן.

א יחיד, וואָס פילט און נאָך מער א יחיד, וואָס פארשטייט זיין באלאנגען צו א כלל — קען נאָר לעבן מיט אידעען, אידעאלן, כלל־אידעאלן.

און וואָס וואָלט געווען מיין אידעאל, מיין יידישער אידעאל אין געטאָ?

.5

גרויס און מעכטיק איז דער פארמעסט פון אונזערע שונאים אונז צו פארניכטן.* נישט נאָר האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף אונז אלע פיזישע פאר־ניכטונגס־מכשירים, נאָר פונקט אין דער זעלבער מאָס האָבן זיי אָנגעשטעלט אויף אונז אויך מאָראלישע, גייסטיקע פארניכטונגס־מכשירים.

מילא — פיזיש קענען מיר זיך נישט פארטיידיקן.

נישט מיר באוועגן די כוואליע, וואָס טראָגט אין זיך אונזער רעטונג. מיר ווערן פון דער כוואליע בלויז מיטגעטראָגן. אונזער פיזישער אנטייל אין דער פארטיידיקונג קעגן די כוחות, וואָס ווילן אונז פארניכטן איז מי־נימאל.

אפשר איז אונזער רעטונג טאקע אין דעם, וואָס מיר האָבן לחלוטין נישט קיין פיזישע קראפט. מיר זענען ווי דער אטאָם אנטקעגן דעם האַ־מער . . . ער מעג זיין ווי גרויס און שווער און קלאַפּן מיט דער גרעסטער קראפט — דער אטאָם איז צו קליין און צו . . . שטארק, אז ער זאָל אים טאקע קענען טרעפן און פארניכטן. אָבער סוף כל סוף קען דאָך אויך דער אטאָם צעשטערט ווערן, אויב מען אטאקירט אים וויסנשאפטלעך. אמת, אז ער פראָדוצירט אין זיין צעשטערונג אזא מין קראפט, וואָס קען אלע גרעסטע האמערס פון דער וועלט אומברענגען . . .

און מיר ווערן אטאקירט אויך וויסנשאפטלעך, פילאָזאָפיש — נאָר מיר ווערן זיך נישט אויף דעם געביט מיט גלייכע מיטלען. און גראד אויף דעם געביט וואָלטן מיר געקענט זיין שטארק, עס איז אונזער געביט — דאָס גע־ביט פון גייסט.

די וועלט איז אפשר דערפאר אזוי בייז אויף אונז ווייל זי מאָנט נייע אידעען פון אונז און מיר זענען אנטשוויגן געוואָרן אין אונזער שרעק. אין אונזער שרעק פארן האמער.

.6

איך בין אראָפּ אין דעם קדשי קדשים פון מיין נשמה און איך האָב גע־פרעגט ביי זיך אליין: ווען דו וואָלסט היינט טאקע — ווי דיין חלום איז גע־ווען — פארשפארט געווען אין געטאָ, און דו וואָלסט דיך פון דאָרט נישט געראטעווען דורך טויט, און דו וואָלסט דאָרט נישט אויטאָמאטיש געראטע־

וועט געוואָרן דורך פאַרוואַנדלט ווערן אין א געדאַנקענלאָזער, האַפנונגס־פּולער מענש־חיה. נאָר דו וואָלסט געדאַרפט טראַכטן גרויסע, אייביקע יידי־שע געדאַנקען, וואָס האָבן שוין אָפּט די וועלט באַוויגן — וואָס וואָלסטו געטראַכט?

און איך האָב מיר געענטפערט: איך וואָלט געטראַכט אַזוי — אין דער צייט פון אומלאָגישער, קינדיש־נאַרישער, אומבאַהאָלפענער פיל־געטעריי האָבן מיר א בליץ געטון, ווי א בליץ אין דער פינסטערער שטורם־נאַכט מיט דעם געדאַנק פון איין גאָט — און פון דעם ליכטיקן בליץ אויף א רגע פון דעמאָלט — איז סוף כל סוף געוואָרן טאָג. און איצט דאַרפן מיר גיין איין שריט ווייטער און זאָגן דער וועלט: לאָמיר דערקענען גאָט — אומענד־לעך זענען זיינע אַטריבוטן. צוויי האָט פאַר אונז ספּינאָזא דערקענט, לאָמיר דערקענען כאָטש נאָך עטלעכע פון די אומענדלעכע אַטריבוטן זיינע. דער־קענען גאָט האָט אַלעמאָל געהייסן ראַטעווען דעם מענש.

.7

און איך האָב מיר ווייטער געענטפערט: מיר האָבן געבראַכט אין דער וועלט אריין די אידעע פון איין גאָט און מיר האָבן סוף כל סוף די וועלט איבערצייגט. לאָמיר איצט ברענגען אין דער וועלט אריין די אידעע פון דער הייליקייט פון איין מענש, פון יעדן איינציקן מענש, ווייל יעדער איינצי־קער מענש איז פּונקט אַזוי איינציק ווי גאָט, און דערפאַר פּונקט אַזוי הייליק. מיר האָבן געבראַכט אין דער וועלט אריין די רעליגיע פון איין־גאָט, לאָ־מיר איצט גיין מיט א שריט ווייטער און ברענגען דער וועלט די רעליגיע פון איין־מענש. יעדער מענש איז דאָך א גאַנצע וועלט פאַר זיך, דאָס שטייט דאָך שוין געשריבן אפילו אין אונזערע רעליגיעזע ספרים. און א גאַנצע וועלט מוז דאָך אויך האָבן א גאָט — ובכן איז יעדער איינציקער מענש אַזוי הייליק ווי גאָט.

און דאָס וואָס היטלערס פילאָזאָפן און זיין אייגענע פילאָזאָפיע קעמפן אי קעגן דעם געדאַנק פון איינציקן גאָט, אי קעגן דער אידעע פון דער היי־ליקייט פון יעדן איינציקן מענש, איז נאָר א סימן, אַז ביידע די אידעען קלאַפּן שוין אַלץ העכער און העכער אין די טויערן פון דער נאָענטער צו־קונפט פון דער מענשהייט.

אָט פאַר די אידעען, וואָס זענען אויך אידעאַלן, וואָלט איך וועלן נישט נאָר לעבן, נאָר אויך שטאַרבן. אַזוי האָב איך געטראַכט, און כאָטש איך האָב מיין חלום נישט פאַרגעסן — געשראָקן האָט ער מיך שוין נישט מער.

.1941

מחשבות און מעדיטאַציעס פון אַ ייִדישן אַנטיסעמיט

.1

וואָס עפּיס אינמיטן דערינען מחשבות און מעדיטאַציעס פון אַ ייִדישן אַנטיסעמיט? — דערפאַר ווייל די וועלט איז שוין אַזוי, אַז אַט די ייִדישע פּראָבלעמען אין דער וועלט זענען קיינמאָל נישט „אינמיטן דערינען", זיי זענען אַלעמאָל אַקטועל. אַלעמאָל וויטאַקדיק פון אַלע זייטן. אַז איינער ליגט אין בעט אַ פּאָר וואָכן — איז אויף וועלכער זייט דו זאָלסט אים נישט לייגן, טוט אים וויי. און אַז אַ פאָלק ליגט אין סדום־בעטל פון דער וועלט־געשיכטע שוין נאָענט צו דריי־טויזנט יאָר . . .

אַביסל אינמיטן־דערינענדיק וועלן אפשר זיין, אפילו היינט, מחשבות פון אַ ייִדישן אַנטיסעמיט. כאָטש פּראָפּאָרציאָנעל זענען אפשר דאָ אויף דער וועלט מער ייִדישע אַנטיסעמיטן ווי גוישע. עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, אָבער עס איז פּאָרט אמת. איז אָבער ייִדישער אַנטיסעמיטיזם אויך אַקטועל ביי איינעם, וואָס לעזט כמעט אַלץ, וואָס ייִדן שרייבן וועגן ייִדן — און פון צייט צו צייט מוז מען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. אַמאָל טוט מען עס אין אַ ליד, אַמאָל אין אַן אַרטיקל, אַמאָל אין אַ רעדע און אַמאָל אפילו אין אַ פּריוואַטן געשפּרעך.

און די דירעקטע סיבה פון אַט די ווערטער איז געווען וואָלטער —

.2

— וואָלטער ? וואָס עפּיס וואָלטער? ער איז דאָך געבוירן געוואָרן ביים סוף פון זיבעצעטן יאָרהונדערט און געשטאָרבן ביים סוף פון אַכצעטן יאָר־הונדערט, מיט וואָס איז ער פּלוצלונג אַקטועל געוואָרן אַט דער דענקער, וואָס האָט „צוגעגרייט די וועלט צו פרייהייט" און פראַנקרייך צו דער גרויסער רעוואָלוציע? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער פּלוצלונג צו אונז ייִדן?

— דער שייכות איז נאָר צופעליק אַקטועל. און געשען איז דאָס אַזוי. אַ מענטש קען דאָך נישט האָבן אַלץ געלעזן. נו לעזט ער אַמאָל אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען פאַר אַלעמען גוט באַקאַנט, נאָר פאַר אים זענען זיי אַ רעוועלאַציע. און איך האָב ערשט אין די לעצטע טעג געלעזן דעם וועלט־באַרימטן „פילאָזאָפישן ווערטערבוך" טאַקע פון וואָלטער. נו איז פאַרהאַנען אין אַט דעם ווערטער־בוך, אייגנטלעך אַזאַ מין פּריוואַטע איין־מענטש־ענציקלאָפּע־דיע, אַן אַרטיקל וועגן ייִדן. צוואַנציק זייטן אָנגעפּיקעוועט מיט אַזעלכע רייד וועגן ייִדן, וואָס שטרייכערס „שטירמער" איז אַן אומשולדיק לעמעלע אַנט־קעגן דעם. מיסתמא איז וועגן אַט די צוואַנציק זייטן פון וואָלטערס פּופצן צי צוואַנציק טויזנט אָנגעשריבענע זייטן פאַרהאַנען אַ גאַנצע ליטעראַטור. אָבער איך קען זי נישט און עס איז אויך נישט וויכטיק אין איצטיקן מאָ־מענט. — אין די צוואַנציק זייטן וועגן ייִדן וויל וואָלטער באַווייזן, אַז די

יידן זענען אַ פאָלק, וואָס האָט דער וועלט גאָרנישט געגעבן, און דאָס וואָס איז מכלומרשט זייער בייטראַג, איז נישט זייערס. ער וויל באַווייזן, אַז די יידן זענען דאָס גרויזאַמסטע פאָלק פון דער וועלט, אַז געלט איז זייער גאָט און אַז אומזיסט באַרימען זיי זיך, אַז זיי האָבן נישט געבראַכט קיין מענטש־לעכע קרבנות צו גאָט, ווייל דער תנ״ך איז פול מיט . . . געשיכטעס פון מענטשלעכע קרבנות צו גאָט. און דאָך — פירט וואָלטער אויס — דאַרף מען די יידן היינט דערפאַר נישט לעבעדיקערהייט פאַרברענען און נאָך אַלע זאַכן, האָבן אַלע אייראָפּעאישע פעלקער דאָס זעלבע געטון אין אייראָפּע, וואָס די יידן האָבן געטון אין נאָענטן מזרח.

וואָלטער איז געוועזן אַ מענטש אַ ליידנשאַפטלעכער און ליידנשאַפטן זע־נען ווי די וואָלקנס פון הימל, אָט שאַפן זיי בליץ און דונער, אָט זענען זיי שוואַרץ ווי ערד, אָט זענען זיי זילבער און גאָלד, אָט כאַפּן זיי אַריין די זון, אָט זענען זיי אינגאַנצן נישטאָ און עס איז דאָ נאָר זון. כאָטש דאָס איז זייער נישט פילאָזאָפיש צו זיין אַזוי אַפעקטירט ווי וואָלטער איז געוועזן, נו מילא, אַזוי איז ער געוועזן.

און עס איז באַוווּסט, אַז וואָלטער איז נאָר דערפאַר געוועזן אַזאַ אַנטי־סעמיט ווייל איינער אַ ייד האָט אים צוגענומען אַסך געלט און נאָר דערפאַר האָט ער אַזוי געוואָלט באַווייזן, אַז יידן זענען ממש קאַניבאַלן ווייל יידן האָבן זיך אַלעמאָל געמיט צו באַווייזן, אַז יידן זענען ממש מלאכים. נו, האָט ער — אפילו זייער נישט פילאָזאָפיש — גענומען נקמה. צוויי אָדער דריי חוצפּהדי־קע און אומפאַראַנטוואָרטלעכע יידן — אין דער אמתן נישט מער ווי שלעכטע אויסנאַמען פון יידישן פאָלק — האָבן פאַראורזאַכט די ווערטער פון וואָל־טער און אַזוי ווי דורות האָבן אים געלעזן, און נאָך ווי געלעזן, קען מען זיך שוין פאָרשטעלן דאָס אומגליק וואָס זיי האָבן אין פאַרלויף פון דורות גע־בראַכט אויף יידישע קעפּ.

אַז לאַפקאַדיאָ הערן, דער גריכיש ־ ענגלישער יאַפּאַניזירטער שריי־בער איז אין מיטן פון רוסיש־יאַפּאַנישן קריג אין 1904 געשטאָרבן (זיינע פּראָ־יאַפּאַנישע ביכער פלעגט גאַנץ אייראָפּע שטאַרק לעזן) האָבן די יאַפּאַ־נער געטרויערט און געזאָגט, אַז הערן׳ס טויט איז פאַר זיי ווי דער פאַר־לוסט פון צוויי קריגסשיפן. — קען דען ווער באַרעכענען וויפיל פאַרלוירע־נע יידישע קריגסשיפן עס זענען די רייד פון וואָלטער וועגן יידן . . . און אַלץ צוליב אַ צוויי־דריי יידישע חוצפּהניקעס.

נישט צום יידישן פאָלק, נאָר צו אָט די יידישע חוצפּהניקעס בין איך אַ יידישער אַנטיסעמיט.

עס איז נישט לאָגיש. אַוודאי. און מען קען זיך פון חוצפּהניקעס נישט אויסהיטן און יעדעס פאָלק האָט זיי, און מיר זענען נישט קיין אויסנאַם.

דאָס איז אַלץ שיין און אמת, אָבער קיין שום פֿאָלק צאָלט נישט אזא טייערן פּרייז פֿאַר זיינע חוצפּהניקעס ווי מיר יידן. מיר מוזן זיך דעריבער ווערן קעגן זיי מיט הענט און מיט פֿיס. מיט אַלע מיטלען.

נישטאָ קיין איינגעבוירענע ראַסן־איינשאַפֿטן, און חוצפּה איז נישט ספּעציעל יידיש כאָטש „חוצפּה" איז א דורכאויס יידיש וואָרט, וואָס איז אַזוי אַנדערש פֿון דעם וואָרט „פֿרעכהייט", אַז סע איז אויפֿגענומען געוואָרן אין די ווערטערביכער פֿון אייראָפּעאישע שפּראַכן.

.3

און דאָך — — כאָטש עס איז א וועלטגעשיכטלעכער אַקסיאָם, אַז וואָל־טער האָט צוגעגרייט די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע, און כאָטש עס איז א יידיש געשיכטלעכער אַקסיאָם, אַז די יידישע עמאַנציפּאַציע אין דער וועלט האָט זיך פֿאַקטיש אָנגעפֿאַנגען טאַקע מיט דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, האָט זיך וואָלטער געקענט האָבן זיין מיינונג וועגן יידן און דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע האָט ער נישט געקענט אויפֿהאַלטן.

אויך דאָס איז אמת. ווייל אמת איז אויך, אַז די יידישע געשיכטע איז דורכאויס פּאַראַדאָקסאַל. אַמאָל אפילו מער ווי דאָס, אַמאָל דאַכט זיך, אַז זי איז פּשוט נישט ביים זינען.

אָבער אויב עס איז אפילו אַזוי איז דערפֿון נאָך אַלץ נישט געדרונגען, אַז יידישע חוצפּהניקעס האָבן א רעכט זיך צו באַהאַלטן הינטער די שוץ־ווענט פֿון די פּאַראַדאָקסן פֿון יידישער געשיכטע.

.4

אין זיין אולטרא־ליידנשאַפֿטלעכן, שוין אפשר אַביסל צו ליידנשאַפֿט־לעכן און ממש אַפּאָלאָגעטיש חוצפּהדיקן בוך „דער גרויסער האַס" ברענגט מאַריס סעמיועל אַרויס א מערקווירדיק אָריגינעלן געדאַנק אין פּאַרטיידי־קונג פֿון יידישער חוצפּה און טאַקטלאָזיקייט, אָדער רעכט אויף זיי. ער זאָגט: עס איז אמת, אַז מיר זענען חוצפּהדיק, טאַקטלאָז און שלעכט דערצויגן — אָבער וואָס וועט אַמאָל זאָגן דער אייביקער טריבונאַל פֿון דער גרויסער וועלט־געשיכטע, אַז עס וועט אַמאָל קומען צום גרויסן יום־הדין: געוועזן א פֿאָלק, איז עס אפשר געוועזן אַביסל מער חוצפּהדיק ווי אַנדערע, האָט געהאַט שלעכטע טיש־מאַניערן. נו איז צוליב דעם אויפֿגעשטאַנען א גאַנצע וועלט און געוואָלט דאָס פֿאָלק פּשוט פֿאַרטיליקן דערפֿאַר . . . איך וויל נאָך פֿון מיין זייט צוגעבן א מעשה: ביי אַ טיש זיצט א משפּחה, זיבן ברידער און טאַטע־מאַמע און עסן מיטאָג. און איינער פֿון די זיבן ברידער האָט שלעכטע טיש־מאַניערן, שטייען אויף אַלע, טאַטע־מאַמע, די זעקס ברידער און כאַפּן די מעסערס און די גאָפּלען און דערשטעכן דעם מיט די שלעכטע

מאַניערן — — זיי האָבן מיט זייער טאַט באַוויזן בעסערע טיש־מאַניערן. (אַגב דערמאָן איך מיך דאָ, אַז אַלע היטלער־ביאָגראַפן שטרייכן שטאַרק אונטער, אַז היטלער איז דער מענש מיט די בעסטע טיש-מאַניערן אין גאַנץ אייראָפּע — דאָס איז נישט אָן באַדייטונג).

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין — אַ פאַקט איז, אַז מיר זיצן ביי דעם דאָזיקן טיש, און אַ פאַקט איז אַז די טיש־געגנאָסן אונזערע זענען כסדר מוראַ־דיק דענערווירט און אַ לאַדע־וואָס ווערן די מעסער־גאָפּל פאַרוואַנדלט אין שרעקלעכע כלי זין קעגן אונז.

איך האָב אַמאָל אַלס קינד מיך צוגעהערט צו אַ וויכוח פון מיין קליגסטן פעטער מיט אַ שטאָטישן לערער, אַ גרויסן אַנטיסעמיט און אַ גרויסן ליב־האָבער פון יידישע פיש. דער אַנטיסעמיט האָט געטענהט, אַז אין פּוילן זע־נען דאָ דריימאָל אַזויפיל יידן ווי נישט־יידן. אָט גיב אַ קוק אַרויס אין גאַס— וועסטו זען. דער פעטער האָט דעם לערער אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַן אָפּטישע טוישונג, אַז ער זעט יעדן ייד — און אַלעמאָל דעם זעלבן — צוואַנציק מאָל אין גאַס דעם זעלבן טאָג, בשעת דעם נישט־ייד זעט ער בלויז צווייַמאָל, איינמאָל גיין צו דער אַרבעט און איינמאָל פון דער אַרבעט. מיין פעטערס קלוגער אַרגומענט האָט נישט געהאָלפן. און פון דעמאָלט אָן האָט זיך מיין פעטער געמאַכט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע כסדר צו אַגיטירן, אַז יידן זאָלן זיך וואָס ווייניקער דרייען אין גאַס. עס איז ביי אים געוואָרן אַ מין מאַנקאָליע, ביי מיין קלוגן פעטער, אים האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז ער האָט געפונען דעם וועג וויאַזוי אָפּצושאַפן דעם אַנטיסעמיטיזם פון דער וועלט: יידן זאָלן זיך וואָס ווייניקער דרייען אין גאַס . . . מעגלעך, אַז עס איז אַ מאַנקאַליע בלויז געוועזן, ווי עס איז אפשר אַ מאַנקאַליע בלויז די איינרע־דעניש פון דעם שרייבער פון די שורות, אַז ווען נישט יידישע חוצפה וואָלט קיין אַנטיסעמיטיזם אויף דער וועלט נישט געוועזן . . . און מעגלעך, אַז אין דעם איז טאַקע דער אמת.

.5

יידישער אַנטיסעמיט ווי איך בין, און איך בין עס בפירוש מיט דעם פּוילן באַוווסטזיין, און פון אָן אומענדלעכער ליבע צו מיין פאָלק, האָב איך זינט דעם ערשטן טאָג פון דעם צווייטן וועלט־קריג אָנגעהויבן זאַמלען באַ־שרייבונגען פון . . . יידישע שמחות, אויסשניטן פון יידישע צייטונגען פון גאָר דער וועלט. (אויסער אייראָפּע — נאַטירלעך). און וואָס מער אָן אויס־שניט פון אַזאַ מין באַשרייבונג פון אַ יידישער שמחה עס קומט צו אין מיין זאַמלונג, אַלץ מער בויגט זיך מיין קאָפּ צו דער ערד פאַר טרויער און פאַר בושה און פאַר אַבסאָלוט נישט קענען פאַרשטיין וואָס דאָ קומט אייגנטלעך פאָר.

זענען מיר א פֿאָלק, אָדער איז עס נאָר א בילבול אזא, וואָס מען האָט אויף אונז אויסגעטראכט? דער גרעסטער פון אלע בילבולים ווייל ער איז דאָך כולל אלע אנדערע בילבולים. אזוי ווי אין דער הגדה שטייט, אז לבן הארמי איז געווען דער סאמע, סאמע גרעסטער פון אלע אנטיסעמיטן ווייל ער האָט דאָך מיט איין קלאַפּ געוואָלט אומברענגען אלע יידן, ווען זיי זענען נאָך גע־ ווען נישט מער ווי איין ייד. אָט אזוי איז דער בילבול אויף יידן כולל אלע אנדערע בילבולים.

א מענש קען נישט לעבן, אין קיין שום סיטואציע, פון לויטער טרויער. און א מענש קען זיך נישט באַוועגן מיט לויטער טאקט. און א מענש קען נישט קיינמאָל נישט טון קיין נארישקייט. און דאָך — וואָלט דאָס געווען די גרעסטע מצווה לגבי אונזער פֿאָלק ווען עמיצער, א מוטיקער, וואָלט צו־ זאמענגענומען די אלע יידישע טאקטלאָזיקייטן, נארישקייטן, אויסדרוקן פון חוצפה פון יידישער, וואָס זענען באגאנגען געוואָרן זינט דער דאָזיקער וועלט־ מלחמה קעגן אונז (אפשר נאָך גרעסער ווי לבן הארמי׳ס מלחמה קעגן אונז . . .) און וואָלט זיי ארויסגעגעבן אין א בוך. אין יידיש בלויז, אזוי אז דער רוב פון די יידן זאָל עס קענען לעזן און די נישט יידן זאָלן נישט האָבן קיין צוטריט דערצו. נישט ווייל מיר האָבן עפּיס צו באהאלטן פאר זיי, נאָר ווייל דאָס אלץ גייט אונז אָן אין דער ערשטער רייע.

אזא בוך פון יידישע נארישקייטן, טאקטלאָזיקייטן, שמחות פון די יאָרן 1939־1942 וואָלט אסך, אסך נענטער געבראכט דאָס ביאת המשיח ווי אסך אנדערע טאטן, וואָס ווערן געטון כדי צו דערנענטערן משיחס־צייטן.

אָן ערן־פּלאץ צווישן יידישע אידיאָטן וואָלט דאָרט באקומען א געווי־ סער ייד קאופמאן, וואָס האָט געעצהט אינמיטן דער מלחמה, נאָך דער מלחמה מסרס צו זיין אַלע דייטשן.

און אָן ערן־פּלאץ צווישן יידישע מלחמה־שמחות וואָלט באקומען די באשרייבונג פון דער שמחה אויפן סאנדזער צדיקס הויף אין ניו־יאָרק, וואָס איז געווען געדרוקט אין „טאָג" פון 26טן נאָוועמבער 1941.

כאָטש עס זענען דאָ אסך גלויבונגען וועגן דעם פון וועלכן טויער משיח וועט ארויסקומען, דאכט זיך מיר, דעם אויפריכטיקן יידישן אנטיסעמיט, אז ארויסגיין וועט ער נאָר פון דעם טויער פון אונזער אייגן יידיש הארץ. און וואָס ראדיקאלער מיר וועלן אויסמעקן פון אונזער לעבן טאקטלאָזי־ קייט, נארישקייט, חוצפה, אלץ גיכער וועלן די וואָלטערס פון דער וועלט אונז אויפהערן פיינט צו האָבן מיט זייער שנאת חינם, די האַרעפּאשניקעס פון דער וועלט האָבן אונזערע הארעפּאשניקעס סאי ווי נישט פיינט, אלץ נענטער צו משיחס־צייטן.

אזוי טראַכט און אזוי זאָגט דער יידישער אנטיסעמיט — מערץ 1942.

ווער טאקע, ווער איז דער מנהיג, דער משורר, דער נביא, דער פילאָזאָף פון אונזער פאָלק אצינד?

* * *

דער, וואָס וועט דערזען די פאַטעטישע ווערטער אין דעם קעפל פון אָט די טראַכטונגען, וועט צוריקפרעגן מיט רעכט:

—און ווער איז דער מנהיג, דער משורר, דער נביא, דער פילאָזאָף פון אלע אנדערע פעלקער פון דער וועלט אין דער איצטיקער צייט?

— און האָבן דען מיר אין אלע צייטן, און אפילו בלויז אין אלע שווערע צייטן ווי די איצטיקע, געהאט אלעמאָל אן אויבערשטן קאָמפּלעט פון אונזער פאָלק — א נביא, א מנהיג, א משורר און א פילאָזאָף?

און אויב דאָס איז ביי קיין שום פאָלק נישט אזוי, און אויב מיר האָבן אויך דאָס נישט געהאט אין אלע איבעריקע צייטן פון אונזער געשיכטלעכער עקזיסטענץ — איז וואָס פאר א נאָנסענס גראד איצט צו שטעלן אזעלכע פראגעס.

אוודאי —

אָט די אלע מנהיגים, משוררים, נביאים און פילאָזאָפן קומען נישט מעכאניש, קומען נישט לויט באשטעלונג. גיכער קען מען גלויבן, אז זיי קומען צופעליק — אויב, נאַטירלעך, עס איז בכלל אויף דער וועלט פאַרהאַנען אזא זאך, וואָס מיר רופן אין אונזער מענשלעך לשון: צופאל, עס קען דאָך זיין, אז קיין צופאלן זענען נישטאָ, אז דער דעטערמיניזם איז פּערפעקט, אז ער פּילט אויס די וועלט הערמעטיש פונקט ווי די סובסטאַנץ אליין.

אָבער אונזער מענשלעך וויסן איז נישט איינגעשטעלט אויף דעטערמיניזם, גיכער זענען מיר געניגט צום גלויבן אין אונזער פרייעם ווילן — און אויב גלויבן אין אונזער פרייעם ווילן און אין א ו נ ז ע ר וועלט־קאָנטראָל — דעמאָלט האָט עס שוין א זינען צו רעדן וועגן נביאים, מנהיגים, משוררים און פילאָזאָפן.

* *

צי דאַרף די וועלט בכלל אויבערשטע מנהיגים, נביאים, פילאָזאָפן?

ווייזט אויס, אז יאָ. נישט נאָר די געשיכטע האַמערט מיט אלע אירע שרעקלעכע אמתן, אז אזוי איז דאָס, נאָר די איצטיקייט טוט דאָס נאָך מער.

נאָך אלע זאכן באוועגן מיר זיך אין ראַמען פון אייביקע געזעצן איבער וועלכע מיר קענען קיינמאָל נישט אריבערשפּרינגען. און אויב מיר וואָלטן אריבערגעשפּרונגען איבער די ראַמען וואָלט די ערשטע ווירקונג געווען,

אז מיר וואָלטן טאקע געשטאנען אויסער די ראמען פון אונזערע לעבנס־מעגלעכקייטן. עס קען — למשל — א מענש אריבערשפרינגען איבער דעם געזעץ פון מוזן עסן, אָבער דעמאָלט וועט ער גלייכצייטיק אריבערשפרינגען איבער דער מעגלעכקייט פון קענען לעבן.

אלע סאָציאליסטישע, אנארכיסטישע, דעמאָקראטישע טעאָריעס זענען זייער גוט — טיילווייז — אלץ איז גוט טיילווייז, נאָר אבסאָלוט זענען זיי נישט אָנצווענדן. עס קומט א מאָמענט, ווען דער מענש, דער מענשן־מיליאָן ווערט א מוראשקע צוריק און דעמאָלט העלפט גאָרנישט, דעמאָלט דאַרף ער אינסטינקטיוו א מנהיג, דעמאָלט איז ער גרייט צו כאַפּן דעם ערשטן בעסטן מענש פון גאס און אים קרוינען פאר א מנהיג. קעגן אינסטינקטן העלפט גאָרנישט. איך האָב אמאָל אין אויסטראלישן מדבר — כאָטש עס האָט נאָך נישט געהאלטן ביי א דאָרשט־טויט — געטרונקען וואסער, זעענדיק געווי ווי עס ווארפן זיך אין אים קליינענקע ווערמלעך. אזוי כאַפּן אמאָל די מענשן אַ מענש פון דער גאס, ווען עס כאַפּט זיי אָן דער דאָרשט, דער אינסטינקטי־ווער דאָרשט נאָך א מנהיג, און קרוינען אים — כאָטש זיי זעען דייטלעך די ווערם אין זיין נשמה.

קיינער פון אונז האָט זיך דאָך נישט געשטעלט אויסער דער מענשהייט צו אָבסערווירן זי, נישט נאָר נישט ווי אַ העכער וועזן, נאָר אפילו נישט ווי א נידעריקער וועזן. קיינער פון אונז איז נישט נאָר קיין מלאך, אָדער איבער־מענש קיינמאָל ניט געוועזן, נאָר אפילו נישט א אינטעליגענטער הונט . . . אָבער מוראשקעס און בינען האָבן מיר יאָ אָבסערווירט. קיין קראפט אין דער וועלט קען נישט צעשטערן זייער געזעלשאפטלעכע — אויף מנהיגים איינגעשטעלטע — אָרגאניזאציע. און נאָך אלע זאכן: כאָטש די ציוויליזאציע פון די מוראשקעס שטייט בלי שום ספק נידעריקער פון אונזערער — צי זייער קולטור שטייט נידעריקער, דאָס ווייסן מיר דאָך נישט. עס קען דאָך גריילעך געמאָלט זיין, אז זיי זענען קליגער פון אונז, אינטעליגענטער פון אונז, שענער אינערלעך פון אונז. * *

די אידעע פון דער דעמאקראציע איז נישט גלאט אן אידעע, א סאָציא־לע אידעע. די אידעע האָט דייטלעך צוגעלייגט א האק צום שטאם פון מענש־לעכע אור־אינסטינקטן. די אידעע פון דער דעמאקראציע נעגירט נישט די נויטווענדיקייט פון א מנהיג, אדרבא, זי וויל נאָר קאָנטראָלירן די צופעלי־קייטן און אוזורפאציעס אויף דעם געביט. די דעמאָקראטישע אידעע — טיף פארשטאנען, אנטהאלט אין זיך די נעגאציע פון דעם דעטערמיניזם, די באשטעטיגונג פון דעם אינסטינקט צו האָבן א מנהיג, אָבער גלייכצייטיק די אמביציע אפצושאפן דעם לרוב זייער שעדלעכן צופאל אויף דעם גע־ביט. די דעמאָקראטישע אידעע איז — אזויארום — נאָך דער אידעע פון איין

גאָט, אָדער איין סובסטאַנץ, די צווייטע גרויסע אידעע, וואָס דער מענש האָט באשאפן, אָדער אנטדעקט, ווייל אלע אידעען זענען דאָך שוין דאָ אויף דער וועלט, פונקט ווי די סובסטאַנץ איז דאָך שוין דאָ אויף דער וועלט פון פריער, פון אייביק.

דעמאָקראַטיש, צי נישט — מנהיגים זענען אינסטינקט־געזעץ.

דו דארפסט דאָס, ער דאַרף דאָס, איך דארף דאָס — און אויב דו זאָגסט, אז דו דארפסט עס נישט, פארלייקנסטו א נאַטור־געזעץ. דו קענסט דאָך אויך פארלייקענען, אז דו דארפסט עסן, אָבער ווער וועט דיר גלויבן?

* *

צי דארפן מיר יידן א מנהיג אין דער איצטיקער צייט?
ווער קען דען צווייפלען אין דעם?
צי האָבן מיר, יידן, א מנהיג אין דער איצטיקער צייט?
ווער קען דען נישט צווייפלען אין דעם?

אין וואָס די וועלט האָט אונז פארוואַנדלט אין דער איצטיקער צייט — און דאָס האָט זי דאָך באקומען בירושה, דאָס האָט זי נישט איצט אויסגעקלערט — איז קלאָר. די וועלט האָט אונז פארוואַנדלט אין איר שעיר לעזאזל. זי זאָגט עס אָבער נישט אויס, די וועלט. די וועלט שרייט, אז מיר זענען נישט דער אומשולדיקער באָק, אויף וועלכן מען לייגט ארויף אלע זינדן און מען ווארפט אים פון בארג אראָפּ, די וועלט שרייט, אז מיר זענען טאַקע דער שולדיקער באָק, און עס איז גערעכט אונז אראָפּצוּווארפן פון בארג. קען זיין, אז די גרעסטע שרייערס ווייסן, אז זיי זענען געמיינע, פארברעכערישע ליגנערס, קען אָבער זיין, אז זיי ווייסן נישט. די מנהיגים פון דער וועלט באַנוצן זיך מיט אונז קלאָר און דייטלעך, די אידעען וואָס זיי שרייען וועגן אונז זענען זייער קלאָר און זייער פארשטענדלעך. און אפילו די, וואָס זענען, אָדער דארפן זיין אונזערע פריינט, האלטן אָט די אידעע וועגן אונז, אלס שולדיקער באָק, אלעמאָל אין רעזערוו. דו וועסט קוים געפינען אַן איינפלוסרייכן דעמאָקראַטישן יידן־פריינט, וואָס זאָל מסכים זיין מיט אזא עקשנות און טומל צו לייקענען דעם אנטימעסימיטישן לאָזונג. ווייל יעדער — שיר נישט דער בעסטער אפילו, האלט אלעמאָל דעם אנטיסעמיטיזם אין רעזערוו פון זיין פּאָליטישן ארסענאַל. מען קען נישט וויסן, אמאָל קען דאָס צונוץ קומען. און עס איז שוין טאַקע נישט איינעם צו נוץ געקומען.

אָט דאָ איז דער פלאַץ ווו א יידישער מנהיג איז נויטיק, וואָס מיר פארטיי, קיין שום פארטיי קען נישט ראַטעווען אונזער פאָלק, כל־זמן די אידעע פון אונז אלס זינדיקער שעיר לעזאזל וועט לעבן אויף דער וועלט.

עס איז אמת, אז די מענשהייט איז לייכטער צוגענגלעך פאר קרומע אידעען, ווי פאר גלייכע. אָבער עס איז דאָ א צוטריט צו איר מיט גלייכע אי־

דעען אויך. אָט דאָ איז דער ליידיקער פּלאַץ פאַר א גרויסן יידישן וועלט־מנהיג. זיין אויפגאַבע וועט זיין איינע: קלאָר צו מאַכן דער וועלט, אז מיר זענען נישט דער זינדיקער באַק און מיט וואַרפן אונז לעזאזל וועט די וועלט נישט געראַטעוועט ווערן.

די אידעע איז אזוי גרויס און אזוי פּראָסט, אַז ביז איצט איז נאָך נישט אזא גרויסער און אזא פּראָסטער מנהיג און נביא געקומען, אז ער זאָל אָט די אידעע אין אונזער נאָמען קענען ברענגען אין דער וועלט אריין.

* *

דאָס וואָס אונזער יידיש לעבן האָט נאָך ביז איצט אזא מנהיג און אזא נביא נישט פּראָדוצירט, אזא עכטן נביא, קעגן די בלי שום ספק מעכטיקע פאַלשע נביאים — דאָס פאַרדריסט מיך נישט. עס קען מיך דאָך ניט פאַרדריסן פאַרוואָס עס וואַקסט נישט אויף ביימער דאָס ברויט מיט אזא לייכטקייט פאַר אַלע מענטשן, ווי דאָס וואַסער אין דער ערד, די גוטע לופט אין דער אטמאָספערע. עס פאַרדריסט אָבער שטאַרק די ציניש גרינגשעצונג צו דער אידעע פון יידישער וועלט-אָנפירערשאַפט. עס רעדט זיך דאָ נאַטירלעך נישט וועגן יידישע וועלט־קאָנגרעסן, וואָס זענען נישט מער ווי נאָך איין פּאַרטייאישער טומל־פּלאַץ. עס רעדט זיך בכלל נישט וועגן וועלט־קאָנגרעסן.

מיין ווייניקייט פון ווייניקייטן האָט שוין א פּאָר מאָל געוואַגט ארויסצוזאָגן אין פּרטים (עס האָט זיך געדעדט בלויז וועגן אמעריקאנישן יידנטום) דעם געדאַנק, אז עס פעלט אונז אַן אידעע און א פּראָגראַם, און שוין עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס וואָלטן זיך געקענט פאַרנעמען (לויט זייער מהות) צו דיסקוטירן די פּראָגראַמלאָזיקייט.

* *

זינט די וועלט גייט מיט דעם קאָפּ אראָפּ פּרוביר איך צו ראַטעווען מיין ביסל נפש דורך פאַרטיפן מיך אין יידישן אמאָל (אויף וויפיל מיינע שוואַכע כוחות סטאַיען) און האַלטן מיין קאָפּ אין דער הויך. אָפּט ברעך איך צוזאַמען, נאָר אָפט געלינגט עס מיר דעם קאָפּ הויך צו האַלטן.

אַוודאי האָבן מיר אַסך צייטן געהאַט, וואָס זענען געוועזן אָן מנהיגים, אָן נביאים, אָן משוררים און אָן פילאָזאָפן. אָבער מיר האָבן דאָך געהאַט צייטן — מיט זיי. איז פאַרוואָזשע זאָל די איצטיקע צייט — און דובנאָוו אליין, דער גרעסטער איצטיקער קענער פון אונזער אמאָל, זאָגט דאָך, אז דאָס איז אונזער שווערסטע צייט פון אַלע צייטן — טאַקע זיין אָן זיי, אָן מנהיגים, אָן נביאים, אָן משוררים און אָן פילאָזאָפן?

איר זאָגט, אז איך האָב א טעות — הלוואי ! נאָר אויב איך האָב א טעות, טאָ נעמט און ווייזט מיר אָן ווער, ווער זענען זיי טאַקע, אונזערע נביאים, מנהיגים, משוררים, פילאָזאָפן?

צופיל אָפשיי האָב איך פאַר גרויסע מענשן, אַז איך זאָל מיר נעמען א רעכט גרויסע נעמען אָנצורופן. אָבער לייגט ארויף די הענט אויף די אויגן און פאַרטראַכט זיך. ציילט זיי אויס אויף די פינגער — דער, דער, דער — ווער טאַקע, ווער?

און אפשר קומט ער, אפשר איז ער שוין צווישן אונז — דער מנהיג, דער נביא, דער משורר, דער פילאָזאָף — ווייל די צייטן זענען צייטן פון משיח.

.1944

א חשבון הנפש

.1

עס ווילט זיך איינמאָל זאָגן א פאָר ווערטער וועגן זיך, וועגן זיך אליין, מאַכן א חשבון הנפש: ווו האַלט איך מיט זיך אליין אין דער וועלט? א רע־זשיסער פון א טעאַטער, וואָס שפּילט צו לאַנג דאָס זעלבע שטיק מאַכט פון צייט צו צייט פּראָבע מיט די אַקטיאָרן, צי זיינען זיי שוין נישט צו ווייט פאַרקראָכן מיט זייערע אינדיווידועלע אינטערפּרעטאַציעס פון זייערע ראָלן... איך א שרייבער, וואָס שרייבט, שרייבט און שרייבט, אַלעמאָל פון זעלבן מוח און הארץ שעפּנדיק, דאַרף פון צייט צו צייט מאַכן גענעראַל־פּראָבע, חשבון הנפש. מאַך איך. און עס איז בפירוש צייט פון חשבון הנפש, דער עיקר יידישן חשבון הנפש. פון דרויסן זעגט אונז די שווערד פון דעם שונא און פון אינעווייניק זשאַווערט אונז אויס קעגנזייטיקע שנאה און אפשר אומ־רו. שטאָט וואָס יעדער זאָל בויען העכער זיין אייגענעם בנין שטייט ער גאָר ביי די פונדאַמענטן פון יענעמס בנין און וויל אים אונטערברעכן און אונ־טערצינדן . . . און אין דער יידישער ליטעראַטור דעם טייערסטן, וואָס א יידישער שרייבער פאַרמאָגט — פון אייביקייטס־שטאַנדפּונקט — איז נישט גוט. דער דם שונא פון דער מענטשהייט שעכט די סטאַדע, וואָס איז א דער־שראָקענע צופעליק געבליבן אין זיינע הענט, און דער מלאך המות העלפט אים צו אין די ווייטע און גליקלעכע לענדער און רייסט אַלעמאָל ארויס א נייעם קרבן אן אומגעריכטן. און דערצו האָבן די קאַמפן קעגן עטלעכע קאַ־ריפעען פון יידישער גייסטיקייט אָנגענומען פאָרמען, וואָס צווינגען איינעם וואָס גיכער אין א ווינקל צו פאַרקריכן און מאַכן חשבון הנפש. אַז מען שניידט די שאָף ציטערן די לעמער . . .

.2

און אָט איז מיין חשבון הנפש:

איך בין א ייד. אָבער נישט דערפאַר ווייל איך מוז, נאָר דערפאַר ווייל איך וויל, ווארום וואָלט איך נישט געוואָלט — וואָלט איך מיר געקענט

העלפן. אייניקע מיטגלידער אין מיין משפחה האָבן זיך געהאָלפן — נאָר זייער טאַט איז מיר געבליבן שרעקלעך פרעמד. מען קען פון אַן אייגענער הויט ארויסשפרינגען, אָבער נישט אין אַן אנדערער אריינשפרינגען, זיינען זיי טאקע געבליבן לעבן ווי איינגאַנצן אָן א הויט. ווי שווידערהאָפט קאַלט . . .

פאַראַנען אויך אַן אנדער מין ארויסשפרינגען פון דער הויט — און צוגלייך פון לעבן ארויס. אויך דאָס האָבן נאָענטע מיטגלידער פון מיין משפחה געטאָן און אויך דאָס האָט קיינמאָל אין מיר נישט דערוועקט דעם ווילן נאָכ־צוטאָן. עס איז קיין שום באַרעכטיקונג דערצו נישטאָ. נישט מען מוז, מען דאַרף לעבן און מען דאַרף בלייבן א ייד. אָבער מיט חשבון — ביידע, מיט חשבון הנפש.

און נישט וועגן פּאָליטיק וויל איך דאָ מאַכן חשבון הנפש, ווייל יידישע פּאָליטיק, ווי יעדע פּאָליטיק, איז נאָר א פאַרביילויפנדיקער שאָטן. וועגן רע־ליגיע וויל איך רעדן — ווייל זי איז אין אלע אירע פאָרמען די יידישע איי־ביקייט. יאָ — אין אלע אירע פאָרמען. ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: אין אלע אירע אינהאַלטן. ווארום יידישע רעליגיע זיינען נישט נאָר טלית און תפילין, נישט אפילו דער אינהאַלט פון די תפילין, נאָר דער מיין הינ־טער דעם אינהאַלט — אָט דאָס איז יידישע רעליגיע.

איך האָב אין יאָר 1939 אָפּגעדרוקט א ליד: פּראָסטע רייד מיט גאָט אין ניו יאָרק וועגן לעבן, טויט און יידישקייט — זיינען דאָרט געווען ווערטער: לאָמיר זיך איבערבעטן, אלטער יידישער גאָט — האָבן באַלד די, וואָס לעזן נישט, נאָר כאַפּן, און אין בעסטן פאַל שוין לעזן זיי, נאָר פאַרטיפן זיך נישט — געזאָגט: שוין, מיר זיינען שוין פארטיק מיט נאָך א פריגייסט, ער איז שוין אויך אריין אין שול אריין . . . פרום געוואָרן. זיי האָבן פאַרזען אין זעלבן ליד ווערטער אָזעלכע: נישט אין טלית און תפילין קום איך צוריק, אין אינהאַלט קום איך און נישט אין פאָרם — איך קום ווי א מענטש, נעם מיך אויף ווי א מענטש און נישט ווי א וואָרעם. און ווייטער: דיין זין איז באַניי־אונג, און אייביק ביסטו, נישט דערפאַר ווייל דו ביסט אייביק אלט — נאָר ווייל דו ביסט אייביק יונג. דו ביסט דאָך ניט אייביק דערפאַר, וואָס ביסט אַש, נאָר דערפאַר וואָס ביסט אין אַש דער פונק. (איך ציטיר די ווערטער ווי מען שרייבט פּראָזע, ווייל נישט אלס פּאָעזיע ציטיר איך זיי דאָ).

3.

מוטיקע און זייער שטאָלצע יידן, וואָס באַלאַנגען צום גרויסן שטאָלץ פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס זיינען דער געטלעכער שימער, די שכינה איבער איר פילמיליאָניקן פּנים, צווישן אנדערע: זיגמונט פרויד — האָט מיט גרויסן יידישן שטאָלץ געוואגט צו ארויסברענגען א טעזיס, אַז משה

רבינו איז אַן עגיפּטישער פּרינץ געווען און נישט קיין ייד. אויב די טעאָריע איז נישט ריכטיק איז זי אָבער גוואַלטיק געזאָגט, אַזוי געזאָגט ווי נאָר אַ ייד, אַ גאָטזוכער קען זיין. אָבער אויך פרויד ברענגט אַרויס, אַז אויב זיין טעאָריע שטימט, דערמאָלט בלייבט נאָך אַלץ דער, און דאָסמאָל שוין אומ־צווייפלהאַפטער, פּאַרדינסט דעם יידישן פאָלק: צו האָבן דורך יאָרטויזנטער געווען דער טרעגער און פאַרשפּרייטער פון דער גאָט־אידעע. דעם אמת קען שוין קיין שום צווייטער פרויד מער נישט אַרויסרייסן, אפילו אין דער היפּאָ־טעזע. דאָס איז פאַקט. דאָס איז אמת, און פאַר מיר איז דאָס גענוג — קיינ־מאָל, קיינמאָל נישט צו וועלן אַרויסשפּרינגען פון מיין יידישער הויט — נישט אין נאַציאָנאַלן און אפילו ניט אין רעליגיעז סימבאָלישן זינען. פון דער ראַסע אַרויס קען מען דווקא אַרויסשפּרינגען, אויב מען וויל, ווייל ראַסע איז אומזין.

.4

פונקט ווי די נישט־טאָלעראַנץ איז געווען דער הויפּט־סימן פון דער יידישער רעליגיע אין איר דיקטאַטאָרישן באַפעסטיקונגס־פּעריאָד, אין איר פּעריאָד, פון „אַלע רעכט און די גאַנצע מאַכט געהערט צו די כהנים און צו די לויים״ — אַזוי איז טאָלעראַנץ געוואָרן די הויפּט כאַראַקטעריסטיק אירע אין דער צייט, ווען זי איז שוין געווען שטאַרק באַפעסטיקט. די אָרטאָדאָקסן וועלן שטאַרק אָפּפרעגן די פּאָר ווערטער מיינע . . . אוודאי. אָבער אָרטאָדאָק־סיזם איז נישט קיין שטריך פון דער יידישער רעליגיע, רעוואָלט איז דער הויפּט־שטריך פון איר שכינה. רעוואָלט — אויב איר זעט דאָס נישט איין, איז אַ סימן, אַז איר האָט קיינמאָל נישט דורכגעלייענט דעם תנ״ך, נישט דורכ־געשווומען דעם ווונדערלעכסטן פון אַלע הערלעכע ימים פון גייסט פון ברעג ביז ברעג און נישט אַריינגעקוקט אין זיין טיף.

קעגן רעגרעס איז די יידישע רעליגיע נישט טאָלעראַנט, קעגן צוריק־פאַל אין געצן־דינסט. אָבער קעגן פּראָגרעס איז זי טאָלעראַנט געווען און געבליבן. מיט איר גאַנצן וועזן סטימולירט זי דאָך דעם פּראָגרעס.

אפילו דער רמב״ם האָט דאָך געהאַט אַ טאָלעראַנט וואָרט לגבי ישוע הנוצרי אפילו.

און גרעץ — אָט דער ליידנשאַפטלעכער און פרומער היסטאָריקער, האָט געהאַט אַ סך ווערטער פון טאָלעראַנץ אפילו לגבי דעם קריסטנטום.

און משה העס — דער פּראָגאָן פון דער יידישער פיזישער און גייסטי־קער רעגענעראַציע פון 19טן און פון אונזער יאָרהונדערט זאָגט ביים סוף פון פינפטן בריוו פון זיין „רוים און ירושלים״: איצט, פונקט ווי אין דער צייט, ווען איך האָב געשריבן מיינע פּריערדיקע ווערק, גלויב איך נאָך אַלץ, אַז קריסטנטום איז געווען אַ שריט פאָרויס אויפן וועג צום ציל פון דער

מענטשהייט, וואָס די יידישע נביאים האָבן באצייכנט מיטן וואָרט „משיחס צייטן". — שפּעטער רעדט ער וועגן דער באדייטונג פון ספּינאָזא. אין צווייטן קאַפּיטל פון זיין עפּילאָג פון דערמאָנטן ווערק זאָגט ער: פון יידנטום, דורכ־געדרונגען מיט וויסנשאפטלעכן גייסט, וועט דאָס קריסטנטום באקומען איר פולע און געררעכטע אָפּשאצונג. דער יידישער היסטאָריקער האָט נישט מער קיין נויטיקייט אָנצונעמען א פאנאטישע שטעלונג אנטקעגן קריסטנטום.

דאָס הייסט נישט אויף קיין איין רגע, אז דאָס יידנטום וועט זיך אויפ־געבן און אָננעמען דאָס קריסטנטום — ווייל דערזעלבער העס זאָגט, אז ער באטראכט דאָס קריסטנטום ווי אן עפּיזאָד. אפילו דעם ספּינאָזיזם באטראכט ער, א פאנאטיקער ממש פון ספּינאָזא, אלס עפּיזאָד.

אָבער אין וועזן פון יידנטום — פארשטאנען טיף און גרויס, פארשטאנען אזוי, אז קיינמאָל, קיינמאָל וויל דער, וואָס האָט עס ריכטיק באנומען, נישט א טראכט טאָן אפילו פון ארויס פון דעם — איז טאָלעראנץ. טאָלעראנץ צום פּראָגרעס. טאָלעראנץ צום אמת.

פּראכטפול ברענגט אָט די טאָלעראנץ־קאמפן ארויס שלום אש אין זיין „נוצרי" דורך דער געשטאלט פון רבי נקדימון. נאָך מער אפילו אין זיין ווערק „שליח". אפשר האָט ער דאָ אפילו צופיל אפּעלירט צו זיין פאנטאזיע.

5.

איך הויב מיך אויף אין מיין פאנטאזיע איבער די יאָר־טויזנטער ארי־בער, שיר נישט איבער צענטליק טויזנטער, אזוי ווייט גיי איך, פלי איך, און איך זע דאָס יידנטום פון עק־וועלט געשיכטע ביז עק וועלט־געשיכטע און איך פאס עס אויף דיאלעקטיש. און איך זאָג:

משה — אויג פאר אויג, צאָן פאר צאָן — איז געוועזן די טעזע.

ישוע — ווער עס וויל דיר אוועקנעמען א קלייד דעם גיב אוועק דעם מאנטל; דאָס איז געוועזן די אנטי־טעזע, דאָס איז דאָך אזוי קלאָר. אין דער דרשה אויפן בארג שטייען דאָך די צוויי פסוקים בפירוש צוזאמען — אלס קעגנזאצן.

ספּינאָזא — גלויבן אין דער זעלבסט דערהויבונג דורך דער „גייסטי־קער ליבע צו גאָט", דורך דער שכלדיקער דורכדרינגונג און באהערשונג פון די אפעקטן — איז געוועזן די סינטעזע.

עס איז אמת, אז עס איז א דיאלעקטיק, וואָס פון דער טעזע ביז דער אנטיטעזע האָט געדויערט ארום 14 הונדערט יאָר און פון דער אנטיטעזע ביז דער סינטעזע אריבער 16 הונדערט יאָר. און דאָך האלט די דיאלעקטיק אויס, ממש א קלאסישער זאַץ, אַ קלאסישער דיאלעקטישער קאָמפּלעט.

און איך גלויב אין אים.

.6

איך גלויב, אַז מיט ספּינאָזאַ, אַזוי ווי מיט יעדער סינטעזע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טעזע פון אייביקן יידישקייט.

אויב עס קומט היינט אַ ייד און אַגיטירט היינט צום קריסטנטום, אַגיטירט ער אויף צוריק, און דאָס איז קעגן דעם וועזן פון יידנטום, וואָס איז נישט אייביק דערפאַר ווייל עס איז אַש, נאָר ווייל עס איז דער אייביקער פונק אין אַש.

אויב עס קומט אַ ייד און וויל אויפקלערן דעם גרויסן אויפטו פון יידנ־טום — אויך דורך דעם מיטל, וואָס רופט זיך קריסטנטום — איז גוט און שיין. (זע אויבן: ציטאַט פון משה העס). אָבער ווייטער גיי איך נישט קיין שריט.

מיט ספּינאָזאַ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע טעזע אין דער געשיכטע פון גאָט — און אמת־זוכן. אפשר די לעצטע טעזע. מאַרקסיזם איז אַן עקספּערי־מענט און פראַגמענט פון דער דאָזיקער טעזע אין מאַטעריעלן זינען, פרוי־דיזם אין פּסיכישן, נשמהדיקן זינען. אויך איינשטייניזם איז עקספּערימענט און פראַגמענט פון דער טעזע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט ספּינאָזאַ, דעם — איינשטימיק אָנערקענטן ערשטן אייראָפּעאישן פילאָזאָף פון דער ניי־צייט, מיט אַ גאַנצער וועלט־באַנעמונג.

.7

אָט דאָס איז מיין יידישקייט. אָט דאָס איז מיין באַגריף פון איינציקן, אייביקן יידישן גאָט. אָט דאָס איז מיין שטאָלץ, מיין אינהאַלט, מיין לעבן. אָט דאָס האַלט פעסט אויף די פיס מיין גוף, ווי לאַנג עס איז אים באַשערט נאָך — אַ טאָג, אַ חודש, אַ יאָר, אַ יאָרצענטליק — אָט דאָס האַלט באַ־פליגלט מיין נשמה — ווי לאַנג איר איז באַשערט צוזאַמען מיט איר זווג — מיין גוף.

ווי אויבן געזאָגט: דאָס אַלץ האָט נישט קיין שום שייכות צו יידישער פּאָליטיק, עקאָנאָמיע. אויך נישט צו יידישער קולטור־פּאָליטיק, שפּראַך, שטייגערישער יידישער קליין־קולטור.

דער דאָזיקער חשבון הנפש האָט נאָר אַ שייכות צום געביט פון עטי־שער יידישער גרויס־קולטור.

צי וועט דער קלאַנג פון מיינע ווערטער דערגיין צו עמיצן. און אויב דער קלאַנג וועט דערגיין — צי וועט די נשמה דערגיין, דער אינהאַלט, ווער ווייסט. מיר אָבער איז גרינגער געוואָרן. אַ חשבון געמאַכט — האַלב חוב באַצאָלט, כאָטש קיינער מאָנט דאָך נישט פון מיר . . .

.1944

וואָס איז א ייד ? ווער איז א ייד ?

.1

פון ריין רעליגיעזן שטאנדפונקט איז עס די לייכטסטע זאך אין דער וועלט צו ענפערן אויף דער פשוטער און דאָך אזוי קאָמפּליצירטער טאָפּל-פראגע: וואס איז א ייד? ווער איז א ייד? א ייד איז א מענש, וואָס זיין פאָטער איז געוועזן א ייד, אָדער ער אליין האָט זיך מגייר געוועזן און ער האלט די תרי״ג מצוות, אָדער לכל הפחות האלט ער פון די תרי״ג מצוות. אפילו די, וואָס שפילן בלויז רעליגיע, פּרעדיקן תרי״ג מצוות און באגייען תרי״ג עבירות — זענען נאָך אלץ יידן פון רעליגיעזן שטאנדפונקט.

די פליכטן בין אדום למקום פון א רעליגיעזן ייד זענען זייער קלאָר דעפינירט און עס זענען פארהאנען זייער אסך יידן, וואָס מיינען, אז די פליכט-ליניע פון א ייד איז א גלייכע ליניע צווישן איין ייד און זיין איינ־ציקן גאָט. האלט ער, דער ייד־יחיד, רעלאטיוו אָדער אבסאָלוט, אין אָרדנונג די דאָזיקע דירעקטע פארבינדונג זיינע מיט זיין איינציקן גאָט, איז שוין גוט. דאָס ווייטערדיקע גייט אים נישט אָן. אמת איז, אז צו די מצוות גע־הערט אויך וווילטעטיקייט צו מענשן, דער עיקר צו יידן. נו גיט ער אביסל צדקה, אָבער אז ער גיט — קוקט ער ניט דעם נויטבאדערפטיקן אין פנים אריין, נאָר ער קוקט אין הימל אריין, ער וויל זיין זיכער, אז כביכול זעט . . . דער ענין פון מצוות בין אדם לחברו אינטערעסירט אים נישט אליין און פאר זיך, נאָר אין צוזאמענהאנג מיט דעם הימל.

אזא מין אויסטייטשן פון דער יידישער ליניע, אזא מין פּראקטיקירן די יידישע ליניע איז ניט קיין מוז־זאך ביי אלע פרומע יידן, ווייט פון דעם, נאָר זי איז זייער פּאָפּולער צווישן די יידן, וואָס האָבן א ריין-רעליגיעזע באציאונג צום גאנצן ענין יידישקייט. באזונדערס פּאָפּולער איז די אינטערפּרעטאציע צווישן דער אלץ וואקסנדיקער מאסע יאהודים איבער גאָר דער וועלט. די ציפער 613 אינטערפּרעטירן זיי אין בעסטן פאל אָט אזוי: זעקס פלוס איינס פלוס דריי איז צוזאמען צען . . . און די צען, די צען געבאָט, האלטן זיי אויך זייער שיטער. דאָרט אָדירן זיי ווידער: איינס פלוס נול, איז איינס. נור נישט דאָס בין איך אויסן.

.2

גייט מען נאָר איין שריטעלע אוועק פון דעם ריין-רעליגיעזן שטאנד־פונקט ווערט מאָמענטאַן די טאָפּל-פראגע „וואָס איז א ייד, ווער איז א ייד?״ — א טיפער און אומדורכדרינגלעכער דזשונגל . . . נישט אריין און נישט ארויס.

און עס איז נישט אויסצומיידן היינטיקע צייטן — און עס איז אפשר קיינמאָל נישט געוועזן אויסצומיידן — אוועקצוגיין פון דעם ריין־רעליגיעזן

שטאַנדפּונקט בנוגע דער יידנפראַגע. יידן זענען אַלעמאָל געווען א נאַציע כאָטש זיי האָבן עס נישט געוווסט אָדער נישט געוואָלט וויסן. נאָר געווויסע טיילן פון יידן האָבן זיך געקענט פאַרגינען דעם לוקסוס צו האָבן א ריין־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט בנוגע דער פראַגע „וואָס־און־ווער איז א ייד?". די גרויסע מאַסע יידן איז אַלעמאָל געווען א נאַציע — באַוווסט צו איר אַליין, אָדער אויך נישט באַוווסט.

און אויב נאַציע — שטעלט זיך שוין די פראַגע: וואָזשע איז נאַציע? און דאָ גייען מיר שוין פון איין דזשונגל אין א צווייטן אַריין . . . נאַציע איז געבונדן מיט איין לאַנד, איין שפּראַך, איין געשיכטע, איין טראַדיציע, איין מלוכה פאַר א געוויסער צאָל מענשן. אָבער אין דעם דאָזיקן דזשונגל זענען פאַרהאַנען אָן א שיעור אויסנאַמעס. פאַרהאַנען פעלקער, דאָס הייסט נאַציעס, אָן איין לאַנד, אָן איין שפּראַך, אָן איין געשיכטע אין אַבסאָלוטן זינען, אָן איין טראַדיציע, אָן איין מלוכה און דערצו באַלאַנגען זיי נישט צו איין ראַסע און נישט צו איין רעליגיע און דאָך זענען זיי איין פאָלק. וואָס שייך אונז יידן שטימען נישט ביי אונז, נישט נאָר נישט איינצלנע פון די אויבן אויסגערעכנטע אַטריבוטן, נאָר קיין איינער אַפילו שטימט נישט פון די זיבן הויפּט־אַטריבוטן און דאָך זענען מיר איין פאָלק. מיר זענען עס, כאָטש מיר זענען נישט איין ראַסע, רעדן נישט איין שפּראַך, האָבן נישט איין מלוכה, וווינען נישט אויף איין שטיק לאַנד, האָבן נישט אַלע איין רעליגיע — נעמענדיק אין אַכט, אַז א גרויסע מאַסע פון אונז איז נישט רעליגיעז בכלל, האָבן נישט איין טראַדיציע, מחמת גרויסע טיילן פון אונז זענען הונדערטער יאָרן לאַנג אָפּגעפרעמדט, האָבן אויך אין א געוויסן זינען נישט איין געשיכטע, אין בעסטן פאַל בלויז איין אורגעשיכטע, איך גלויב, אַז איך ווער דאָ נישט מיספאַרשטאַנען, און דאָך איז פאַרהאַנען עפּיס, וואָס מיר האָבן געמיינזאַם אין די צייטן פון אונזערע ימי הדין, וואָס זענען נישט צו זעלטן אין אונזער גאַנג דורך די יאָרטויזנטער. מיר האָבן איין גורל . . . אונזער גורל איז געמיינזאַם שוין זינט טויזנטער יאָרן. כלפּי חוץ, פאַר דער וועלט זענען מיר — אין צערודערטע צייטן, און נאָר אין צערודערטע צייטן, ווען די קראַנקע וועלט זוכט א קרבן און א שעיר לעזאזל — איינס. דאָס יידישע פאָלק, אָדער ריכטיקער — דער ייד.

דעמאָלט זענען מיר עברים און נאָר עברים. דאַכט זיך, אַז דאָס ווייטערדיקע וואָרט שטאַמט פון היינריך היינע און אויב איך מאַך א טעות, זאָל עס מיר פאַרגעבן ווערן: דעמאָלט שטייט די וועלט אויף איין זייט און מיר אַלע — צי מיר זענען זעקס־הונדערט, צי זעקס מיליאָנען, צי זעכצן מיליאָנען — עברים, אויף דער אַנדערער זייט פון אַלע טייכן און גרעניצן, וואָס צעשיידן די מענשהייט.

.3

יאָ איין זאך איז זיכער. יידן — אלע אָן אויסנאם — האָבן א געמיינזאַמען גורל.

וואָס א ייד איז — פון נישט־יידישן שטאנדפונקט — לאָזט זיך דעריבער נישט צו שווער דעפינירן. א ייד איז א מענש, וואָס איז נישט קיין גוי.

אזוי איז עס כלפי חוץ — אזויצוזאָגן.

אָבער אונז וואָלט זיך וועלן דערגייין דעם סוד און ענפערן אויף דער פראגע: ווער איז א ייד — פון כלפי פנימיקן נאציאָנאלן און נישט שטרענגרעליגיעזן שטאנדפונקט.

און וועגן דעם ווילט זיך עס אביסל רעדן. אמאָל קען מען זיך אויך דעררעדן צו עפּיס.

כלפי פנים טיילט דער שרייבער פון די שורות איין די יידן, זיין פאָלק, אין צוויי קאטעגאָריעס: קוואַליטעט־יידן און קוואַנטום־יידן. איכות־יידן און כמות־יידן.

איכות און כמות איז א זאך, וואָס לאָזט זיך אָנווענדן אויף אלע זאכן אין דער וועלט, אלע פעלקער אין דער וועלט. אויך די ענגלענדער, רוסן, זולוס און ווער דען נישט, האָבן קוואַנטום־ענגלענדער און קוואַליטעטס־ענגלענדער און אזוי ווייטער.

אָבער . . . יאָ, אָבער בשעת די קוואַנטום־ענגלענדער זענען פאר ענגלאנד א גרויסער פּלוס אין נאציאָנאלן זינען, איז עס נישט אזוי דער פאל ביי אונז יידן. א גרויסע מאסע ענגלענדער, גרויס קוואַנטום, באטייט אסך שטייערן פאר דער מלוכה, אסך ארבעטס־קראפט און אסך סאָלדאטן אין צייט פון קריג. פּונקט ווי אסך קוואליטעט איז פאר יעדן פאָלק נאטירלעך א פּלוס — אזוי איז אויך אסך קוואַנטום פאר יעדן פאָלק א פּלוס. נישט אָבער אזוי ביי אונז יידן. מיר האָבן נישט קיין עקזעקוטיווע קראפט צו נעמען שטייערן ביי יידן לויט זייערע מעגליכקייטן צו געבן. אסך מאָל מאכט זיך — און עס איז לרוב אזוי — אז יידישע שטייערן ווערן געצאָלט אין דער פארקערטער פּראָפּאָרץ ווי מלוכה־שטייערן. וואָס אָרימער א ייד איז אלץ מער יידישע שטייערן צאָלט ער נישט נאָר רעלאטיוו, נאָר אפילו אַבסאָלוט אין פארגלייך מיטן גביר. ווייטער באטייט א גרויסע מאסע יידן נישט אלעמאָל יידישע נאציאָנאלע ארבעטס־קראפט; און ענדליך, וואָס שייך סאָלדאטן, האָבן מיר נישט דערויף קיין רעכט. אין בעסטן פאל שפּרינגט אמאָל ערגעץ ארויס א זעלבסט־שוץ, אדער א זעלבסט־מאָרד־בריגאדע ווי אין די צייטן פון הייליקן קאמף אין ווארשעווער געטא.

איך האָב אמאָל א זייער הייסן נאציאָנאליסט געזאָגט וועגן מיינע ספיקות וועגן יידישן כמות. ער איז א האלבע שעה לאנג שפּעטער ארומגעגאנגען אי־

בערן צימער און געזוכט אַן אַרגומענט קעגן מיר; ענדליך האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און אַ זאָג געטון: — אָבער יעדע איינציקע יידישע מוטער איז אַ פּאָטענציעלע מוטער פון אַ פּראָפעסאָר איינשטיין. און דאָס איז גענוג . . . אַ פּערטל שעה שפּעטער האָט מיין פריינט באַקומען פון מיר אַן ענפער: — איינשטיינס רעלאַטיוויטעטס טעאָריע האָט קיין שום שייכות נישט צו זיין יידישקייט. מיר זענען זיך פונאַנדער־געגאַנגען — ביידע אין ספיקות . . .

.4

יאָ — און רעדנדיק טאַקע וועגן איינשטיין אין רעלאַציע צו די יידישע קוואַנטום — יידן. אַז עס זענען אין אַלע יידישע און אין אַלע גוישע צייטונגען דערשינען אַרטיקלען וועגן דער שייכות פון פּראָפעסאָר איינשטיין מיט דער אַטאָמישער באָמבע, וואָס אין איר איז אַנטהאַלטן איינע פון די גרעסטע רעוואָלוציעס אין דער מענטשליכער געשיכטע, איז דער קוואַנטום־ייד ראובן געוואָרן זייער שטאָלץ ביי זיך, איז אין יענעם טאָג צוגעגאַנגען צו זיינע גוישע שכנים און זיי געוויזן די צייטונג און הויך־הויך אויפגעהויבן זיין קאָפּ. איין קליינקייט — ער און פּראָפעסאָר איינשטיין זענען דאָך לייב־לעבע ברידער . . . איז אין זעלבן טאָג דער קוואַליטעטס־ייד שמעון אַרומגעגאַנגען מיט אַ זאַמל־בויגן פאַר די קרבנות פון היטלעריזם אין אייראָפּע און אויף יענעם זאַמל־בויגן איז אויך געווען דער נאָמען פון פּראָפעסאָר איינשטיין אַלס ערן־פּרעזידענט פון פאָנד. און שמעון, דער איכות־ייד איז צוגעקומען צו ראובנען דעם כמות־ייד נאָך אַ נדבה און ראובן האָט זיך פאַרקרימט און געגעבן עפּיס־וואָס אויף אָפּצוקומען און דער גאַנצער ענין איינשטיין האָט אים שוין מער נישט געשמעקט. ער איז גרייט זיך מתייחס צו זיין מיט דעם פּראָפעסאָר איינשטיין פון דער אַטאָם־באָמבע, אָבער מיט יענעם איינשטיין, וואָס שמעקט מיט רויטער פּאַטשיילע . . . מע, ער ווייסט גאָרנישט ווי שטייט עס גאָר אָן איינשטיינען צו לאָזן דרוקן זיין נאָמען אויף זאַמל־ליסטעס.

אָבער אויך דאָס זענען מיר נישט אויסן. פאַרהאַנען אַסך יידן, וואָס טראָגן אויף די קעפּ גאָלדענע קרוינען פון איכות־יידן און זענען אין די הערצער גאַנץ פּשוטע כמות־יידן פון נידעריקסטן סאָרט.

.5

איז וואָס און ווער איז אַ כמות־ייד איז שוין מער־ווייניקער קלאָר. אָבער וואָס איז אַן איכות־ייד? און אָט וועל איך מיר דערלויבן צו געבן די דעפיניציע און שוין נישט צום ערשטן מאָל, נישט אין ערשטן מאמר מיינעם און נישט אין ערשטן לאַנד. די דעפיניציע גייט מיר נאָך כסדר און אָפּט דערפיל איך אַן אינערליכן צוואַנג זי אַרויסצוזאָגן.

א קוואַליטעט־ייד, אָדער איכות־ייד איז א מענש, וואָס באטראַכט זיך פאר א ייד און וואָס האָט א פּאָזיטיווע באציאונג צו דער עטנישער, קולטור־רעלער, אָדער רעליגיעזער איינהייט פון דעם יידישן קאָלעקטיוו — און וויל, אז איר עקזיסטענץ זאָל אויפגעהאַלטן ווערן אזוי לאנג ווי אזעלכע איינהייטן וועלן אויף דער וועלט עקזיסטירן.

א קוואַליטעטס־ייד מוז:

1. באַזיצן א סכום עלעמענטאַרן וויסן וועגן דער יידישער פאַרגאַנגענ־הייט און זיך באמיען דעם דאָזיקן וויסן שטענדיק אויסצוברייטערן.

2. האָבן א פּאָזיטיווע באציאונג צו וויניקסטנס איינער פון די איצטי־קע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען ביי יידן און זיין איר אקטיווער מיטהעלפער כאָטש אין א מינימאַלער פאָרם. די באַוועגונג מוז אים קאָסטן נישט נאָר זיין געפיל און געדאַנק, נאָר אויך זיין צייט און זיין געלט.

3. ער מוז האָבן א חלום וועגן וועלכער נישט איז פאָרם פון א בע־סערער און אייביקער יידישער צוקונפט און ער מוז זיינע אייגענע שריט ווענדן אין דער ריכטונג פון זיין חלום און אזוי אויך זיין באמיט צו ווענדן די שריט פון זיינע אייגענע יידישע קינדער, אויב ער האָט זיי, זיין יידיש ווייב, יידישע פריינט.

אויב עס פעלט בלויז איין פוס פון דעם דאָזיקן דריי־פוס, אויף וועלכן עס האַלט זיך די עקזיסטענץ פון א קוואַליטעטס־ייד, פאלט יענער ייד ארויס פון דער קאטעגאָריע איכות־יידן. ווארום א דריי־פוס שטייט זייער פעסט אויף זיינע דריי פיס, אָבער ער קען לחלוטין אפילו א רגע נישט שטיין אויף צוויי פיס.

די אויבן ארויסגעזאָגטע דעפיניציע פון א קוואַליטעט־ייד שטייט פּאַק־טיש איבער אלע ריכטונגען אין יידישן לעבן. זי איז כולל — זעלבסטפאַר־שטענדליך — אויך רעליגיעזע יידן. זי איז כולל ציוניסטן און בונדיסטן, טע־ריטאָריאַליסטן און קאָמוניסטן, פּאָלקיסטן און אלע איבעריקע יידישע איסטן.

די דעפיניציע שליסט אויס פון איין זייט די אסימילאַטאָרן פון נאַציאָ־נאַלן שטאַנדפּונקט און יענע, וואָס גייען אין דער ריכטונג פון שמד פון רע־ליגיעזן שטאַנדפּונקט.

די דעפיניציע שליסט אויך אויס די עקסטרעמיסטן, וואָס זענען אזוי אריינגעשרויפט אין זייערע פּאַרטייאיש־יידישע אידעען, ווי א שטאָל־בויע־רער אין א פעלזן . . . ווייל פּונקט ווי דער קוואַנטום־ייד זענען זיי געפער־ליך, די פּאַרטייאישע טאָטאַליטאַריער, אין יידישן לעבן, אין דער יידישער געשיכטע.

אָט דאָס איז, אן ערך, דער ענפער פון מיין וויניקייט אויף דער טאָפּל־פראַגע: וואָס איז א ייד? ווער איז א ייד? פּאַרטראַכט זיך טיף, מעסט צו מיין

דעפיניציע קודם כל צו זיך אַליין, ווייל אויך איך טו עס אין די שעהן פון מיינע ספיקות כמעט טאָגטעגליך מיט זיך, שטעל מיין קאָפּ אונטער דעם רוקער פון דער מאָס־דעפיניציע פון אַן איכות־ייד.
.1945

אויף די וועגן צו אַ געשלאָסענעם וועלט-באַנעם, אין גייסט פון ספּינאָזאַ

בשעת איך שרייב די ווערטער ליגן אויף מיין טיש לידער פון יידישע קדושים פון פּוילן פון די לעצטע עטלעכע יאָר. דאָס זיינען די לידער פון דעם קדוש, דעם גרויסן דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן, געדרוקט אין די 1945 אויגוסט־נומערן פון דער „צוקונפט" און דער „יידישער קולטור" און אויך עטלעכע לידער פון פּויליש־יידישע דיכטער, וואָס זיינען דערשינען אין פּוילן אין אונטערגרונט און זיינען אין ניו יאָרק, 1945, איבערגעדרוקט געוואָרן דורך „נאַשאַ טריבונאַ". ניט געקוקט דערויף, וואָס די דאָזיקע דיכטונגען זיינען דאָקומענטן ממש מיט אייגן בלוט געשריבן, שטייען זיי אויך קינסטלעריש אויף זייער אַ הויכער מדרגה. אַ סימן, אַז די דיכטער האָבן די לידער געשריבן מיט דעם פולסטן באַוווסטזיין. דאָס זיינען ניט קיין פאַר־צווייפלטע אויסגעשרייען, וואָס היינט שרייט מען זיי אויס און מאָרגן נעגירט מען זיי. דורך עכטער קונסט קומען צום אויסדרוק ניט נאָר געפילן, נייערט אויך סובלימירטע און שטאַרק דורכגעטראַכטע געדאַנקען. יאָ, געדאַנקען. און דעריבער זיינען די דערמאָנטע הייליקע דיכטונגען ניט נאָר דאָקומענטן פון געפילן, נייערט אויך דאָקומענטן פון אַ פילאָזאָפיע, וואָס האָט באַהערשט דעם דענקענדיקן טייל פון יידישן פאָלק אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע, וואָס איז געהרגעט געוואָרן. יצחק קאַצענעלסאָנס פּאָעמע רופט זיך טאַקע „דאָס ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק".

איך וועל ציטירן פון די לידער נאָר דריי שורות:

איך האָב געגלויבט אייך הימלען, באַזונגען אייך
אין מיינע לידער אַלע, אין יעדן מיין געזאַנג.
אַוועקט, אַוועקט. איר האָט אונדז אָפּגענאַרט,
געגנאַרט מיין פאָלק, גענאַרט מיין אַלטן שטאַם.
פון אייביק אָן — איר נאַרט אונדז. איר האָט די אבות מיינע,
די נביאים נאָך גענאַרט.

קען זיין, אַז די ווערטער פון יצחק קאַצענעלסאָן וועלן שוין אויף איי־ביק בלייבן די צוואה וואָס דאָס יידישע געהרגטע פאָלק אין אייראָפּע האָט אונדז נאָך באַוויזן איבערצולאָזן. אַ צוואה פון זעקס מיליאָן געהרגטע יידן. מיר טאָרן איבער דער דאָזיקער צוואה ניט אַריבערגיין צו אונדזער נאַרישן

סדר היום ווי קיינמאָל גאָרנישט. די צוואה פאָדערט א גרויסע, אפשר די גרעסטע רעוויזיע פון דער יידישער וועלט־באַנעמונג.

אַ גאָט, וואָס האָט אויסגעקליבן די סאמע אומשולדיקסטע זעקס מיליאָן מענטשן אין אומגליקלעכן אייראָפּע און זיין „בלויע הויט האָט אפילו ניט א ציטער געטאָן" (סטראפע י״א פון ליד צו די הימלען, פון י. ק.) בשעת מען האָט זיי אויסגעקוילעט אָן א פארוואָס און אָן א פארוועז, קען ניט — ווי קיינמאָל גאָרנישט בלייבן אויף די קומענדיקע פיר טויזנט יאָר גאָט פאר די איבערגעבליבענע צען מיליאָן ברידער פון דעם שטאם פון די אויסגע־הרגעטע זעקס מיליאָן.

גלויבן אין גאָט איז געבויט אין דער ערשטער רייע אין גלויבן אין זיין גערעכטיקייט. גערעכטיקייט איז זיין פונדאמענט. גאָט אָן גערעכטיקייט איז א וויסנשאפטלעכער, ספעקולאטיווער גאָט, און עס האָט קיין שום זינען ניט אָנצובינדן אים דעם רעליגיעזן האָקוס־פּאָקוס. ווייטער דאָס צו טאָן הייסט זיין באוווסטזיניקע היפּאָקריטן, אָבער קאצענעלסאָן און די אנדערע דיכ־טער פון געטאָ זיינען געווען באוווסטזיניקע, הייליקע אפיקורסים.

די באציאונג צום רעליגיעזן יידישן גאָט קען פון היינט אָן זיין בלויז א היסטאָרישע, נאציאָנאלע, טראדיציאָנעלע, מער, עסטעטישע ווי עטישע. קיין אימפּעראטיווע ראָלע אין יידישן לעבן קען דער יידישער גאָט מער ניט שפּילן. אויך אָן אָפּמאך מיט גאָט איז א קעגנזייטיקער. א גאָט, וואָס זיין נאטור איז אַזאָ, אז ער קען קיין יחיד ניט אויסהערן, קיין כלל ניט העלפן אין זיין העכסטער נויט, איז עפּעס, וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט. דער רמב״ם, אפשר דער טיפסטער אפּאָלאָגעט פון יידישן גאָט-געדאנק, נאָך משה רבינו, האלט זיך אין איין ארומשפּארן איבער די יאָרטויזנטער אריבער מיט אַריסטאָטעלן און אים באווייזן, אז גאָט האָט א ווילן און זיין ווילן איז גערעכטיקייט. אונדזער איצטיקע יידישע צייט, לעצטע צייט, אמתדיקסטע צייט, ברוטאלסט־אמתדיקע צייט און איר — ביז איצט גרעסטער דיכטערישער פירשפּרעך יצחק קאצענעלסאָן — האָבן דורך טאט און דורך וואָרט באוויזן, אז אויב עס איז דאָ א גאָטס ווילן — דאָס לאָזט זיך אבסאָלוט ניט נעגירן — איז יעדנפאלס זיין ווילן ניט גערעכטיקייט לויט מענטשלעכע באגריפן און אוודאי ניט לויט יידישע באגריפן. ובכן האָט עס קיין שום זינען ניט מער זיך צו שפּילן אין יידישער רעליגיע ווי א יש פון דער איצטיקייט און פון דער קומענדיקייט. וואָס שייך געשיכטע לאָמיר אים געבן דעם שענסטן פלאץ, וואָס שייך היינט און מאָרגן קען ער מער ניט עקזיסטירן.

און אויב איר ווילט אייער קינד איצט איינרעדן יידישע רעליגיע, מוזט איר אים גלייכצייטיק איינרעדן, אז יידן זיינען דאָס ערגסטע און זינדיקסטע

פאָלק אין דער וועלט, אָדער דער יידישער גאָט איז דער זינדיקסטער גאָט... איז שוין בעסער גאָרנישט, איידער דאָס. יידישער גאָט באַלאַנגט צו דער יידישער געשיכטע. ניטאָ וואָס אויף גאָט צו האָפן, מענטש קען זיך נאָר אויף מענטש פאַרלאָזן. דאָס איז די רעליגיע. און אויב איר ווילט, זיינען שטאַרקע שפּורן פון אָט דער רעליגיע שוין סיי ווי דאָ אין דער אלזייטיקער ענציקלאָ־פּעדיע, וואָס רופט זיך תנ״ך. מען דאַרף זי נאָר אויפהערן צו לעזן מיט די היפּאָקריטישע אויגן פון אירע אוחזי ביד, נייערט מיט די געדאַנקען פון די, וואָס האָבן זי געשאַפן. אָבער דאָס איז אַן ענין פאַר זיך.

אמת איז, אַז עס בלייבט פאַר די רעליגיעזע יידן נאָך איין טירל אָפן, נאָך דעם מאָרד פון די זעקס מיליאָן, און דאָס איז די יעזוסישע קאָנצעפּציע פון אויסלייזונג דורך קרבן. אָט איז זי: די וועלט לעבט דורך דעם גרעסטן קריזיס. איצט, אָדער קיינמאָל ניט, מוז קומען אויסלייזונג. גרעסטע אויס־לייזונג פאָדערט דעם גרעסטן קרבן. האָט גאָט באַשלאָסן דעם קרבן אַרויפ־צולייגן אויף דעם יידישן פאָלק. פאַרן גרעסטן קרבן וועט ער ברענגען דעם גרעסטן לוין אויף יענער וועלט . . . איך מוז מודה זיין, אַז אין מיין טיפסטער נשמהדיקער נויט פלעג איך אַמאָל, און טו נאָך היינט, מיך טרייסטן מיט אָט דער אויפפאַסונג. אָבער איך זאָג אליין, אַז קיין שום שאַרפע, קריטישע, פּי־לאָזאָפישע אַנאַליזע קען אָט די אויפפאַסונג ניט אויסהאַלטן.

גאָטס מילן האָבן לאַנגזאַם געמאָלט. געמאָלט, ביז זיי האָבן גאָט אליין צעמאָלט צוזאַמען מיט דעם בלוטיקן, מענטשן־ביינערדיקן ברײַ פון זעקס מיליאָן אומשולדיקע יידישע קינדער. אויך די אַנטי־גאָט-מילן מאָלן לאַנג־זאַם.

נאָר אַ געשלאָסענע וועלט־באַנעמונג איז אַ וועלט־באַנעמונג. אַזאַ איז געווען משהס וועלט־באַנעמונג. געשלאָסן איז אויך די וועלט־באַנעמונג ספּינאָזאַס. קיין נייערע, מער יידישע, ניט געקוקט אויף ספּינאָזאַס ווידער־ווילן צו יעדן מין נאַציאָנאַליזם, איז דערווייל ניטאָ. און אַז אייער זון, אייער טאָכטער וועלן פרעגן אויף יידישער רעליגיע, אויף צוזאַמענהאַנגען מיט די זעקס מיליאָן טויטע יידן, ענטפערט: ניטאָ אַזאַ צוזאַמענהאַנג. די יידישע רעליגיע האָט זיך געענדיקט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. ספּינאָזאַ איז אַ נייער רעליגיעז־פילאָזאָפישער נביא.

האָט איר אַן אַנדער ענטפער און קענט איר אים באַגרינדן, איר אויפ־ריכטיק, רעליגיעזע יידן, און אויך איר, מאָדערנע יידישע פּראָזעליטן, נעאָ־פיטן? וואָס שייך אייך, היפּאָקריטן, קענט איר נאָר היסטעריש שרייען, איבערשרייען אייער ציניזם.

.1945

וועגן אינטעגראלער יידישקייט און וועגן דעם דערציאונגס-פראָבלעם ביי יידן

עמיץ האָט ערגעץ א וואָרף געטון א וואָרט „אינטעגראלע יידישקייט". אינטעגראל איז א וואָרט, וואָס לאָזט זיך טייטשן זייער ברייט, אָבער בעיקר הייסט עס: אלע טיילן ארומנעמענדיק, אומצעטיילבאר, נעמענדיק אין אכט באזונדערע שטיקער אין צוזאמענהאנג מיט דעם גאנצן צו וועלכן זיי באַלאנגען א. א. וו. שמואל ניגער מיינט, אז צבי שווארץ, דער גרינדער און צוויי יאָר לאנג, ביז צו זיין טויט, ארויסגעבער פון די ארגענטינער „שריפטן פאר אינטעגראלער יידישקייט" האָט עס אין יאָר 1942 צום ערשטן מאָל גענוצט. א. גאָלאָמב מיינט זיכער, אז ער איז געוועזן דער ערשטער דאָס וואָרט צו באנוצן. לויט מיין וויינקייט קומט גאָר אויס, אז צום ערשטן מאָל האָט דאָס וואָרט געגוצט דר. חיים סלאוועס, דער סעקרעטאר פון „איקוף" אין פאריז. זיכער איז, אז הערליך און קלאָר באגרינדעט דעם ענין פון אינטעגראלער יידישקייט האָט דער פועלי ציון, געראטעוועטער פון עטליכע קאָנצענטראציע־לאגערס דר. מארק דוואָרזשעצקי, איצט אין פאריז, אין „יידישן קעמפער" ניו-יאָרק, דעצעמבער 1945.

פון דעם אלעמען איז געדרונגען, אז איבער דער יידישער וועלט אין היינטיקן טאָג גייט ארום פון לאנד צו לאנד, פון יישוב צו יישוב אן אומזיכטבארער דיאָגנעס מיט א לאמטערנע אין האנט אין מיטן ליכטיקן טאָג און זוכט א יידישקייט פאר אלע יידן. א יידישקייט, וואָס זאָל זיין אינטעגראל, וואָס זאָל איינשליסן אלע יידישע דורות און אלע יידישע גלותן און אפילו אלע יידישע אויסגעלייזטע יישובים, אָדער יישובים, וואָס האָבן זיך איינגערעדט , אז זיי זענען אויסגעלייזט, אָדער זיי זענען טאקע אויסגעלייזט. א יידישקייט, וואָס זאָל ארייננעמען די רעליגיעזע און נישט רעליגיעזע, די יידיש־און העברעאיש־רעדנדיקע און אפילו, אפילו די נישט יידיש, און נישט העברעאיש־רעדנדיקע — אויב זיי שטייען נאָר נישט מיט די געפאקטע וואַליזעס אויף דער שוועל פון יידישקייט אויף צו אנטלויפן, אָדער זענען שוין אנטלאָפן דורך דער העסליכער הינטער־טיר פון קאָמפלעטער אסימילאציע, אָדער דער געהיימער הינטער־טיר פון שמד.

אינטעגראלע יידישקייט לייגט צוזאמען אין איר אוצר אלץ, וואָס איז גרויס און אייביק שעפעריש אין יידנטום און איז גרייט צו לאָזן געניסן פון דעם אוצר אלעמען, וואָס ווילן באלאנגען צום יידנטום.

מיט עטליכע צענדלינק יאָרן צוריק האָבן הייסקעפיקע יידישיסטן אין ווארשע זיך פארגונען צו זאָגן, און אָפטמאָל אפילו שרייען, אז יידן, וואָס רעדן נישט קיין יידיש, אָדער ריכטיקער אנערקענען נישט די וועלטליכע

יידישע ליטעראַטור אלס די העכסטע דערגרייכונג פון יידישקייט, זענען נישט קיין יידן. דאָס זעלבע, אויף העברעאיש איבערגעזעצט, האָבן זיך פאַרגונען צו זאָגן הייסקעפּיקע העברעאיסטן אין תל אביב.

היינט זענען די דאָזיקע הייסע אידעען שוין פאַרוואַנדלט אין אש אין די הייך־אויוונס אין אוישוויץ. און די רעשטלעך, וואָס האָבן זיך פון אויש־וויץ געראַטעוועט, און די, וואָס זענען לכתחילה אין אוישוויץ נישט גע־ווען, בלאָנזשען און זוכן אַן ענפער און עס דוכט זיך זיי, אַז זיי האָבן דעם ענפער געפונען אין אינטעגראַלער יידישקייט. און אַזוי דאַכט זיך עס אויך דעם שרייבער פון די שורות. די אידעע דאַרף נאָר אויסגעבויט ווערן, אירע הויפּט־פּרינציפּן קאָנאָניזירט אין אַ מין קאָנסטיטוציע.

* * *

און איצט לאָמיר איבערזעצן דעם באַגריף פון אינטעגראַלער יידישקייט אויף פּעדאַגאָגיש לשון. אין דער יידישער פּעדאַגאָגיק באַטייט דאָס זוכן אינ־טעגראַלע יידישקייט — דאָס זוכן אַזאַ יידישע שולע, וואָס זאָל קענען כולל זיין אַלע יידישע קינדער אין שול־עלטער, וואָס קאָנטינואירן זייער יידיש־קייט מחמת דעם ווילן פון זייערע עלטערן. היות ווי איינער פון די הויפּט־פּרינציפּן פון אינטעגראַלער יידישקייט דאַרף זיין, אַז אַ ייד זאָל קענען כאָטש איינע פון די יידישע שפּראַכן, און אויב ער קען נישט — זאָל ער שטרעבן צו קענען — דאַרף די אינטעגראַלע יידישע וועלט־שולע זיין אַזוי געבויט, אַז מינדעסטנס זאָלן די יידישע קעגנשטאַנדן אין איר געלערנט ווערן אין איינער פון די יידישע שפּראַכן. דערפון דרינגט, אַז די יידישע שולע מוז האָבן אַן אינטעגראַלן יידישן מינימום־פּראָגראַם, וואָס קען כולל זיין אַלעמען, מאַכנדיק אַ פּשרה מיט אַלע ריכטונגען אין שייכות צו צווייט־ראַנגיקע נישט־אינטעגראַל־יידישע אידעען, אָבער ניט מאַכנדיק קיין פּשרה וואָס שייך דעם הויפּט־פּרינציפּ פון אינטעגראַלער יידישקייט.

אין זאַך ווייסט די לאַנגזאַם זיך אַנטוויקלענדיקע באַוועגונג פון אינ־טעגראַלער יידישקייט אויף זיכער, אַז איר הויפּט־פּראָבלעם איז דאָס דער־ציאונגס־פּראָבלעם ביי יידן. ווען זיין דערציאונג ביי יידן אַוועקגעשטעלט מיט אַן אינטעגראַלער אידעע, ווען אַלץ זיין, ווען זיין קאָנטינואיטעט אוןווירקלעכקייט און אייביקער היינט. ווען נישט זיין — ווען יידנטום פאַר־וואַנדלט ווערן אין געשיכטע און נאָר איינצלנע טיילן וועלן וועגעטירן ווײַ־טער ביז דאָס חיות ווען זיי אויסגיין, אָדער ביז זיי וועלן זיך פאַרוואַנדלען אין עפּיס אַזוינס, וואָס יידנטום איז שוין נישט געווען זינט עטליכע טויזנט יאָר.

אַלע זאָגן, אַז דאָס אַמעריקאַנישע יידנטום איז היינט דאָס דעצידירנדיקע, אַלע ווייסן, אַז אין אַמעריקאַנישן יידנטום ווען סוף כל סוף זיין גרויסע יידי־

שע ווייטער עקזיסטענץ דעצידירן דער אופן וויאזוי די דערציאונג וועט ביי דעם דאָזיקן יידנטום ווערן אוועקגעשטעלט. נו און אלע ווייסן אויך, אז אויב דערציאונג יידישע אין אמעריקע איז מאָנטרעאָל א מוסטערשטאָט. ניט וויכ־טיק וואָס מאָנטרעאָל געפינט זיך נישט אין די שטאטן, נאָר אין קאנאדע. אין אמעריקע און אין קאנאדע איז סאי דער יידישער און סאי דער אלגעמיינער שטייגער לעבן כמעט דער זעלבער.

האָט דער פאריין פון יידישע שרייבער אין מאָנטרעאָל—נעמענדיק אין אכט די אויבנדערמאָנטע דריי „אז׳ן״ — אז, און אז און אז — צום סוף 1945 און אָנהויב 1946 צונויפגערופן אלע שטאָטישע יידישע לערער און שרייבער אויף דריי וויכוח־אוונטן וועגן יידישע דערציאונגס־פּראָבלעמען אין צפון־אמעריקע.

צו 150 פּערזאָנען זענען געשיקט געוואָרן איינלאדונגען. דאָס איז א באדיי־טיקע צאָל יידישע לערער פון אלערליי מינים און שרייבער. אָבער נישט אלע זענען געקומען און שוין דאָס אליין איז כאראקטעריסטיש. אויף פיר פארבע־טענע איז געקומען — איינער. מערערע האָבן זיך אנטשולדיקט, אז זיי האָבן פונקט אין די זעלבע אוונטן געהאט „פּארטיס״ (די בארימטע „פּארטיס״ . . .) מיט טיי און קיכלעך זיסענקע און ווי קען מען אזוינס דורכלאָזן? און אויך דאָס איז כאראקטעריסטיש וויאזוי טפל פארנעמט דעם פלאץ פון עיקר אין יידישן אמעריקע. אָבער די מער ערנסטע און אָנפירנדיקע יידישע לערער זענען געקומען. א סימן, אז דער פּראָבלעם, בפירוש פּראָבלעם, בויערט טיף אין פאראנטוואָרטלעכע יידישע הערצער און מוחות.

דער וויכוח איז איינגעטיילט געוואָרן אין דריי הויפּט־צווייגן פון פּראָב־לעם. אָט זענען זיי: 1. פּראָבלעם פון גלות און ארץ ישראל אין די יידישע שולעס, אָדער שולעס ביי יידן אין אמעריקע. 2. רעליגיע און וועלטליכקייט. 3. יידיש, העברעאיש און לאנדשפּראכן.

עס וואָלט אונז פארפירט צו ווייט זוען מיר וואָלטן דאָ וועלן איבערחזרן אלע מחשבות — און צווישן זיי בפירוש דורכגעטראכטע מחשבות פון לערער פון אלע פיר שול־ריכטונגען אין דעם דאָזיקן צענטער פון יידישן דערציאונגס־וועזן אין אמעריקע. אפשר דעם פּראָפּאָרציאָנעל גרעסטן און פארשידנאר־טיקסטן צענטער פון גאנץ־טאָגיקע יידישע שולעס. (פארוואָס גראד מאָנט־רעאל האָט די זכיה צו זיין דער דאָזיקער צענטער איז א טעמע פאר זיך. א פאקט, אז ער איז עס — און ער דארף אויסגענוצט ווערן ווי א מין לאבאָרא־טאָריע פאר עקספּערימענטן אין אָט דעם היסטאָרישן יידישן מאָמענט, ווען די וואָגשאָלן פון זיין און נישט זיין וויגן זיך אזוי שטורמיש).

מיר ווילן דאָ פארצייכענען דאָס כמעט פעלן פון דעם אפשר וויכטיקסטן סוב־פּראָבלעם פון יידישן דערציאונגס־פּראָבלעם אין אמעריקע אין די דער־מאָנטע וויכוחים. און דאָס איז די פראגע פון אן אינטעגראלער יידישער שולע

פאַר אַלע יידישע קינדער. די פראַגע צי איז עס מעגליך צו געפינען אַזאַ מאָ־דוס פון יידישע שולעס, אַזאַ טיפ פון יידישע שולעס, וואָס זאָלן קענען כולל זיין אַלע ריכטונגען אין זיך. מה דאָך, אַז אפילו יידישע לערער אַנטלויפן פון יידישן דערציאונגס־פּראָבלעם — וויפיל מער אַנטלויפן פון דעם פּראָבלעם יונגע יידישע עלטערן . . . און אַז צענדליקער הענט גיבן זיך אַ שטרעק נאָך זייערע קינדער אין אָנהויב שול־יאָר, צענדליקער פאַרשידענע הענט, ווערן זיי אַזוי דערשראָקן און צעטומלט, אַז זיי טראַכטן זיך: אפשר בעסער לחלוטין גאָרנישט . . . און עס בלייבט טאַקע ביי גאָרנישט ביי דריי פון פיר יידישע עלטערן, אפילו אין אָט דעם גן עדן פון יידישער דערציאונג אין אַמעריקע, וואָס רופט זיך מאָנטרעאַל.

יאָ — די וויכטיקסטע פראַגע איז צו געפינען אַזאַ טיפ יידישע שולע פאַר יידישע קינדער, וואָס זאָל זיין אינטעגראַל סאַי אין יידישער צייט, גע־שיכטע, סאַי אין יידישער אויסגעשפּרייטקייט, געאָגראַפיע. אַ שולע, וואָס זאָל געפינען אַ מאָדוס וויוועגדי, אַז אונטער איר דאַך זאָלן קענען הויזן קינדער פון רעליגיעזע עלטערן און נישט רעליגיעזע, קינדער פון ציוניסטישע על־טערן און נישט־ציוניסטישע, קינדער פון עלטערן וואָס רעדן אין די היימען יידיש אָדער העברעיש אָדער בלויז די לאַנד־שפּראַכן.

לויט מיין מיינונג איז עס מעגליך צו געפינען אַזאַ טיפּ שולע. מען דאַרף נאָר האָבן דעם גוטן ווילן דערצו.

און אָט זענען די הויפּט־פּרינציפּן פון אַזאַ מין שולע:

1. רעליגיע איז פּריוואַט־זאַך. קינדער פון רעליגיעזע עלטערן באַקומען רעליגיעזע צוגאָב־שעהן. דערמיט ווערט אָפּגעשאַפט די סתירה צווישן היים און שולע פאַר אַלע קינדער. ביז דרייצן יאָר אַנטשיידן די עלטערן, צי דאָס קינד זאָל באַקומען אויך רעליגיעזן אונטעריכט. נאָך דרייצן יאָר דאָס קינד אַליין.

2. קיין שום פּאַרטיי איז נישט און דאַרף נישט זיין טאָטאַליטאַר אויף דער יידישער גאַס. קינדער פון עלטערן פון אַלערליי פּאַרטיי־פּאָליטישע ריכ־טונגען האָבן אַ רעכט אין ראַמען פון דער שולע, אויסער די לערן־שעהן, אויס־צולעבן זיך פּאַרטיי־פּאָליטיש לויטן ווילן פון זייערע עלטערן אָדער זייער אייגענעם געשמאַק. און אויב נאָר עס וועט אַנערקענט ווערן דער פּרינציפּ, אַז קיין שום פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס איז נישט טאָטאַליטאַר, וועלן שוין קיין מלחמות צווישן די קינדער צוליב דעם נישט זיין.

3. יידיש אָדער העברעיש, ניין, יידיש און העברעיש איז אַ מוז־זאַך אין אַלע יידישע שולעס. די עקסקלוזיווע יידישע קעגנשטאַנדן דאַרפן געלערנט ווערן אין איינער פון די שפּראַכן. קענטשאַפט פון אַ יידישער שפּראַך איז אַ זאַך, וואָס באַלאַנגט ווי אַן אינטעגראַלער טייל צו אינטעגראַלער יידישקייט.

דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדליך. דאָס שוועבט שוין היינט אין דער לופט אפילו אין אמעריקע. און עס מערן זיך אין יידישע שולעס קינדער פון עלטערן וואָס קענען אליין נישט קיין יידיש און נישט קיין העברעיש. פונקט ווי די עלטערן פון ערשטן אימיגראַנטן דור האָבן געלערנט פון זייערע קינדער ענגליש אָדער שפּאַניש, אַזוי לערנען שוין היינט — אין געוויסע באַוווסטזיניקע יידישע היימען — די עלטערן פון זייערע קינדער יידיש אָדער העברעיש.

ווען זיך די שטורמישע יידישע קולטורעלע וואָג־שאָלן אָפּשטעלן און עס וועט געפינען ווערן א גלייכגעוויכטיקע אינטעגראַלע יידישע טאָג־שול פאַר אַלע קינדער אין אַמעריקע און אַלע איבעריקע יישובים פון יידישער צעש־פּרייטקייט — וועלן מיר געווינען. דעם צווייטן טייל פון דער אַלטערנאַטיווע וויל איך גאָרנישט צולאָזן אפילו אין וויטסטן געדאַנק.

1946.

די אבסטראַקטע וועלט-גערעכטיקייט און דאָס קאָנקרעטע יידישע וועלט-פאָלק

זיין א ספּינאָזיסט און גלייכצייטיק אויסגעשפּראָכן יידיש איז א סתירה. אָבער ספּינאָזא האָט געלעבט אין זיבעצעטן יאָרהונדערט און קען און דאַרף פאַרשטאַנען ווערן דורך די רעאַליטעטן פון זיין צייט. היינט קען מען זיין אי א ספּינאָזיסט און אי נאַציאָנאַל, ווייל נאַציאָנאַליזם האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי איינע פון די סאַמע שטאַרקסטע וועלט־פּאָליטישע רעאַליטעטן אין אונזער יאָרהונדערט, די פאַר באַמערקונגען — כדי צו באַרעכטיקן דאָס צונויפבינדן די ווערטער יידיש און ספּינאָזיסט. און איצט צו דער איינגנטליכער טעמע:

* * *

דער יידיש־ענגלישער שרייבער מאָריס סעמיועל האָט אין זיין בוך וועגן אנטיסעמיטיזם „דער גרויסער האס" אַרויסגעבראַכט זייער א טשיקאַ־ווען געדאַנק. ער האָט געזאָגט: איך מוז צוגעבן, אז מיר יידן זענען אָפּט אין אונזער באַנעמונג טאַקטלאָז, מיר זענען טומלדיק אין באַנען, אויף דאַ־טשעס, מיר שטופּן זיך אין געזעלשאַפטן וווּ מיר זענען נישט גערן געזען א. א. וו. און עס קומט אונז דערפאַר א שטראָף. אָבער ווי גרויס קען זיין די שטראָף פאַר אַזא פאַרברעכן? אפילו אין טערמינען פון תפיסה — א וואָך, א חודש. אין בעסטן אָדער ערגסטן פאַל. קיין טויטשטראָף קומט דאָך דערפאַר אוודאי נישט. — צו דעם וואָלט איך צוגעגעבן: עס איז טאַקע אמת, אז קיין טויט־שטראָף קומט נישט דערפאַר, קיין נאַציאָנאַלער טויט־אורטייל אוודאי און אוודאי נישט. און אוודאי און אוודאי נישט די טאָרטורן פון מאַידאַנעק אָדער טרעבלינקע. אָבער ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען עס וואָלט

געוועזן א געריכט אויף צו משפטן די זאכן לויט א געוויסער פּראָצעדור.

נו, אזא מין געריכט עקזיסטירט נישט דערווייל. אויב די פאראייניקטע פעלקער אָרגאַניזאַציע, וואָס וואָלט ריכטיקער, אין בעסטן פאַל, געדאַרפט הייסן: פאַרייניקטע מלוכות אָרגאַניזאַציע, וועט האָבן דערפאָלג, וועט זי זיך פאַרנעמען מיט צווישן־מלוכה׳שע עוולות. מיט עוולות פון איין פאָלק לגבי א צווייטן וועט זי זיך נישט פאַרנעמען. אפשר אמאָל, אין דער ווייטער צו־קונפט, ווען מלוכות וועלן בכלל אָפּגעשאַפט ווערן און אויף זייער אָרט וועלן בלייבן נאָר עטנישע גרופּעס, פעלקער. דערווייל איז די רעאַליטעט: מלוכות, און מיט דעם דאַרף מען זיך רעכענען.

מיר יידן האָבן א טבע אין אונזער פּרעסע כסדר צו אַפּעלירן צו דער וועלט־גערעכטיקייט. אָן שום ציניזם, און אפילו אָן שום סקעפּטיציזם, בנוגע דעם מין מענש מוז מען קלאָר זאָגן, אז דאָס מין אַפּעלירן איז אזוי ווי בלאָזן מיט א בלאָז־זאַק אין פוסטן דרויסן אריין. מיט א צענדלינג יאָרן צוריק האָט עס נאָך געהאַט א שטיקל זין, היינט, אין יאָר 1946, איז עס דורכאויס זינלאָז. און אָט פאַרוואָס: אז מיר, יידן, האָבן מיט א צענדלינג יאָרן צוריק, אין דער צייט פון פולן אויפשוווּנג פון היטלעריזם, אַפּעלירט צו דער וועלט, האָט אונזער אַפּעלירן נאָך געהאַט אַן אדרעס און א לאָגיק. מיר האָבן אַפּעלירט בעיקר צו א וועלט, וואָס היטלער האָט זיך קעגן איר אויך פונקט אזוי פאַר־מאָסטן ווי קעגן אונז. מיר האָבן אַפּעלירט צו פראַנקרייך, ענגלאַנד, אמערי־קע, רוסלאַנד. מיר האָבן אַפּעלירט צו פּאָטענציעלע פאַרבינדעטע.

אויסגעהערט האָט מען אונז, אָבער גענומען אין אכט האָט מען נאָר איי־גענע אינטערעסן. מען האָט געהאַנדלט פּונקט אזוי ווי מיר וואָלטן געהאַנדלט, מיר יידן, ווען מיר וואָלטן געהאַט א מלוכה און אַן אַנדער פאָלק, א שוואַכערס פון אונז, וואָלט צו אונז אַפּעלירט נאָך אַבסטראַקטער וועלט־גערעכטיקייט. די רעזולטאַטן פון דעם נישט אויסהערן אונז אַפּעלירן איצט מיט אַש און שטויב פון זעקס מיליאָנען הרוגים צו נאָך א העכערער גערעכטיקייט.

איז אויב מיט א יאָרצענדלינג צוריק, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט פאַר־בינדעטע, ווען מיר האָבן אָנגעקלאָגט איין טייל פון דער וועלט, די פאַשיס־טישע, צום אַנדערן טייל פון דער וועלט — די דעמאָקראַטישע, האָט מען אונז געהערט ווי מען האָט אונז געהערט — — איז צו וועמען אַפּעלירן מיר איצט, ווען מיר פאָדערן גערעכטיקייט, אַבסטראַקטע וועלט־גערעכטיקייט? יעמאָלט איז נאָך געוועזן א העכערע אינסטאַנץ, אָדער מען האָט זיך ווײַ־ניקסטנס געקענט איינרעדן, אז אזא אינסטאַנץ איז דאָ. היינט איז די איינרע־דעניש אויך נאָנסענס.

היינט מוזן מיר, יידן, זיין אונזערע אייגענע ריכטער און אָפּשאַפן אליין יעדע סיבה, וואָס קען אַנטאַגאָניזירן די קאָנקרעטע וועלט קעגן דעם קאָנקרעטן

וועלט־פּאָלק. און אויב מיר ווערן פאַר אונזער טאַקטלאָזיקייט, טומלעריי א.א.וו. פּאַר וועלכע אנדערע פֿלקער ווערן לחלוטין נישט געשטראָפט, באהאנדלט ווי שווער־פאַרברעכער, האָבן מיר נישט קיין ברירה צו אַפּעלירן קעגן דעם צו־שטאַנד. גאַנץ פּשוט — נישטאָ קיין אינסטאַנץ דערויף. אפשר וועט אמאָל זיין, היינט איז נישטאָ. אויב מיר ווילן עקזיסטירן מוזן מיר קענען גיין צווישן די רעגן־טראָפּנס פון דעם וועלט־שטורם.

אוודאי האנדלט די וועלט לגבי אונז אין זין פון איר׳ע פיזיש־מאַטעריעל־עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער זי האנדלט אויך לויט פּסיכישע, אינערליכע געזעצן. פּסיכיק איז אויך רעאַליטעט.

די וועלט האָט איצט לגבי אונז א שולדיקייטס־קאָמפּלעקס. זי פילט, אז דאָס אויסהרגענען פון זעקס מיליאָנען אבסאָלוט אומשולדיקע מענשן האָט נישט געטאָרט געשען און האָט אויך נישט געמוזט געשען. אונטערבאוווסטזיניק זוכט די וועלט אָפּצושאפן איר שולד־קאָמפּלעקס דורך צעבלאָזן ווי א וואלד־פייער יעדע מינדסטע שולדיקייט אונזערע. מוזן מיר דעריבער טויזנטפאך פאַרזיכטיק זיין. די וועלט האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער מלך דוד־האָטעל באָמבע אין ירושלים ווי צו א באלזאם ממש פאַר איר פאַרווונדיקט געוויסן לגבי אונז . . . די זאכן ווערן אָפן נישט ארויסגערעדט, נאָר זיי זענען קלאָר פאַר יעדן, וואָס האָט אן אָפן אויג. און נישט נאָר צו א האָטל־באָמבע וועט זיך די וועלט צוכאַפּן — זי וועט זיך פונקט אזוי צוכאַפּן צו א שווינדל מיט א צוקער־קאַרטע. און נישט פון שלעכטקייט דווקא, נייערט צוליב דעם שולדיקייטס־קאָמפּלעקס לגבי אונז.

יאָ, מיר — דאָס קאָנקרעטע וועלט־פּאָלק — מוזן זוכן די אבסטראַקטע וועלט־גערעכטיקייט מיט די פאַרזיכטיקסטע פּסיכישע מעטאָדן, מיט מע־טאָדן, וואָס קענען אָנגעווענדט ווערן נאָר דורך העכסטער, ממש אבסאָלוטער חכמה. אָבער שטאָט דעם ווערט אונזער פאָלק געפירט מיט פאַרטייאישע לײדנ־שאפטן, אָפטמאָל ממש מיטן קאָפּ אין א וואַנט אריין. קיין בעל שכל קען נישט גלויבן, אז מען קען אויף דעם אופן דערגרייכן די וועלט־גערעכטיקייט, וואָס זיצט דאָרט ערגעץ אויפן טראָן אויף יענער זייט וואַנט . . . עם הספר און עם החכמה דאַרף זיין סינאָנים, אָבער טיפע, אבסאָלוטע וועלט־חכמה פעלט אין דער קאָנקרעטער וועלט־פירונג פון וועלטפאָלק און דערפאַר געניסן מיר אזוי ווייניק פון דער אבסטראַקטער וועלט־גערעכטיקייט.

.1946

III. סך־הכל

ליניע און קרייז — קרייז און ליניע
אָדער
ייִד און וועלט — וועלט און ייִד

און ערשטער, אומזיכערער שריט צו אַ נייעם ייִדישן וועלט־באַנעם
נאָך די יאָרן 1933־1945

* * *

אין יעדן מענטש, שיר נישט זינט זיין פריער קינדהייט, און אויך אין דער גאַנצער מענטשהייט, זינט איר פריער קינדהייט עגבערט אין פאַרבאָר־געניש, און אַמאָל אויך גאַנץ אָפן, די פראַגע: פון וואַנעט קום איך? ווייניקער אינטערעסירט די פראַגע: וווהין גיי איך? און אַזוי ווי יעדער מענטש איז אַ וועלט — איז ממילא די פראַגע, אויב געהעריק געטפּלט, צו לעזן: פון וואַנעט קומט די גאַנצע וועלט? דאָס איז די פראַגע, וואָס שליסט אין זיך איין די גאַנצע קאָסמאָגאָניע. צוליב הונדערט און איינס סיבות, איז זי די אומ־פּראַקטישסטע. שוין צוליב דעם אומפּראַקטיש — ווייל יעדער, וואָס פרעגט זי, ווייסט, אַז זי קען נישט פאַרענטפערט ווערן?

* * *

און אויך איך האָב מיר אין פאַרלויף פון יאָרן און יאָרצענדלינקער, פינף יאָרצענדלינקער, ווייל שוין אין מיין פריסטער קינדהייט האָב איך מיך די פראַגע געפרעגט, געשאַפן אַן אייגענע קאָסמאָגאָניע. און אָט איז זי:

דאָס זיין פון דער סובסטאַנץ — סובסטאַנץ לויט ספּינאָזאַס באַנעם — מאַניפעסטירט זיך מיר אין דריי אַטריבוטן. איך רעד דאָ נישט וועגן די אַט־ריבוטן פון דער סובסטאַנץ גופא, נייערט וועגן די אַטריבוטן פון דעם זיין פון דער סובסטאַנץ. יאָ, דאָס זיין פון דער סובסטאַנץ באַנעם איך דורך דריי אַטריבוטן:

דאָס אָרגאַנישע, באַוווסטע לעבן צענטראַליזירט אין איין דעפיניטיוון איך.

דאָס מאַטעריעלע עקזיסטירן — אָפּגעריסן און אָפּגעשיידט פון אַ דע־פיניטיוון, גייסטיקן איך.

דאָס אַבסאָלוטע זיין אַליין.

דאָס זיין האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער ליניע. אין אָנהויב איז געווען די ליניע. ניין, נישט אין אָנהויב, ווייל די ליניע איז אָן אָן אָנהויב. און ווייל זי איז נישט געווען אין אָנהויב וועט זי אויך נישט זיין ביים סוף, ווייל זי האָט נישט קיין סוף. די ליניע איז. פון דער ליניע איז געקומען דער קרייז.

אין אומענדליכע מאָדוסן מאַניפעסטירט זיך פאַר אונז די ליניע און אין אומענדליכע מאָדוסן מאַניפעסטירט זיך פאַר אונז דער קרייז. די ליניע האָט אין ווילן — אייביק צו זיין און צו זיין ליניע. דער קרייז האָט אין באַגערן — אייביק צו זיין און צו זיין קרייז.

* * *

דער ערשטער אַטריבוט פון דער ליניע איז זיין. דער ערשטער אַטריבוט פון קרייז איז לעבן. דער צווייטער אַטריבוט פון דער ליניע איז עקזיסטענץ, דער צווייטער אַטריבוט פון דעם קרייז איז עקזיסטענץ. אין זייערביידנס געמיינזאַמען אַטריבוט, עקזיסטענץ, שטויסן זיך אייביק צוזאַמען די ליניע און דער קרייז און באַשאַפן דאָס אייביקע געבוירן און אייביקע אָפּשטאַרבן, וואָס זענען אין טיפן תוך איינס.

* * *

די שטענדיקע צוזאַמענשטויסן פון ליניע און קרייז באַשאַפן דעם ריטם אין אוניווערז. דער ריטם אין אוניווערז איז דאָס לעבן אין אוניווערז. אזוי גיך עס הערט אויף דער צוזאַמענשטויס צווישן ליניע און קרייז אויף א וועלכער נישט איז פלאַך פון דער סובסטאַנץ, גייט דאָרט מאָמענטאַן דער געגעבענער מאָדוס פון קרייז אין א ליניע איבער, הערט אויף צו לעבן, אָבער נישט צו עקזיסטירן. ווייל אין דעם אַטריבוט פון זיין, וואָס איך רוף עקזיסטענץ, זענען ליניע און קרייז שותפים.

* * *

ליניע און קרייז, און די אַטריבוטן עקזיסטענץ און לעבן, זיינען ווי א צווילינג, וואָס איז צוזאַמען און אין איין צייט און פון איין טראַכט אַרויס, און פון איין פּאָטערס לענדן געבוירן געוואָרן. אָבער די ליניע איז נישט נאָר דער מענליכער טייל פון דעם צווילינג, נאָר איז אויך אלס ערשטע געבוירן געוואָרן.

* * *

אומענדליך איז די צאָל פון די קרייזן, וואָס זיינען איינס, אומענדליכע די ליניעס, וואָס זענען איינע. אלע ליניעס זענען אין טיפן תוך פּאַראַלעל, אלע קרייזן זענען אין טיפן תוך איינגעשלאָסן אין איין אייביקן קרייז. אלע ליניעס, וואָס מיר באַנעמען מיט אונזער שכל, זענען בלויז מאָדוסן פון דער ליניע, אלע קרייזן, וואָס מיר באַנעמען מיט אונזער שכל, זענען מאָדוסן פון דעם קרייז. לענג־און ברייט זענען אין דער אומענדליכקייט בלויז מאָדוסן פון דער ליניע.

איך קען מיר פאָרשטעלן ליניע אָן קרייז. איך קען מיר אָבער נישט פאָרשטעלן קרייז אָן ליניע. מאָדוסן פון דער ליניע, וואָס הערן אויף צו עק־זיסטירן, ווערן ווידער דאָס זעלבע, וואָס זיי זענען פריער געוועזן — ליניע.

מאַדוסן פון קרייז, וואָס הערן אויף צו עקזיסטירן קענען אויך איבערגיין אין אנדערע מאַדוסן פון קרייז, אָבער זיי קענען אויך איבערגיין אין ליניע. און דאָס איז דער פונדאמענטאלער חילוק צווישן ליניע און קרייז. זיי זענען א צווילינג, אָבער די ליניע איז די ערשטע געבוירן געוואָרן. זיי זענען א צווילינג, אָבער די ליניע איז דער מענליכער, דער קרייז — דער ווייבלעכער טייל פון דעם צווילינג.

* * *

די צוזאמענשטויסן פון ליניע און קרייז זענען זייער אייביק שפּיל, דער מאַדוס פון זיין, וואָס מיר רופן: לעבן. דאָס שפּיל מאניפעסטירט און סימבאַליזירט זיך אייביק פאר אונזערע אויגן אין דעם שפּיל פון די געשלעכטער, דער ליניע פון מאן און דעם קרייז פון פרוי. אין אַט דעם שפּיל איז אויך פארהאנען, ווי אין יעדן שפּיל, דער ערנסט פון דראָען. קוים טרעט די ליניע אריבער אַט די גרעניץ און ווערט ערנסט, אָדער דער קרייז טוט־עס, איז די קאטאסטראָפע נישט צו פארמיידן.

* * *

אין דעם פּראָדוצירן און באנוצן זיך מיט די אַטאָמישע באָמבעס זע איך די פארמעסטונג פון דער ליניע צו צעשטערן דעם קרייז. שפּיל פון ליניע מיט קרייז, וואָס דראָעט אריבערצוגיין די גרעניץ פון דראָען, ממילא אויפהערן צו זיין שפּיל. ווארום אין דעם צוזאמענהאלטן זיך פון די קרייזן, אין יעדן אטאָם באזונדער, סימבאָליזירט זיך די נויטווענדיקייט פון דער אייביקער עקזיסטענץ פון קרייז — אויב לעבן זאָל זיין אויף אונזער פּלאַנעט און אוניווערז בכלל. די עקספּלאָזיעס פון די אטאָמישע באָמבעס, פארארזאכט דורך מענשן, מאניפעסטירן און סימבאָליזירן מיט זיך די אטאקעס, שוין נישט מער צוזאמענשטויסן, נאָר אטאקעס, פון דער ליניע אויפן קרייז מיט דער דייטלעכער כוונה אים צו צעשטערן. דער קרייז ווערט זיך מיט אָלע זיינע כוחות, סאַי פיזישע אין יעדן פּרט פון אטאָם, סאַי גייסטיקע אין יעדן כלל פון אטאָמען, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך א מאָדוס פון לעבן, אָדער א כלל־מאָדוס פון אסך לעבנס. דער קרייז שלאָגט צוריק, ווארפט זיך אויף דער ליניע. שטארקער איז אָבער די ליניע. און כאָטש אין דער ליניע, אין איר טיפן וועזן, איז דאָ מער ליבע צום קרייז ווי האס צו אים, (אזוי ווי אין דעם מענשליכן צווילינג טאקע) טאָמער וועט עס אָבער קומען צום אולטימאטיוון צוזאמענשטויס — וועט די ליניע, אָדער וועלכער נישט איז מאָדוס אירער, צעשטערן אין קאמף דעם קרייז. יעדער מאָדוס פון דער ליניע וועט אין קאמף איבערדויערן דעם קרייז; די ליניע, וואָס איז כולל אָלע מאָדוסן פון דער ליניע, וועט אין אולטימאטיוון פארמעסט איבערדויערן דעם קרייז, וואָס איז כולל אָלע מאָדוסן פון קרייז.

* * *

אויב עס איז עפּיס געווען אײדער ליניע און קרייז זענען געווען, איז געווען ליניע אָן קרייז, אָבער עס איז נישט געווען קרייז אָן ליניע. אויב די קריגערישע צוזאַמענשטויסן פון קרייז און ליניע, דאָס ווייטערדיקע פּראָ־דוצירן און אטאַקירן מיט אַטאָמישע באָמבעס, וועט נישט אויפהערן, קען פאַרקומען א טײלווײזע צעשטערונג פון דעם אוניווערז, דאָס הייסט פון יענעם טייל זיינעם, ווו עס גרייכן אָט די אַטאַקעס, דאָס הייסט פון יענעם טייל זיינעם, וואָס מיר מענשן האלטן אָקופּירט. עס קען אויך זיין, אז דאָס וועט זיין בלויז א פּרעלודיום צו דער דורכאויסיקער צעשטערונג פון דעם אוניווערז, צעשטערונג פון אלע מאָדוסן פון קרייז און ממילא דאָס אויפהערן פון דער עקזיסטענץ פון קרייז. זיין אבסאָלוטע ווידערפּאַריניקונג מיט דער ליניע. מיר האָבן פריער געזאָגט, אז דער קרייז איז אייביק צוזאַמען מיט דער ליניע. אָבער נאָך דעם אויפהערן פון קרייז און ליניע וועט אויך אויפהערן דער באגריף פון דער אייביקייט, וואָס מיר האָבן היינט. דעריבער איז אין די רייד א לאָגישע סתירה, אָבער נישט קיין אבסאָלוטע סתירה. אין אזא פאַל וועט אויפהערן סאַי לעבן און סאַי עקזיסטענץ און עס וועט בלייבן דער ערשטער מאָדוס פון זיין — דאָס זיין אליין — וואָס איז גלייכצייטיק אויך זיין ערשטער פון די דריי אטריבוטן, וואָס דורך זיי דערקענען מיר דאָס זיין. דאָס אבסאָלוטע זיין קען זיין בלויז אין דער ליניע. די ליניע קען זיין בלויז מיט דעם אבסאָלוטן זיין. צו איר זיין דאַרף זי נישט קיין עקזיסטענץ און נישט קיין לעבן.

דער מענש, דער שותף צום אוניווערז, אין בעסטן, ספּינאָזיסטישן זינען זאָג איך עס, האָט א רעכט צו באנוצן זיך מיט אלע כוחות, וואָס דער אוניווערז פאַרמאָגט, איינשליסנדיק די אַטאָמישע קראַפט. און לעגאַל — אין אוניווערסאלן זינען — וועט ער האנדלען, ווען ער וועט זיך באנוצן מיט דער אַטאָמישער קראַפט, אָבער נאָר צום דייטלעכן גוטס פון אוניווערז און דאָס הייסט: צום צוזאַמענלעבן און פרידלעכן שפּיל פון דער ליניע און פון קרייז.

* * *

אזוי צעשטערט דער מאַן טײלווײז די פרוי ווען ער בויט מיט איר הילף די ווייטערדיקע דורות. און דאָך — מחמת ליבע און ווייטערלעבן — איז דער ציל אזוי לעגאַל, אז ער מאַכט אויך לעגאַל דאָס טײלווײזע צעשטערן פון דער פרוי. און דאָס טון איז גוט אין די אויגן פון גאָט, און עס איז גוט אין די אויגן פון יעדן מענש און גוט אפילו אין די אויגן פון יעדער פרוי אינדיווידועל, וואָס מאַכט דורך דעם פּראָצעס פון צעשטערט ווערן. אָבער עס איז גוט נאָר דעמאָלט, ווען עס הערשט קעגנזייטיקע דיסציפּלין און האַר־מאָניע צווישן ליניע און קרייז, מאַן און פרוי. אדרבא, א פרוי אין וועלכער די טײלווײזע צעשטערונג און אויפבויאונג איז פאַרגעקומען פילט זיך פער־

פּעקטער ווי יענע פּרוי, וואָס האָט עס נישט דורכגעמאַכט און אַזעלכע פרויען זוכן זיך אַפילו צו קאָמפּענסירן אין זייער לעבן דורך אַנדערע מיני אויפבויערישע אַקטן.

* * *

עס איז כדאי נאָך מער צו מעדיטירן וועגן די דריי אַטריבוטן פון זיין אין אוניווערז.

דאָס אַבסטראַקטע זיין. עס איז אַ ריין קאָסמישער באַגריף. ער אַנט אונז בלויז. פאַרשטיין דורכאויס קענען מיר אים בשום אופן נישט.

דאָס קאָנקרעטע עקזיסטירן. די קאָנקרעטע פאָרמען פון עקזיסטענץ קענען מיר אָבסערווירן אויף שריט און אויף טריט בשעת מיר אַליין לעבן. מיר זעען דאָס עקזיסטירן פון דער טויטער מאַטעריע אומעטום. מיר זעען אויך דעם אַריבערגאַנג פון לעבן צו עקזיסטענץ. אָדער פון אַ העכערער און אינדיווידועלער פאָרם פון לעבן צו אַ נידריקערער און מולטיפּליצירטער פאָרם פון לעבן. דאָס עקזיסטירן איז דורכאויס קאָנקרעט פאַר אונזערע חושים און ממילא דורכאויס צוגענגליך צו אונזער מוח, צו אונזער באַגריפן־וועלט.

צום־בעסטן באַנעמען מיר דאָס לעבן.. מיר לעבן דאָך אַליין. און אַזוי ווי מיר לעבן אַליין, קענען מיר זיך אויך פאָרשטעלן לעבן אין דער עקזיסטענץ. מיר באַנעמען דאָס לעבן פון די פלאַנצן. מיר באַנעמען לעבן אין טיילן פון די פלאַנצן. מיר באַנעמען אינדיווידועל לעבן אין טיילן פון אונזער גוף. צו אונזערע רמ״ח אברים האָבן מיר אַ שטאַרק אינדיווידועלן צוגאַנג. מיר האָבן רחמנות אויף איינצלנע גלידער אונזערע — ווען זיי ליידן. מיר פרייען זיך מיט זיי מיט זייערע ספּעציעלע פריידן.

אַז אַ מענטש הערט אויף אינדיווידועל אַלס יחיד צו לעבן, הערט דער־מיט זיין גוף און זיין נשמה נישט אויף צו עקזיסטירן. גייט דעמאָלט זיין גוף אַריבער אין זיין עקזיסטענץ — און אַפילו אין אַ רעגרעסירנדיקער און דע־גענערירנדיקער פאָרם פון לעבן — אָן לעבן לויט מענשליכן באַגריף פון טאָגטעגליכן לעבן. און אויך די נשמה גייט איבער אין איר עקזיסטענץ אָן לעבן לויט דעם טאָגטעגליכן באַגריף פון לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן, ווייטער־לעבן פון דער נשמה, שטעלן מיר זיך אויף פאַרשידענע אופנים פאָר. אָפּ־לייקענען עס מיט דער פולער און איבערצייגנדיקער לאָגיק קען קיינער נישט.

די דריטע פאָרם, נאָך לעבן און נאָך עקזיסטענץ, איז דאָס אייביקע זיין — ווו גוף און נשמה ווערן ווידער איינס. ווערן נאָך איינסער ווי זיי זענען אַלס די צוויי אַטריבוטן — ווי ספּינאָזאַ פאַרשטייט זיי — געדאַנקליכקייט און אויסשפּרייטונג פון דער סובסטאַנץ. סובסטאַנץ קענען מיר זיך פאָרשטעלן

דורך די צוויי אטריבוטן. אָבער דאָס אבסאָלוטע זיין איז אויך אויסער די גרעניצן פון דער סובסטאנץ — און דאָס קענען מיר זיך שוין נישט פאָרשטעלן, עס קען אונז בלויז אָנען. די אבסאָלוטע ליניע קען אונז בלויז אָנען. ספינאָזאס סובסטאנץ־באַנעם איז דאָך געבונדן צו קרייז און ליניע — כאָטש ער האָט דאָס, און אין דער פאָרם, קיינמאָל נישט ארויסעגזאָגט — ממילא: דאָרט ווו עס הערט זיך אויף דער צווילינג קרייז און ליניע— הערט אויך אויף די סובסטאנץ.

די צוזאמענשטויסן פון ליניע און קרייז זענען דאָ, נישט נאָר אבסטראקט און אומבאנעמליך פאר אונזערע חושים, כאָטש באגרייפלעך פאר אונזער גייסט, נאָר זיי מאניפעסטירן זיך אין סימבאָלן אין אונזער גאנצן לעבן ארום, סאי אין קאָסמאָס, סאי אין אונזער לאָקאלער גאלאקסע, דעם מילכוועג אין וועלכן אונזער זונענסיסטעם באוועגט זיך, סאי אין אונזער לאָקאלן זונען־סיסטעם. פארזונקען אין אייביקן קרייזן איז אונזער פלאנעט, אונזער ערד. איר לעבן שעפט זי פון איר אייביקן צוזאמענשטויס מיט דעם אייביקן שטראל, וואָס רעפּרעזענטירט די אייביקע ליניע.

* * *

די גאנצע מעכאניק איז געבויט אויף דעם געזעץ פון אקס און ראָד. אקס — די ליניע, און ראָד — דער קרייז. אזוי לאנג אקס און ראָד זענען צוזאמען, ליניע ארייגעריסן אין פרידלעכן שפּיל אין קרייז, באוועגט זיך עס און עס לעבט, איז דאָ לעבן. אז די אקס, די ליניע פאלט פון קרייז ארויס בלייבט שטיל דאָס ראָד. עס ווערט אויך שטיל ווען די ליניע ברעכט דורך דאָס ראָד און דאָס ראָד ווערט אויס קרייז. דאָס ראָד, דער קרייז גייט אויך ממילא אריבער אין א ווילד און א געפערליך לעבן ווען די אקס, די ליניע גייט אוועק פון צענטער, מאניפעסטירט א טענדענץ זיך צו צעשיידן מיט דעם קרייז.

* * *

מאַן איז ליניע, אייביקע ליניע; ווייב איז קרייז, אייביקער קרייז. אפילו סעקסועל איז זייער ביידנס סימבאָל — ליניע פון מאַן און קרייז פון פרוי. זייער אייביקער צוזאמענשטויס איז לעבן. פרוי איז די אייביקע פרייד. אפילו דעמאָלט ווען זי טרויערט איז עס נאָר א פאָרם פון דעם אויסדרוק פון בענקשאפט נאָך פרייד. פרוי וויל אייביק קרייזן ארום דער ליניע. מאַן איז דער אייביקער ערנסט. אפילו דעמאָלט ווען ער פרייט זיך איז עס נאָר אן אויס־דרוק פון בענקשאפט צום ערנסט צוריק. מאַן רייסט זיך אייביק פון קרייז ארויס, אָבער אין דעם רייסן זיך דערפילט ער ערשט, אז ער איז ליניע און דאָס פארשאפט אים דעם שטארקסטן באוווסטזיין פון זיין ערנסט. ער רייסט זיך אייביק פון קרייז ארויס און אייביק אין קרייז ארײן ציט עס אים צוריק.

* * *

זאָל אונז נישט פאַרפירן דער צופאַל, וואָס אין דער גראַמאַטיק איז דאָס מין פון דער ליניע — נקבה. די ליניע. דאָס מין פון קרייז — זכר. דער קרייז. דאָס האָט — נאַטירלעך — קיין שום באַדייטונג נישט. דאָס האָט אַ שייכות צום קלאַנג פון וואָרט, זיין איין — אָדער מער־טראַפיקייט.

* * *

גאָט איז ליניע און די וועלט איז קרייז. גאָט איז, עקזיסטירט און לעבט. אין אים זענען אַלע דריי אַטריבוטן פון אוניווערזאַלן זיין. גאָט איז און די וועלט עקזיסטירט און לעבט. דאָס אַבסאָלוטע זיין קען זיין אָן עקזיסטענץ און אָן לעבן. די עקזיסטענץ קען זיין אָן לעבן. דאָס לעבן שליסט איין אין זיך די פריערדיקע צוויי אַטריבוטן פון זיין. לעבן איז דער העכסטער אויס־דרוק פון זיין, דער ציל פון זיין. מעגלעך, אַז עס וועט אַמאָל קומען צו נאָך אַ העכערער פאָרם פון זיין, ווי עס איז לעבן, אַ פאָרם, וואָס איז מער ווי דאָס אַבסאָלוטע זיין, דאָס עקזיסטירן און דאָס לעבן.

* * *

דער קרייז קרייזט אַרום דער ליניע אין אַלערליי ווינקלען פון אַלע גראַדן פון קרייז. אין דעם בייטן זיך פון די ווינקלען פון די ליניעס אין קרייז איז די פאַרשידנאַרטיקייט פון לעבן. וואָס מער ווינקלען — אַלץ מער פאַרשידנאַרטיקייט. וואָס מער פאַרשידנאַרטיקייט — אַלץ מער לעבן. וואָס מער לעבן — אַלץ מער פערפעקציע פון לעבן.

* * *

ליניע איז ליכט אָדער פינסטערניש, אָדער אַ געפלעכט פון זייביידן. די פאַרבן זענען די קרייזן. נישט ליכט און נישט פינסטערניש אַליין, און נישט אין זייער צוזאַמענשטויס אפילו, ווערן זיי לעבן. לעבן ווערן זיי ערשט אין צוזאַמענשטויס מיט פאַרבן — וואָס זענען קרייזן. דריי גרונט־פאַרבן זענען פאַרהאַנען — מיינט אונזער אויג. זאָל דערפון געדרונגען זיין, אַז עס זענען פאַרהאַנען דריי גרונט־קרייזן? בשום אופן נישט. אָט רעפּרעזענטירט אי דאָס ליכט און אי די פינסטערניש די ליניע. און דערפון דרינגט דאָך זיכער נישט, אַז עס זענען פאַרהאַנען צוויי ליניעס. שוואַרץ־ווייס און אומענד־ליכע פאַרבן זענען נישט מער ווי איינע פון די אומענדליכע מאַניפעסטאַ־ציעס פון ליניע און קרייז, זיין און — עקזיסטענץ־לעבן.

* * *

עטיק איז ליניע — עסטעטיק איז קרייז. דער צוזאַמענשטויס פון דער עטיק מיט דער עסטעטיק באַשאַפט לעבן. די קולטור פון דער וועלט מאַני־פעסטירט זיך אַלס עטישע גרויס־קולטור און אַלס שטייגערישע קליין־קול־טור. די עטישע גרויס־קולטור איז ליניע, די שטייגערישע קליין־קולטור איז קרייז. פונקט ווי דער קרייז און די ליניע זענען געוועזן אויף דער וועלט

איידער זיי האָבן זיך מאַניפעסטירט אין דער ערשטער מדרגה פון עקזיסטירן און אין דער צווייטער מדרגה לעבן, אזוי איז אויך די אידעע פון דער עטישער גרויס־קולטור און דער שטייגערישער קליין־קולטור געוועזן אין דער וועלט איידער זיי האָבן זיך מאַניפעסטירט אין דייטלעכע פאָרמען. די ערשטע — די עטישע גרויס־קולטור — בעיקר אין דער פאָרם פון וואָרט, און די צווייטע בעיקר אין דער פאָרם פון טאַט. פונקט ווי קרייז און ליניע זענען אין אלע אייביקייטן געבונדן, אזוי זענען עטיק און עסטעטיק געבונדן. דאָס אבסאָלוטע זיין פון דער עטיק קענען מיר אָנען, פונקט אזוי ווי מיר קענען אָנען דאָס אבסאָלוטע זיין בכלל. אָבער זי פארלירט פאר אונז מענשן יעדן זינען. די אבסאָלוטע עטיק איז פאר לעבעדיקע מענשן פונקט אזוי זינלאָז אזוי ווי דאָס אבסאָלוטע געזעץ, אז צוויימאָל צוויי איז פיר — אויב מיר שטעלן זיך הינטער די צוויי קיין שום עקזיסטענצן נישט פאר, אָבער דאָס איז נישט מעגליך, ווייל ווען מיר זאָגן נאָר: צוויי — באַשאַפט אונזער דמיון באלד צוויי עפּיסן. און אפילו ווען מיר זאָגן ארויס אן אסטראָנאָמישע ציפער מיט צוויי — צוויי קווינטיליאָנען — זאָגט אונזער דמיון באלד: צוויי קווינטיליאָנען מיילן. און דאָס הייסט שוין — עפּיסן. דער נישט פילאָזאָפי־שער מענש, דער אונטערמענש, קען זיך פאָרשטעלן אבסאָלוטע עסטעטיק אָן עטיק. אבסאָלוטע עסטעטיק אָן עטיק איז פונקט אזוי זינלאָז ווי קרייז אָן ליניע.

* * *

עטישע גרויס־קולטור איז יודעאיש און שטייגערישע קליין־קולטור איז העלעניש. יודאיזם איז ליניע און העלעניזם איז קרייז. די אידעען פון יודא־יזם און העלעניזם זענען געוועזן אויף דער וועלט לאנג, לאנג פאר דעם אויפ־קומען פון די צוויי פעלקער, וואָס זענען — א דאנק א לאנגער קייט פון סי־בות און ווירקונגען — געוואָרן די טרעגער פון די יודעישע און די העלע־נישע אידעען. פונקט ווי די העלענישע אידעען זענען נישט מער צוגעבונדן צו די גריכן — אזוי זענען די יודעישע אידעען נישט מער אויסשליסלעך צוגעבונדן צו די יידן. מען מוז אָבער צוגעבן, סיידן בייזוויליקייט אָדער אנ־טי־יודעישע אפעקטן דיקטירן אנדערש, אז די יודעישע אידעען זענען אין א גרעסערער מאָס צוגעבונדן צו די יידן ווי די העלענישע אידעען צו די גריכן פון היינטיקן טאָג. און אויך דאָס איז נישט קיין פארדינסט פון די יידן און נישט קיין שולד פון די גריכן — נייערט אן אויסווירקונג פון א לאנגער קייט פון סיבות.

* * *

אויב פראנקרייך, אין דער צייט פון איר גרויסער רעוואָלוציע — האָט זיך פארנומען בעיקר מיט דער עטיק פון דעם גאנצן מין מענש, איז פראנק־רייך אין יענער צייט געוועזן דער פאָנענטרעגער פון יודאיזם אויף אונזער

פּלאַנעט. און אפשר אין גאַנצן קאָסמאָס. עס זענען דאָך פאַרהאַנען מחשבות ביי אסטראָנאָמען, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַז אויף קיין שום אַנדערן פּלאַ־נעט איז נישטאָ מער אַזאַ הויכאַנטוויקלטע פאָרם פון לעבן, ווי דאָס לעבן פון דעם מין מענש. אויב די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן דאָס זעלבע געטון, זענען זיי, אין יענער צייט, געווען די פאָנענטרעגער פון יודאיזם אויף אונזער פּלאַנעט. און אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך אַ צייטלאַנג מיט די אידעען פאַרנומען — איז ער, אין יענער צייט, געווען דער פאָנענטרעגער. און — נאַטירלעך — ווו און ווען די יידן זענען געווען בעיקר — אין דער געגעבענער וועלט־סיטואַציע — די טרעגער פון דעם יודעאישן געדאַנק, דעם געדאַנק פון אבסאָלוטער גערעכטיקייט, זענען זיי געווען דערמיט אויך די פאָנענטרעגער, און נישט נאָר די טרעגער, פון דעם געדאַנק.

* * *

און — צוליב אַלערליי, לרוב אויסערלעכע — סיבות איז דער ייד צום אָפּטסטן געווען דער טרעגער פון יודאיזם אין דער וועלט. מיט דעם אַריינ־רוקן אין דעם פריערדיקן זאַץ די צוויי ווערטער: לרוב, אויסערליכע — האָב איך, גלויב איך, אויסגעמעקט יעדן חשש אפילו, אַז שאָוויניזם דיקטירט מיר די מחשבות. אין צייטן, ווען דער ייד האָט זיך מיט די אידעען פון גאַנצן מין מענש אין דער רעם פון דער וועלט, נישט פאַרנומען, איז ער נישט גע־ווען דער פאָנענטרעגער פון יודאיזם, כאָטש ער האָט היסטאָריש נישט אויפגעהערט צו זיין אַ ייד. ייד און יודאיזם איז נאָענט, אפשר צום נענסטן — צוליב אַ קייט פון אויסערליכע סיבות — אָבער נישט אידענטיש. גרויסע מאַסן פון יידישן פאָלק באַלאַנגען צו די אומצאָליקע קרייזן פון דער שטייגערישער יידישער קליין־קולטור. אָבער האָבן לחלוטין קיין שום שייכות נישט צו דער ליניע פון דער עטישער יידישער גרויס־קולטור. קיין סטאַטיסטיק איז קיינמאָל אין דעם פרט נישט דורכגעפירט געוואָרן, וואָלט מען זי דורגעפירט, וואָלט מען זיך אפשר ממש דערשראָקן פאַר דעם פאַקט ווי ווייניק יידן עס זענען טרעגער פון יודאיזם.

* * *

ווי אומעטיק די פּאָר ווערטער דאָ ווייטער זאָלן נישט זיין, זאָגן מוז איך זיי: פאָלק איז אין דער אמתן דאָס, וואָס אַ קליינע כיתּה אין אָט דעם פאָלק חלומט וועגן אים. אַ מין כת בעלי חלומות, אָדער בעלי מחשבות. אויך די גאַנצע מענשהייט איז נישט מער ווי דאָס, וואָס אַ קליינע כיתה מענשן חלומען וועגן איר. און אַזוי מיט אַלע פעלקער. אמאָל איז עס אַ כת שקרנים בלויז אין אַ געוויסן פאָלק, ווי עס האָט אונז געלערנט די לעצטע דערפאַ־רונג אין דער וועלט־געשיכטע. דער אמת איז, אַז יעדעס פאָלק, און אויך

אונזער פאָלק, באשטייט פון צוויי קארדינאַלע טיילן, דעם בלויז קוואַנטיטאַ־טיוון און דעם קוואַליטאטיוון.

* * *

און אויב עס איז שוין צו רייד געקומען — זאָל דאָ געמאכט ווערן א פּריוו צו דעפינירן די צוויי באגריפן, בעיקר פון יידישן שטאנדפּונקט. נישט איינגאנצן, אָבער דאָך, האָט אויך די באמערקונג א שייכות צו די אלע מחשבות. א קוואליטעטס־ייד איז א ייד, וואָס האָט א געוויסן סכום ידיעות וועגן זיין פאָלקס פארגאנגענהייט ביזן נעכטיקן טאָג ממש און באמיט זיך כסדר, לויט זיינע אינערליכע און אויסערליכע מעגליכקייטן, דעם סכום וויסן צו פארברייטערן און פארטיפערן. וואָס איז אָריענטירט אין דעם איצט פון זיין יידיש פאָלק, איז אָנגעשלאָסן אין איינער פון די יידישע באוועגונגען, ברענגט געוויסע קרבנות פאר איר, סאי פון זיינע מאטעריעלע מיטלען און סאי פון זיין צייט און— דער עיקר — באמיט זיך איינצושטעלן די שריט פון זיינע נאָענסטע און — ועל כולם — די שריט פון זיינע אייגענע קינדער, אויב ער האָט זיי, אין יענער ריכטונג. וואָס האָט א חלום פון א יידישער צוקונפט אין דער רעם פון דער וועלט, טראכט וועגן איר און איז גרייט פאר איר זיך מקריב צו זיין, אויב גרויסער קרבן זועט געפאָדערט ווערן. פארגאנ־גענהייט, איצטיקייט, קומענדיקייט. שיר נישט אן אנטראָפּאָמאָרפיזירטער טעטראגראַמאַטאָן. אויך אין יענעם מיסטישן וואָרט איז „יוד" דאָס ערשטע אות. אָט דאָס איז א קוואליטעטס־ייד. קוואַנטום־יידן זענען אלע איבעריקע. אלע איבעריקע, וואָס צוליב וועלכער נישט איז סיבה האלטן זיי זיך אליין פאר יידן, אָדער ווערן פון אנדערע פאר יידן געהאלטן און קענען זיך פון דער פעטליע נישט ארויסרייסן, אָדער ווילן עס נישט.

* * *

אין איינעם פון די פאראגראפן האָבן מיר געטראכט וועגן דער מעגליכ־קייט פון קעגנזייטיקן איבערדויערן פון ליניע און קרייז. מיר זענען געקומען צום אויספיר, אז קרייז אָן ליניע קען נישט עקזיסטירן און נישט לעבן. ליניע אָן קרייז — יאָ. דאָס אבסאָלוטע זיין געהערט נישט צו די אַטריבוטן פון קרייז. אין איר טיפסטן וועזן, אין איר טיפסטן מהות, ווייסט די ליניע פון דעם אמת, איר אמת. דער קרייז ווייסט פון דעם אמת נישט אין זיין טיפסטן וועזן. דער קרייז ווייסט נישט, אז ער קען נאָר א געוויסע צייט ווייטער־לעבן, אויב ער רייסט זיך אָפּ פון דער ליניע. א געוויסע צייט בלויז קען ער ווייטער זיך לעבן־דרייען מיט דער אינערץ, וואָס די ליניע האָט אין אים ארייננגעגעבן. אָט פונקט ווי א ראָד — און דאָס איז אזוי קלאָר פאר אלעמענס אויגן — וואָס איז אראָפּגעפאלן פון דער אקס אין מיטן לויפן.

* * *

באוועגונג און קרימונג, און דערמיט לעבן, פרייד און שיינקייט זענען אייגנשאַפטן פון קרייז. רו און גלייכקייט זענען די אייגנשאַפטן פון דער ליניע. דערמיט שטעלט זיך די ליניע אויסער די גרעניצן פון שיינקייט. זי איז נישט העסליך, זי שטייט בלויז אויסער די גרעניצן פון שיין און נישט שיין. לו יהי שוואַרץ, ווייס און פאַרבן. שוואַרץ און ווייס זענען נישט שיין און נישט העסליך. פאַרבן קענען זיין שיין, אָדער העסליך. נאַטירלעך רעדט זיך עס דאָ וועגן אבסאָלוטן ווייס און אבסאָלוטן שוואַרץ. איז עס בלויז א צופאַל, וואָס דער טעות, אונטער וועלכן דער ייד פאַרבינדט זיך דירעקט מיט גאָט, איז דורכאויס א קאָמבינאַציע פון ווייסע און שוואַרצע ליניעס? עס איז נישט קיין צופאַל בלויז. די עטרה איז בלויז א העלענישער צוגאָב צום טלית. צו זיינע עלעמענטן געהערט זי נישט. וועגן די אייגנשאַפטן זייערע ווייסן די ליניע און דער קרייז. דער יודאיזם און דער העלעניזם. אָבער דער העלעניזם ווייסט נישט (ווייל דאָס אונטערבאַוווסטזיין אין דעם פּרט פעלט אים, ווייל וואָלט ער דאָס אונטערבאַוווסטזיין געהאַט, וואָלט ער זיך אליין מיט דעם אָפּגעשוואַכט, און דאָס איז קעגן דער נאַטור פון יעדער עקזיסטירנדיקער און אוודאי שוין לעבעדיקער זאַך), אז אין טיפן תוך איז ער שוואַכער פון יודאיזם. דער יודאיזם פאַרמאָגט אָבער אָט דעם אונטערבאַוווסטזיין פון זיין גרעסערער שטאַרקייט איבער דעם קרייז. עס איז נישט זיין פאַרדינסט, עס ליגט אין זיין נאַטור. און ווייל עס ליגט אין זיין נאַטור — נעמט ער זיך מיט דעם נישט איבער. אָבער עס ליגט פאַרט אין זיין נאַטור און ער האָט עס איז זיין אונטערבאַוווסטזיין און זיינע האַנדלונגען זעען אָפּט אויס, אזוי ווי ער וואָלט טאַקע געהאַט געהיימע פאַרבינדונגען מיט גאָט. סימנים דערפון שלאָגן זיך דורך, ווי בלוט פון א געהיימער ווונד דורך מלבושים, דורך האַנדלונגען פון יידן, וואָס זענען שוין אפילו זייער לאַנג אָפּגעריסן פון יידישן שטאַם, אָדער לעבן אונטער רעזשימען, וואָס פאַרטראָגן נישט קיין ספּעציעל יידישע האַנדלונגען. אזוי ביי יידן־יחידים און אזוי ביי יידישע גרופּעס. אזוי אַמאָל ביי אסימילירט-געשמדטע יידישע גרופּעס אין דייטשלאַנד און אזוי ביי יידן, וואָס לעבן שוין דרייסיק יאָרן אונטער דעם סאָוועטישן רעזשים. דער טיפער סוד פון יידישן קידוש השם איז טאַקע צו פאַרשטיין נאָר מיט דער הילף פון אָט דעם אונטערבאַוווסטזיין. אויך דער טיפער סוד פון דעם אייביקן וווּנדערן זיך פון דעם העלענער איבערן יידישן קידוש השם. דאָרט האָבן מיר צו טון מיט א פאַרבאַהאַלטענעם סופּעריאָריטעטס־קאָמפּלעקס, אָדער אפשר דאַרף מען דאָ זאָגן „אונטער־קאָמפּלעקס", אין צווייטן פאַל מיט א פאַרבאַהאַלטענעם אינפעריאָריטעטס־אונטער־קאָמפּלעקס. (אנטקעגן דעם וואָרט „אונטערבאַוווסטזיין").

* * *

דער יודאיזם איז נישט בעסער ווי דער העלעניזם. דער העלעניזם איז נישט שענער ווי דער יודאיזם. כאָטש אין אלגעמיין ווערט אָנגענומען אז אין וועזן פון ערשטן איז שיינקייט, אין וועזן פון צווייטן גוטסקייט. אין מהות פון דעם וואָרט „גערעכטיקייט" אָדער „רעכט" איז אויך דאָ דער מהות פון „ליניע" און דאָס איז דער פונדאמענטאלער חילוק צווישן יודאיזם און העלעניזם.

* * *

מיר מענטשן, וואָס זענען צוגעבונדן מיט אונזערע חושים צום לעבן — האָבן מער פון אלץ ליב דאָס לעבן אליין. און — אויב מיר פארשטייען דאָס לעבן טיפער — האָבן מיר אויך ליב דעם טויט. עס ליגט אין דער נאטור פון דער זאך, אז יידן קענען לייכטער באנעמען די ליבע צום טויט ווי נישט יידן. מאָמענטן פון א שטארקערער ליבע צום טויט ווי צום לעבן זענען אויס־נאמס־מאָמענטן. פארהאנען אזעלכע. דאָס זענען רגעס פון גרויסע ליידן — פיזישע צי גייסטיקע — און אויך רגעס, ווען אונזער לעבנס־ווילן גופא, אָדער לעבנס־ליבע גופא, ווערט צוליב סיבות מיד.

* * *

אויב מיר פארמאָגן געוויס באוווסטזיין, קענען מיר זייער לייכט ליב האָבן אי דאָס לעבן און אי דעם טויט, ווייל מיר ווייסן דאָך דעמאָלט, אז דורך דעם טויט הערן מיר נישט אויף צו עקזיסטירן. פון זיין איז דאָך שוין אָפּ־געערדט. נישט אונזער גוף — קרייז — הערט אויף צו עקזיסטירן, און נישט אונזער ליניע — נשמה. די ווייטער־עקזיסטענץ פון אונזערע גופים נאָך אונ־זער טויט, נאָך מענשליכן טויט, קענען מיר לייכט אָבסערווירן מיט אונזע־רע חושים. מיט די זעלבע, נישט געוויס פערפעקטע חושים, קענען מיר אָבער נישט אבסערווירן די ווייטער־עקזיסטענץ פון אונזערע נשמות. נאָך אונזער טויט, און דעריבער זענען די באגריפן פון דער ווייטער-עקזיסטענץ פון דער נשמה פארנעפּלטע און סתירותדיקע.

אז די יידישע רעליגיע איז נאָך געוועזן נענטער צו איר אורקוואל, נעג־טער צו איר געטליך־געניאלן באשאפער — ווער ער זאָל נישט האָבן גע־וועזן, צי פון אונזער שטאם, צי נישט — איז זי געוועזן אזוי דורכגענומען מיט דעם באוווסטזיין פון דער ליניע אירער, אז זי האָט אפילו נישט גע־טראכט פון א סוראָגאט פון א „יענער וועלט". דעמאָלט האָט נאָך אין איר שטארק געלעבט דאָס באוווסטזיין, אז די וועלט איז יענע וועלט גלייכצייטיק. וואָס ווייטער די יידישע רעליגיע, די יידישע וועלט־באנעמונג, איז אוועק פון איר אורקוואל, וואָס מער זי איז פארמישט געוואָרן מיט דער העלעני־שער וועלט־באנעמונג, וואָס מער די קרייזן האָבן אָנגעהויבן צו קרייזן ארום דער ליניע, אלץ מער איז זי פארמענשליכט און פארלעבנט געוואָרן

און אַלץ מער האָט זי געמוזט טראַכטן וועגן א „יענער וועלט" ממש. דער אמת איז אָבער, אז „יענע וועלט" מיט איר גן עדן און גיהנום זענען א נישט-יידישע זאַך און קענען נישט האָבן קיין פּלאַץ אין באַנייטן יודעישן וועלט־באַנעם.

* * *

פּונקט ווי יחידים זענען מיט אַלע חושים צוגעבונדן צום לעבן — אַזוי זענען עס גאַנצע פעלקער. דאָס יידישע פאָלק, פּונקט ווי אַלע אַנדערע פעל־קער, האָט שטאַרק ליב דאָס לעבן. כאָטש פּונקט ווי אין יחידים, קומען פאָר אויך אין פעלקער פּעריאָדן פון מידקייט. אז יחידים הערן אויף צייטווייליק צו לעבן — הערן זיי שוין אויף אויף שטענדיק צו לעבן. נאָך דעם לעבן קע־נען זיי נאָר נאָך עקזיסטירן און נאָך אַריבער אין דער פאָרם פון זיין, אָבער צום לעבן קענען זיי זיך אינדיווידועל שוין מער נישט אומקערן. אָבער פעלקער קענען יאָ צייטווייליק אויפהערן צו לעבן, אַריבער אין דער בחינה פון עקזיסטירן בלויז, און מיט דער צייט ווידער אָנהויבן לעבן. פעלקער זענען ווי ביימער. עס איז פאַלש דאָס אָפטע פאַרגלייכן פון גאַנצע פעלקער־אָרגאַניזמען צו מענשליך־יחידישע אָרגאַניזמען. פעלקער־אָרגאַניזמען זענען ווי ביימער־אָרגאַניזמען. וואָלטן פעלקער געווען ווי יחידים — וואָלט אונ-זער יידיש פאָלק געדאַרפט איצט— און אָפט שוין אין אונזער געשיכטע— זיין לאַנג טויט. איז דאָך פון אונז איצט אָפּגעשניטן געוואָרן — מיט דעם אויסמאָרדן פון אונזערע זעקס מיליאָנען — א האַנט און א פוס און דער קאָפּ — אויב מיר וואָלטן א פאָלק פאַרגלייכט צו א מענשליכן יחיד. אָבער, אז מיר פאַרגלייכן א פאָלק, און זיך, צו א בוים — איז טאַקע פון אונז אונזער הויפּטשטאַם אָפּגעשניטן געוואָרן, אָבער דער אמתער קאָפּ פון א בוים איז גראַד אין זיין נידער, אין די וואָרצלען — און מיר קענען רעגענערירן און אפילו גיך רעגענערירן. שוין אין ערשטן זומער. ווייל דער אומקום פון די זעקס מיליאָנען איז נישט געווען אַן אויסדרוק פון אונזער מידקייט, אדרבא — די קאַטאַסטראָפע האָט אונז פאַרכאַפּט אין א מאָמענט פון אויפלעבונג — דעריבער איז דער רעגענעראַציע־און ווידער־אויפלעבונגס-ווילן אַזוי שטאַרק אין אונז, איצט, באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע. עס זעט שיר נישט אַזוי אויס, אז די קאַטאַסטראָפע האָט דערנעענטערט אונזער אולטימאַטיווע רעגענעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן, מיט אונזער אייביקייט געמאָסטן, קנאַפּ פאַר 1939, אונזערע משיחס־צייטן.

* * *

מיר האָבן פריער געזאָגט, אז אַן איינמאָל פאַרלוירן לעבן קען נישט ווידערגעפונען ווערן דורך דעם זעלבן יחיד אין אידענטישע באַדינגונגען. אָבער א פאַרלוירן לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען די מעטאַמאָרפאָזע פון

עקזיסטענץ, קומט ווידער אויף, נור נישט אונטער אידענטישע באדינגונ־גען. קומט אויף אין אן אנדערן גילגול. די גרעסטע טראגעדיע פון דעם מין מענש באשטייט אין דעם, וואָס כאָטש זיין איצטיקייטס־זכרון איז זייער גוט אנטוויקלט, באזיצט ער אָבער לחלוטין נישט קיין זכרון פון פארגאנגע־נע גילגולים. דאָס איז נוגע דעם יחיד־מענש. אָבער דער קאָלעקטיווער מענש באזיצט דעם זכרון פון פארגאנגענע גילגולים. א בלאט שטארבט יעדן הארבסט און קומט, אלס יחיד, קיינמאָל מער נישט אויף, אזוי מ׳יינט דאָס בלאט, אָדער וואָלט געמיינט, ווען עס וואָלט געטראכט. אָבער דער גאנצער בוים, דער כלל, ווערט יעדעס יאָר ניי־געבוירן. די בלעטער זענען די קרייזן, די לעבנס־פאָרמען, וואָס רינגלען ארום די ליניע, דעם בוים. כאָטש דער ייד, דער יודעער, האלט זיך זייער קראמפהאפטיק אין לעבן, ווי לאנג עס לאָזט זיך; אין אנטשיידנדיקן מאָמענט, נאָענט פון טויט — נעמט ער דעם טויט אויף מיט מער רואיקייט ווי דער העלענער. אין אים איז שטארקער אנטוויקלט דאָס אונטער־באוווסטזיין פון געדענקען פון פריערדיקע גילגולים — לעבנס. דער העלענער לעבט לייכטזיניקער, שפילט זיך און פארשפילט לייכטער דאָס לעבן. אין דער אנטשיידנדיקער רגע שטארבט דער ייד רויקער. אין פנים פון טויט ווערט קלאָר דער פונדאמענטאלער חילוק אין זייערע נאטורן — דער נאטור פון דער ליניע און דער נאטור פון קרייז. אויב עס וואָלט מעגליך געווען אויפצוהויבן זיך הויך־הויך איבערן איצט, און דער עיקר אויב א ייד וואָלט עס געקענט טון — און עס איז כמעט אוממעגליך דערוויל — וואָלט מען דאָס שטארבן פון די זעקס מיליאָנען דערזען ווי דאָס שטארבן פון א זעקסמיליאָניקען סאָקראטעס־רבי עקיבא.

* * *

דער נאציזם איז געווען — און אויף וויפיל ער עקזיסטירט נאָך, איז ער עס נאָך — די אבסורדאלע און מאקסימאלע פאָרם פון העלעניזם. דער נא־ציזם האָט געשטרעבט צום אוממעגליכן, צום זעלבשטענדיקן לעבן פון קרייז, אָן דער שטענדיק באלעבנדיקער און ריטמישער ווירקונג פון דער ליניע, דעם יודאיזם. דער נאציזם האָט זיך פארמאָסטן אויף דעם גרעסטן אבסורד, וואָס דאָס לעבן פון דעם פלאנעט האָט פראָדוצירט. דאָס ראָד האָט זיך פאר־מאָסטן אומצוברענגען די אקס, דער קרייז — די ליניע. און עס איז אפשר נישט קיין צופאל, וואָס דער נאציזם האָט אזויפיל גערעדט וועגן דעם, אז ער איז די אקס. ווי האָט ער געקענט זיין די אקס, אז ער איז געווען משוגע געוואָרענער קרייז? און עס איז נאטירלעך נישט קיין צופאל, וואָס אָט דאָס ראָד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אקס, האָט אליין געוואָלט ווערן אקס, האָט זיך אזוי גיך אראָפּגעקייקלט אין אָפּגרונט — מיטרייסנדיק א שטיק וועלט מיט זיך.

די ליניע האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרמאָסטן אומצוברעגגען דעם קרייז, ווי דער קרייז — אין די יאָרן 1933־1945 — די ליניע. און אויב א וועלכער נישט איז פירשפּרעך פון דער ליניע האָט אפשר ווען נישט איז, און צייטנ-ווייז, געטראַכט וועגן דעם, אָדער גערעדט וועגן דעם, איז דער געדאנק פּונקט אזוי אבסורדאַל ווי די פאַרמעסטונג פון דעם קרייז.

* *

דער קרייז און די ליניע זענען אין אלע אייביקייטן געבונדן מיט זיך, אויב לעבן דאַרף זיין אויף דעם פּלאַנעט. אין אייביקן ריטם זענען געבונדן דער ייד און די וועלט, די וועלט און דער ייד. דער ייד, דער אייביקער טרע־גער פון איינס־געדאנק אין דער וועלט — אָנהויבנדיק מיט משה׳ס איינס־געדאנק און ענדיקנדיק מיט ספּינאָזאַס איינס־געדאנק; דער העלענער, דער אייביקער טרעגער פון פיל־געדאנק אין דער וועלט. די שפּיל פון איינס מיט פיל און פיל מיט איינס איז לעבן. און לעבן איז דער זין פון דער וועלט. אָן קרייז האָט די וועלט קיין זין נישט, קיין באַוועגונג נישט, קיין לעבן. אָן ליניע קען זיך דער קרייז נישט באַוועגן, קען קיין זין נישט האָבן, קיין לעבן נישט.

* *

כאָטש אונזער יידיש פאָלק האָט אזויפיל בייגעטראָגן צום וויסן וועגן אטאָם, און כאָטש א פאָרשטייער פון אונזער פאָלק — איינשטיין — האָט געהאָלפן ביי דער אנטוויקלונג פון דעם אטאָם אלס וואפן, וואָס האָט אול־טימאַטיוו אָפּגעשטעלט דעם שותף פון דעם משוגע געוואָרענעם קרייז, זענען אָבער אויך פאָרשטייער פון אונזער פאָלק, מיטן זעלבן איינשטיינען בראש, איצט די ערשטע, וואָס וואָרענען וועגן דער גרויסער געפאַר. מחמת דאָס פאַרוואַנדלען די אטאָמקראַפט אין א צעשטערנדיקן וואפן איז גלייך צו א משוגע געוואָרענער ליניע, וואָס וויל דעם קרייז צעשטערן. און אויב די וואָרענער זענען נישט קיין יידן, שטייען זיי אונטער דער השפעה פון יודעי־שע אידעען. איך וויל דאָ קיין ווייטערדיקע נעמען נישט אָנרופן. די זאַך איז קלאָר גענוג.

* * *

יודאיזם איז געגאַנגען אין איין גלייכער ליניע, אָנהויבנדיק מיט משה ביז היינט. די ערשטע צוועלפהונדערט יאָר פון דעם גאַנג זענען גראַדליניק דאָקומענטירט אין תנ״ך. דאָקומענטירט מיט דער קאַנאָניזירונג. דאָס וואָס ער שטעלט זיך געשיכטלעך אָפּ א האלב מילעניום פריער קומט דאָ נישט אין פראַגע. קאַנאָן איז אויך גלייכע ליניע. יידישער קאַנאָן איז דאָ אין רוקנביין פון אונזער געשיכטע. ער איז נאָר נישט אזוי דאָקומענטירט נאָך ווי ער איז עס אין תנ״ך. אויך פאַר דעם איז איצט די צייט געקומען. אלע סמנים זאָגן דאָך, אז מיר לעבן אין דער צייט פון די צייטן. דער קרייז האָט קעגן דער לי-

ניע געקריגט און איז באזיגט געוואָרן. און עס זעט אויס ווי די ליניע פאַר־מעסט זיך אויפן קרייז. און אזוי ווי די ליניע איז שטאַרקער — איז טאַקע איצט די לעבעדיקע וועלט אין שפּיל.

* * *

און אויך פון אונזער ריין יידישן שטאַנדפּונקט איז איצט די צייט פאַר א נייעם קאַנאָן. אזוי האָבן מיר זיך אלעמאָל געפירט. נאָך אונזער ערשטן חורבן האָבן מיר קאַנאָניזירט דעם חומש, נאָך אונזער צווייטן חורבן — דעם נ״ך. נאָך אונזער דריטן חורבן, וואָס מיר האָבן בלי שום ספק איבערגעלעבט ווי די ערשטע צוויי חורבנות, דאַרפן מיר קאַנאָניזירן אונזער צווייטוויזנט־יעריקן חשבון מיט דער וועלט און מיט זיך.

* * *

ליניע זענען מיר ! לכל הפּחות אירע שלוחים. אחד איז דאָס גרויסע וואָרט אונזערס. איין גאָט איז געווען אונזער ערשטע גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונזער ערשטן חורבן. איין מענשהייט, וואָס איז אידענטיש מיט איין וועלט, איז געווען אונזער צווייטע, גרויסע איינס, וואָס מיר האָבן צו און אין דער וועלט געטראָגן נאָך אונזער צווייטן חורבן. איין מענש דאַרף זיין די דריטע גרויסע איינס, וואָס מיר דאַרפן איצט קלאָר מאַכן פאַר דער וועלט אין אונזער נייעם קאַנאָן, נאָך אונזער דריטן חורבן און גרעסטן קרבן.

* * *

קען זיין, אז ליניע איז אויך נישט מער ווי אילוזיע, אז אין קאָסמישן פאַרנעם איז זי אויך נישט מער ווי קרייז. פּונקט ווי קרייז ווערט דער גלייכ־סטער וועג אויף אונזער פּלאַנעט, אויב ער ציט זיך נאָר פערציק־טויזנט קילאָמעטער לאַנג אין איין ריכטונג. אָבער אָט אזוי טראַכטן איז טאַקע אין גרונט גענומען העלעניש, טראַגיש, פּעסימיסטיש. און איך בין א ייד.

* * *

און ווייל איך בין א ייד, ליגט עס אין מיין נאַטור אין מיטן פון לאַבי־רינט דעם פאָדעם צו זוכן. זוך איך אים. און אָט דאַכט זיך מיר, האָט זיך מיר ביים שרייבן די אלע בלעטער ביז איצט געדאַכט, אז א פאָדעם האָב איך דערזען און אויפגעהויבן און איך האַלט מיך ביי אים און עס דאַכט זיך מיר, אז ער פירט מיך פון לאַבירינט ארויס. און מיט זיין הילף האָב איך נאָר וואָס געמאַכט דעם ערשטן אומזיכערן שריט צו א נייער יידישער וועלט־באַנע־מונג נאָך די יאָרן 1933־1945. אַ נייער? אפשר אן אוראַלטער, אייביק דער־זעלבער.

* * *

איין גאָט, איין וועלט, איין מענש. די ליניע וויל לעבן הארמאָניש מיט דעם קרייז. דער קרייז מוז לעבן הארמאָניש מיט דער ליניע. דאָס איז נאָר מעגליך דעמאָלט, ווען אלע, אלע וועלן פאַרשטיין, אז איין מענש איז אזוי גרויס, און נאָך גרעסער, ווי איין גאָט, ווייל איין גאָט איז בלויז גאָט, איין מענש איז גאָט און מענש. מער. איין מענש איז דער דריטער און לעצטער יידישער איינס־געדאנק אין דער וועלט.

יוני 1947.

פון אייגענעם מחבר:

אויף דער שוועל — (יוגנט לידער) — — — — — —	לעמבערג — —	1912
רויזנענגראַז — (לידער) — — — — — — — — —	ווין — — —	1917
שפּינאָזא — (פיר לידער־סעריעס), — — — — — —	ווין — — —	1918
שפּינאָזא — (פאַרגרעסערטע, געענדערטע אויסגאַבע)	ווין — — —	1921
נאַקעטע לידער — — — — — — — — — — — —	ווין — — —	1921
דער קרן פון אלע מיינע לידער (פון זעקס ביכער)	װאַרשע — — — —	1922
פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן (לידער און באַלאַדן)	װאַרשע — — — —	1924
צו דער יידישער יוגנט (עסיי) — — — — — —	װאַרשע — — —	1924
בלוט אויף דער פאַן (דראַמאַטישע פּאָעמע) — —	ווילנע — — — —	1929
די פיר זייטן פון מיין וועלט (פיר פּאָעמעס) — — —	ווילנע — — — —	1929
ווייב און מאַן (דריי דראַמעס) — — — — — — —	ווילנע — — — —	1931
איבער אויסטראַליע (רייזע־בילדער, יוגנט אויסגאַבע)	װאַרשע — — — —	1937
קאָנטינענטן און אָקעאַנען (לידער, באַלאַדן) — —	װאַרשע — — — —	1937
לידער און באַלאַדן פון די לעצטע דריי־פיר יאָר —	מעקסיקע — — —	1940
מיין לעקסיקאָן — יידישע דיכטער, דערציילער, דראַ־ מאַטורגן אין פּוילן צווישן צוויי וועלט מלחמות	מאָנטרעאַל — —	1945
מיין לעקסיקאָן — יידישע שרייבער, קינסטלער און קולטור־טוער אין פּוילן — — — — — — —	מאָנטרעאַל — —	1947
67 לידער — — — — — — — — — — — —	בוענאָס איירעס	1946

* * *

בקרוב דערשיינען:

איך האָב געזוכט גאָט — מחברס אַנטאָלאָגיע.
די לידער פון מיינע לידער — מחברס אַנטאָלאָגיע.
די קרוינונגס־צערעמאָניע פון א יונגען יידישן דיכטער אין אַמעריקע — פּאָעמע. (וועט ארויס צוזאַמען מיט אן ענגלישער איבערזעצונג).

* * *

פון דעם מחברס מאַמען:

הינדע בערגנער — אין די לאַנגע ווינטערנעכט — — משפחה־זכרונות פון א שטעטל אין גאַליציע, 1870 — 1900. ארויסגעגעבן פון די זין: הערץ בערגנער און דעם אויטאָר פון דעם בוך — — — —מאָנטרעאַל — — — 1946

NORTHERN PRINTING & STATIONERY

נאָרטערן פּרינטינג

און סטיישאָנערי

די מאָדערנסטע
יידישע און העברעאישע ביכער-דרוקעריי
אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע

אַלערליי דרוק אַרבעטן — אויך אין ענגליש און פראַנצויזיש

מיר דרוקן אויך זשורנאַלן און צייטונגען

מיר טוען אונדזער אַרבעט
גיך, פּרעציז און ביליק

צ. א. האָבן מיר ביז איצט געדרוקט:

משניות — 6 בענדער
מיט איבערזעצונג און פּירוש אין יידיש
פון דר. ש. פּיעטרושקא

יידישע-פאָלקס ענציקלאָפּעדיע
פון דר. ש. פּיעטרושקא

ספרים פון ר׳ אברהם שטערן

געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע
פון ב. ג. זאַק

„מיין לעקסיקאָן״ — 2 בענדער
פון מ. ראַוויטש

און פיל אַנדערע

4844 St. Lawrence Blvd. • Montreal, Canada